STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05667

IN DI GETSELTEN FUN HABAD

M. Indritz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ם. אינדריטץ

אין די געצעלטען פון חב״ד

[באהלי חב״ד]

לעגענדעס וועגען דעם חסידישען רבי׳ן ר׳ שניאור
זלמן מליאדי, בעקאנט אלס דער „בעל התניא״
און אנדערע חסידישע ערצעהלונגען

פארלאג „קוריער״

שיקאגא, 1927 איללינאיז

געווידמעט דעם אנדענקען פון
מיינע טייערע עלטערען נפתלי
יהודה און הינדע אינדריטץ.

דער בעל התניא

אדמו"ר ר' שניאור זלמן מליאַדי

פאָרוואָרט

די אינטערעסאַנטע לעגענדען־זאַמלונג אַרום דעם לעבען און ווירקען פון דער חסידישער חב"ד דינאַסטיע, וועלכע קאָלעגע מ. אינדריץ האָט בעאַרבייט פון אָריגינעלע קוועלען, היסטאָרישע ווערק, קבלה־ספרים און מאַנוסקריפּטען, איז אַ פּראָדוקט פון אַ פינפיעהריגער פאָרשונג און ליטעראַרישער שעפּפערישער התמדה.

דער פּראָפעסער פון ווערק „אין די געצעלטען פון חב"ד" איז אַליין דורכגעדרונגען מיט דער חסידישער אידעאָלאָגיע און לעבענס־אויפפאַסונג אין פילאָזאָפישען זין פון וואָרט, אַ דאַנק זיין ערציהונג אין דער אייגענטימליכער חב"ד - אַטהמאָספערע, זיין נאָהנטער באַקאַנטשאַפט מיט די לעצטע גייסטיגע טרעגער פון „אַלטען - רב'ס" חסידישער שטה און זיין פאַרטיעפטען שטודיום פון דער חסידישער ליטעראַטור בכלל. טראָצדעם וואָס מ. אינדריץ גיט אָנצוהערען אין זיין הקדמה צו דער זאַמלונג, אַז ער האָט בעאַרבייט די אגדות פון דער חב"ד־גזע מיט אַ געוויסער אָביעקטיוויטעט, אין ריין נאַראַטיווער בעלעטריסטישער פאָרם, פריי און טענדענצלאָז, באַמערקט זיך אָבער אין זיין בעאַרבייטונג פון די פאָלקספאַנטאַסטישע ערצעהלונגען אויף שריט און טריט דעם פּראָפעסער'ס סוביעקטיווע באַציהונג צו אַלע גייסטעס־העלדען און פאַסירונגען פון דער עפּאָכע. כמעט אין יעדען אָפּשניט און קאַפּיטעל פון דער לעגענדען־זאַמלונג קען דער לעזער פיהלען דעם „זאַמלער'ס" ליעבע און וואַרימע אינטימע פאַרהעלטנים צו די פּערזענליכקייטען און וואָרטפיהרער פון דעם „בעל־התניא'ס" שטה, אַזוי ווי ער וואָלט אַליין איבערגעלעבט זייערע ליידען און וואונדער, זייער אידעאַליסטישען קאַמף, זייער גלות־לעבען און אָפּפערווילינקייט פאַר דער לעהרע און מסורה פון „בעל־שם".

ווען מען לעזט אויפמערקזאַם, צום ביישפּיעל, מ. אינדריץ'עס נאַטורבאַשרייבונגען, אין פאַרבינדונג מיט דער שוועהרער וואַנדערונג פון ר' שניאור - זלמנ'ס משפּחה נאָך דער רוסישער אַרמיי אין יאָהר פון

II

נאפאלעאנ׳ס קריעגסמארש אויף מאסקווע, באקומט מען דעם איינדרוק, אז דער פארפאסער קאנסטרואירט די באשרייבונג און די ווירקונג פון די נאטור־כחות אויף די פילאזאפישע יסודות פון „תניא“. אומבאוואוסטזיניג פילייכט אינדענטיפיצירט ער די גינסטיגע ווירקונג פון די נאטורקרעפטען אויף דער גלות־רייזע פון די חב״ד־פיהרער מיט א געטליכער אינטערווענציע אין קאמף פון גערעכטיגקייט געגען אומרעכט. די ווינטערדיגע זאווערוכע באקומט אין אינדריצ׳עס אויפפאסונג א מין שליחות פון „אל־אלוקי־הרוחות“ צו שטערען דעם וועג פון רוסלאנד׳ס ברוטאלען שונא און צו באשיצען די הייליגע חסידישע פיהרער פון אומגליקליכע באגעגענישען אין וועג. און פארקעהרט. ווען דער פארפאסער לאזט פאהרען דעם צדיק, אלס שליח־מצוה, צו מתקן זיין א געוויסע עולה אדער א זינד מיט זיין הייליגען ווארט און טהאט, שיינט־אויף די זון מיט א מין היילענדען אור־הגנוז, די פעלדער שמעקען מיט טויזענדער געשמאקע ריחות, די פויגלאך זינגען פרק־שירה, די בוימער דערצעהלען סודות און א מחיה׳דיג לופטיג ווינטעל דערפרישט די רייזענדע...

די געטליכע נאטור־שלוחים אליין העלפען דעם צדיק אין זיין מיסיע („אלהים“ בגימטריא „הטבע“). אזוי גלויבען באמונה־שלמה די חסידי־חב״ד. זיי קענען זיך אנדערש ניט פארשטעלען, אז דעם „רבי׳נס“ אקט פון אומבאגרעניצטע ליעבע צו מענשען, אז זיין שעהנער געטליכער רחמנות־געפיהל מוזען זיך אפשפיגלען אין דער נאטור און שאפען ארום זיינע מעשים אנ׳אטהמאספערע פון ליכט און חדוה, פון שעהנקייט און יום־טוב׳דיגקייט. די „עבודת־הבורא מתוך שמחה“ מוז געפינען אנ׳אפקלאנג אין אלע געטליכע כחות פון דער שאפונג.

פון דער דאזיגער חסידישער אויפפאסונג, אז די טבע אליין מוז דיענען דעם צדיק אין זיין הייליגע מיסיע, ווייל די טבע איז אויך א קדושה, האט זיך אינדריצ׳עס פסיכיק און אידעאלאגיע ניט געקענט באפרייען. ווען דער פארפאסער דערצעהלט די וואונדער אין די געצעלטען פון חב״ד, שטראהלט ארוים פון יעדען זאץ ניט בלויז דער חסידישער סטיל און זאפטיגער ווארט, נור אויך די חסידישע רעליגיעזע תמימות, דער חסידישער גייסט פון אמונה און בטחון און דאס געפיהל

III

פון דרך־ארץ און איינגענעם ביטול פאַר די הערויִשע פּערזענליכקייטען אין די „געצעלטען פון חב"ד". מ. אינדריץ האָט אין די לעגענדען פון דער חב"דישער פאַנטאַזיע, ווען ער שילדערט דעם ספּור־המעשה גופא, אויסגעמיידען, ווי ווייט זיין אינספּיראַציע האָט איהם ערלויבט, כמעט יעדע פּאָעטישע פאָרם און קינסטליכע פּראָזעאָלאָגישע באַפּוצונג. מיט דער אויסנאַהמע פון נאַטורבאַשרייבונגען, האָט דער זאַמלער פון די חבד־מעשיות זיך באַמיהט איבערצוגעבען די אגדות פון דער פאָלקס־פאַנטאַזיע אין אַ נאַטירליכע נאַראַטיווער פאָרם, אַזוי ווי אַ חסיד וואָלט זיי דערצעהלט.

דאָס איז נור בנוגע דער אויסערליכקייט פון די לעגענדעס, וועלכע זיינען באַשטימט פאַר'ן איינפאַכען לעזער, צו אַרויסנעהמען דערפון די קווינטעסענץ און באַקומען אַ קאָנספּעקטיווע כאַראַקטעריסטיק פון דער גאַנצער חב"ד־אידעאָלאָגיע.

אינערליך זיינען די לעגענדעס גופא פון דיכטערישער באַ־שאַפענהייט, ווייל זייערע מאַטעריאַל איז קינסטלעריש פאַרביג און קוואַלט מיט רעליגיעזען פייער. אינדריץ האָט דעם רויהען שטאָף פון די חב"דישע מעשיות באַווירצט מיט אַ וואַרימען חסידישען טאָן־אַרט, מיט אַנ'עכאָ פון חסידישער התלהבות, מיט אַ ספּעציפישער ליעבע און עהרפורכט צו די אַקטיווע פּערזענליכקייטען פון דער חב"דישער אַטהמאָספעריע.

די דאָזיגע פרישע „בשמים" צום אינהאַלט פון די לעגענדעס, מיט וועלכע דער זאַמלער האָט באַרופטיגט דעם חסידישען מאַטעריאַל, באַהויכען די חב"דישע ערצעהלונגען מיט עפּעס אַ פרומען הייליגען חן, מיט אַ נייעם גייסטיגען געשמאַק, וועלכע דער לעזער דערשפירט באַלד ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט אינדריץ'עס באַשרייבונגען.

און דאָס גיט צו דעם ווערק אַ געוויסע ליטעראַרישע באַדייטונג, שוין ניט רייִדענדיג פון קולטור־היסטאָרישען ווערטה.

דער פּראָפעסאָר האָט יאָהרענלאַנג אַליין געלעבט און געווירקט אין דער חב"דישער סביבה און אַריינגעזאַפּט אין זיך די שטה און דעם גייסט פון דער „תומכי־תמימים"־אַטהמאָספעריע אין ליבאַוויטש, וואו

עס האָט, ביז צו דער לעצטער איבערקעהרעניש אין רוסלאַנד, געקוואַלט מיט חב"דישער תורה און אמונה און וואו „די געצעלטען פון חב"ד" האָבען זיך קאָנצענטרירט פאַר די לעצטע 70 יאָהר.

די שטה „חכמה, בינה, דעת", וועלכע האָט געמאַכט אַ רעוואָ־לוציע אין דעם פּרימיטיווען חסידישען דאָגמאַטיזם, און האָט די חסידי־שע לעהרע געשטאַלטעט, אַלס קאָמבינאַציע פון מענשליכען פאַרנונפט און געפיהל, האָט איהר גייסט אַריינגעהויכט אין אַלע חב"ד־לעגענדעס און האָט איהם פאַרבאָרגען אין זייער פּאָעטישען אינהאַלט.

מ. אינדריץ האָט אין זיין זאַמלונג די דאָזיגע „נשמה" פון די חסידישע ערצעהלונגען ווידער אַמפּלעקט און אַרויסגעשטעלט פאַר דער עפענטליכקייט אין איהר פולען גלאַנץ. יעדער לעזער פון די געשיכטעס קען דעם גייסט פיהלען און געניסען און דאַרף דערצו ניט זיין דוקא קיין מאמין, נור אַנ'עסטעט מיט קלאָהרע געדאַנקען.

דעם מאָמענט פון אומבאַוואוסטזיניגער חסידישער „אמונה" און התלהבות ביי'ם איבערגעבען די לעגענדעס האָט שוין פאַר'ן לעזער אויס־געדריקט דער זאַמלער, ווייל זיין נשמה איז דורכאויס אַ חב"דישע פון נאַטורקוואַל־אַרויס. ער פיהלט זיינע העלדען און לעבט מיט זיי, ער ליעבט מיט זיי און ליידט מיט זיי — קורץ ער איז אַ מין גייסטיגער גלגול פון די חב"דישע געצעלטען!

דער פרומער חב"דניק, וועלכער גלויבט אין אַלע מעשיות פון זיינע גייסטיגע פיהרער, וועט געפינען אין אינדריץ'עס ווערק דעם אָפּקלאַנג פון זיין גלויבען, די אָפּשפּיעגלונג פון זיין געפיהל, און וועט דערזעהן אין די ערצעהלונגען, ווי זיין פאַרגאַנגענהייט און חסידישע מסורה שטעהען אויף פאַר איהם תחית־המתים און באַקומען נייע קאָלירען און אַ נשמה־יתירה. דער עסטעטישער פריידענקער וועט אין די ערצעהלונגען געפינען אינטערעסאַנטען שטאָף פאַר זיין פאַנטאַזיע, אַ נייע פאַרבינגע אידישע וועלט און לעבענספילאָזאָפיע אין אַלעגאָרישער פאָרם, אַנ'אוצר פון אידישער פאָלקספּאָעזיע מיט שעהנע רעליגיעזע קלאַנגען, אַ געשיכטליכע עפּאָכע פון אידישע נאַציאָנאַלע חלומות און אידעאַלע קאַמפען. דער ליטעראַרישער קריטיקער וועט זיך אפשר אָפּשטעלען אויף דער איינ־פאַכקייט און תמימות'דיגער פשטות פון די ערצעהלונגען אין אינדריץ'עס

„רעדאַקציע“ און וועט אין זיי געפינען אַ מאַנגעל אין פּאָעטישער פאָרם, אין ראַפינירטער אויסערליכער בעאַרבייטונג. אָבער דאָס איז ניט געווען דער הויפּטציעל פון אינדריץ׳עס ווערק! דער פּראָפעסער האָט בלויז געזוכט צו קאָנסערווירען אין די חב״דישע לעגענדעס די אינהאַלטליכע נשמה פון דער פאָלקסשאַפונג, דעם תמצית פון דער חב״דישער געדאַנקען־וועלט, און האָט גאָר ניט געפונען פאַר נויטיג צו באַקליידען דעם נאַטיר־ליך־דיכטערישען אינהאַלט פון די ערצעהלונגען אין אַ קינסטלערישען לוקסוס־טראַכט, וואָס זאָל בלענדען די אויגען. פאַר איהם איז גענוג ווען די בעאַרבייטע לעגענדעס פון חב״ד וועלען אפּעלירען צום האַרצען און שאַפען אַ חדוה׳דיגע שטימונג ביי די לעזער, וואָס בייגקען נאָך דער רעליגיעזער שעהנקייט פון דער חב״דישער טראַדיציע.

„אין די געצעלטען פון חב״ד“ וועט זיך קענען אָפּרוהען אויף אַלטע לאַרבערקרענץ פון דער חסידישער גבורה־שבתפארת די מיעדע בלאַנדזשענדיגע נשמה פון היימלאָזען בייגקענדען אידענטום.

דאַרום איז אינדריץ׳עס ווערק אַ וויכטיגער בייטראַג צו דער מאָדערנער חסידישער ליטעראַטור און אַ ווערטהפולע חב״דישע אַנטאַ־לאָגיע פאַר׳ן ליטעראַטור־היסטאָריקער.

די חב״דישע קולטור, וועלכע איז באַהאַנדעלט געוואָרען פון אַ רייהע באַריהמטע היסטאָריקער פון ליטווישען חסידיזם, איז אַנ׳אומער־שעפּליכער קוואַל פון שריפטליכע דאַקומענטען און מינדליכע טראַדיציעס איבער אַ הונדערט־יעהריגער עפּאָכע פון רעליגיעזער שאַפונג און קאַמף. די געשיכטע פון דער חב״דישער קולטור קען ניט ערגענצט ווערען אָהן דער פולער זאַמלונג פון די אָריגינעלע חב״דישע לעגענדעס אין אַ שעהנער אידישער שפּראַך, וועלכע מ. אינדריץ האָט צוזאַמענגעקליעבען און ליטעראַריש בעאַרבייט.

די מיטהאָלאָגיע איז געווען דער יסוד פון דער געשיכטע פאַר די אַנטישע פעלקער. „אין די געצעלטען פון חב״ד“ וועט דער געשיכטס־פאָרשער פון ליטווישען חסידיזם געפינען אַ פאַרטיגען סיסטעמאַטיזיר־טען מאַטעריאַל פאַר דער קולטורעלער, אידעאָלאָגישער און פילאָזאָפישער אָפּשאַצונג פון דער אינטערעסאַנטער רעליגיעזער עפּאָכע אין ליטווישען אידענטום.

אזא ווערק מוז געפינען פלאץ אין די ספרים־אוצרות פון יעדען דענקענדען איד'ן סאי צו באלעהרענדע און וויסענשאפטליכע צוועקען, סאי אלס סתם אינטערעסאנטער און הינרייסענדער לעזעשטאף פאר דעם וואס וויל גייסטיג דורכלעבען דאס לעבען און ווירקען, די מחלוקת־לשם־שמים און די הערא‏ישע שעהנקייט אין די יום־טוב'דיגע „געצעל־טען פון חב"ד".

שיקאגא, ר"ח כסלו, התרפ"ז. דר. א. מארגאלין.

דער בעל התניא און זיין וועלט אנשויאונג

בעאַרבייט פון פאַרשיעדענע קוועלען

א גרויסע הארץ און א גרויסער מח, א הויכער ענטוויקעלטער פארשטאַנד און נאָך א גרעסערע מעהר ענטוויקעלטע ליעבע צו זיינע מיטמענשען, איבערגעוועלטיגט פון דורשט צו וויסען און נאָך מעהר באהערשט פון געפיהלען און עמאָציעס, א זוכער פון אמת און א שטרעבער צום ריין עטהישען יושר, א גרויסער מענש און א גרויסער איד — אַט דאָס איז געווען דער גרינדער פון שיטת חב״ד, אדמו״ר ר׳ שניאור זלמן, באַקאַנט אין דער חסידישער וועלט אלס דער „בעל התניא“ אָדער „הרב מלאדי.“

און אַט דיעזע צוויי הויפט שטריכען פון זיין פערזענליכקייט — דער גרויסער מח, וועלכער זוכט, פאָרשט און שטרעבט אריינצודרינגען וואָס טיפער אין דעם סוד פון דעם וועלט־אַל, צו דערגעהן ווי וויית מעגליך דעם אמת׳ן אמת, צו געפינען און פארשטעהן דעם העכסטען געזעץ פון אַלע נאַטור געזעצען, און דאָס גרויסע הארץ, וואָס שלאָגט און באַוועגט זיך מיט ליעבע צו אַלעם און אַלעמען ארום זיך, וואָס פרעהט זיך מיט דער פרייד פון דער וועלט און ליידט דעם צער און פיהלט דעם וועהטאָג פון יעדען ליידענדען — אַט דיעזע צוויי מעלות זיינען די פליגלען מיט וועלכע ער פליהט אין דעם גרויסען אונבאַשרענקטען פעלד פון וויסען, און דיעזע צוויי הויפט שטריכען זעהען זיך בולט ארוים אין זיין גאַנצער לעהרע, וואָס ער האָט געשאַפען און באַגרינדעט — אין דער שיטת חב״ד, וועלכע איז א צונויפפאַרונג פון שכלות המוח — די ריין שכל׳דיגע ארויסגעבראַכטע אמת׳ן און הרגשת הלב — געפיהלען און עמאָציעס.

נאָך אין זיינע יונגע יאָהרען, ווען דער שפּעטערדיגער גרויסער חסידישער רבי, איז קוים צוואַנציג יאָהר אַלט געווען, ווען קענענדיג שוין גאַנץ ש״ס מיט אַלע מפרשים ראשונים ואחרונים, האָט ער באַשלאָסען אוועקצופּאָרען זיך אין א גרויסען מקום תורה, וואו ער זאָל קענען זיינע ידיעות מעהר באַרייכערן און פאַרגרעסערען, באַמערקען זיך

זיינע צוויי הויפט מעלות. דער גרויסער מח און דאָס גרויסע האַרץ. פאַר איהם שטעהט דער אויסוואהל צו לאָזען זיך אין ווילנא, דער צענטער פון תורה — דאָס ריין שכל'דיגע, אָדער אין מעזריטש, וואו דער שווערפּונקט ווערט געלייגט אויף דער תפלה און עבודת הלב — דאָס ריין האַרציגע, שטעהט ער און קלעהרט וואו אהין זאָל ער געהן.ביידע אייגענשאַפטען שטעהען ביי איהם אויף איין הויך, קען ער ניט איינשליסען זיך איינגאַנצען אין די ד' אמות של הלכה און אָבשליסען זיך פון דער וועלט. און נאָך אַ לאַנגער איבערלייגונג באַשליסט ער, אַז דאָס שכל'דיגע — די תורה — האָט ער שוין געלערנט, אָבער דאָס האַרציגע — רגש הלב — תפלה, דאָס דאַרף ער ערשט לערנען און ער לאָזט זיך קיין מעזריטש צו דעם גרויסען חסידישען רבי'ן, דעם פאַרטרעטער פון בעל־שם־טוב, המגיד ממעזריטש ז"ל.

דאָרט אין מעזריטש באַקענט זיך אדמו"ר ר' שניאור זלמן מיט דער נייער שיטה פון בעל־שם־טוב, מיט דעם חסידיזם. ער זאַפּט אין זיך אריין יענע לעהרע, וועלכע לייגט איהר הויפּטגעוויכט אויף תפלה, התפּעלות, דבקות און שמחה, און זיין גרויס האַרץ ווערט איבערפילט מיט התלהבות פאַר דער נייער לעהרע. ער זעהט, אַז די נייע לעהרע איז אַ קוואַל פון טרייסט און האָפנונג פאַר די גרויסע אידישע מאַסען, אַז זי איז בכח אריינצוגיסען נייעם מוט און ענערגיע אין די פאַרצווויי־פעלטע הערצער פון די אידען פון זיין דור און ער ווערט איינער פון די אָנהענגער פון דער שיטת הבעל־שם־טוב.

אָבער זייענדיג אַ געבוירענער אין ווייס רוסלאַנד, (דער בעל התניא איז געבאָרען געוואָרען אין דער שטאָדט לאָזנא, מאָהליווער גובערניע אין יאָהר תק"ז), וואו דער הויפּט געוויכט ווערט געלייגט אויפ'ן ריין שכל'דיגעם — אויף תורה, קען דער גרויסער רבי ניט אָבזאָגען זיך פון זוכען און פאָרשען און איבערגעבען זיך בלויז מיט עבודת הלב—„ההתפּעלות בלבד אין מכשרת את האדם להשגת האלהות" — די התפּעלות אַליין מאַכט ניט דעם מענשען מסוגל צו באַגרייפען די געטליכקייט און „עיקר הנפש הוא השכל" (תורה אור מקץ) — דער עיקר פון נפש איז דער שכל — און בחינת הדעת היא בחינת ההרגשה (תורה אור משפטים) — דעת איז אין דערזועלבער בחינה ווי רגש, זוכט ער צוזאַמענברייננגען ביידע זאַכען דעם מח און דאָס האַרץ און שטעלט

אויף א נייע שיטה אין חסידיזם — די שיטת חב"ד — א לעהרע וואָס איז באַגרינדעט אויף שכל און געפיהלען.

די שיטה פון חב"ד *) באַשטעהט צום אַלעם ערשטען אין זוכען און פאָרשען דעם סוד הבריאה. עס איז דאָ א גרויסע ברייטע וועלט, מיר זעהן עס מיט אונזערע אויגען — ווער האָט דיעזע וועלט באַשאַפען? ווי אַזוי ווערט די וועלט געפיהרט? וואָס איז דער כח, וואָס שאַפט געזעצען? וואָס זיינען די באַציהונגען צווישען דעם שעפער און דאָס געשאַפענע?

און דער בעל־התניא בויט אויף א גרויסע פילאָזאָפישע געביידע. ער קומט צום אויספיהר, אַז די וועלט איז א געשאַפענע און עס איז דאָ א שעפער, און דער שעפער איז „די אייביגע סובסטאַנץ (העצם הנצחי), וואָס מען רופט עס מיט'ן נאָמען אין סוף ב"ה, וואָס „ווי זיין נאָמען אַזוי איז ער אָהן א סוף און אָהן א גרעניץ" (תניא פרק מח.) און דער שם הויה באַווייזט, אַז ער איז אויך העכער פון צייט (למעלה מן הזמן) ווייל ער איז געווען, איז און וועט זיין אין איין און דערזעלבער צייט (שער היחוד והאמונה פרק ז') און „ער איז פול אין אַלע וועלטען אויבען און אונטען, און אַלעם לגבאי איהם איז גאָרנישט, ווייל אַלעם וואָס געפינט זיך (דאָס געשאַפענע) ווערט לגבי איהם בטל ממש" (תניא ל"ג.) „ער פילט אָן אַלע וועלטען און עס איז נישטאָ קיין אָרט וואו ער זאָל זיך נישט געפינען" (שער היחוד והאמונה פרק ו').

ווי אַזוי דער שעפער איז אָבער אין אמת'ן דאָס קענען מיר קיין מאָהל נישט וויסען. ער איז אַזוי ווי ליכט, וואָס מיר קענען בלויז זעהן, ווען געוויסע געגענשטאַנדען ווערען באַלויכטען. זאָל ליכט פאַלען אין א לעדיג פּלאַץ, וואו עס קען קיין זאַך נישט באַשיינען, וואָלטען מיר נישט קיינמאָל וויסען, אַז עס איז דאָ א זאַך ווי ליכט. און אַזוי איז די געטליכקייט. מיר דערקענען גאָט נישט ווי ער איז פאַר זיך, נור דורך די געשאַפענע זאַכען ווייסען מיר אַז עס איז דאָ א שעפער „מבשרי אחזה אלוה—טאַקע מבשרי ממש, און הגם מען קען נישט זעהן גאָט מיט דעם ריין־נשמיות'דיגען אויג, אָבער דאָ איז ער, אַזוי ווי דער מענש פיהלט און ווייס פון דעם נפש וואָס זיצט אין איהם, הגם מען קען דעם מהות

*) חב"ד באַשטעהט פון דריי ווערטער: חכמה, בינה, דעת.

פון נפש ניט זעהן ווי אזוי ער איז, נור מיר ווייסען עס דורך דעם, וואָס מיר זעהען דעם חיות פון קערפּער וואָס קומט פון נפש" (לקוטי תורה אמור אות ב.) און נור „מיט איין מאָס קענען מיר באַגרייפען די געטליכקייט און דאָס איז מיט דעם באַגריעף אין סוף" (תניא מ'ח).

און אָט דער שעפער האָט עס געשאַפען די גאַנצע וועלט, די גאַנצע בריאה. און דער באַגרינדער פון חב"ד בויט דאָ אויף אַ גרויסע געביידע דורך תורת הצמצום (בעשרענקונגס טעאָריע) און באַווייזט ווי אַזוי פון דעם אין סוף ואין גבול איז געשאַפען געוואָרען אַ וועלט, וואָס האָט אַ סוף און אַ גבול. אָבער דאָס געשאַפענע באַווייזט ער, איז ניט ווי אַ כלי, וועלכע נאָכדעם ווי זי ווערט פאַרטיג דאַרף זי שוין מעהר ניט האָבען איהר יוצר, נור עס מוז שטענדיג קריגען די השפעה פון איהר שעפער—פון גאָט, גאָט איז שטענדיג מחיה, ומהוה דאָס געשאַפענע און די גאַנצע שאַפונג האָט אָן און פאַר זיך קיין שום מציאות ניט און ווען דער שעפער זאָל, חלילה, פאַר איין רגע אוועקנעהמען זיין השפעה ווערט אַלעס תוהו ובהו ווי פאַר איהר באַשאַפונג**)

מען קען דאָ אין אַזאַ קורצער אָבהאַנדלונג ניט איבערגעבען די גאַנצע לעהרע פון דעם גרויסען חסידישען רבי'ן אין באַצוג צו הכרת האלהות, אָבער מיר זעהען אין איהם דעם גרויסען מח, דעם פאָרשער און זוכער וואָס וויל שטרעבט און זוכט דערגעהן דעם סוד פון דער וועלט.

אָבער מיט דעם מח און מיט די ריין שכל'דיגע דערקענטניסען אַליין באַגרעניצט זיך ניט דער בעל־התניא. אַ גרויסע געוויכט, אויב ניט אַ גרעסערע, לעגט ער אויף עבודת הלב, דאָס ריין האַרציגע און וויל

**) מאַנכע ווילען ערקלעהרען, אַז דער מיסד שיטת חב"ד איז געווען דורך און דורך אין זיין לעהרע אַ פּאַנטהעאיסט, אָבער דאָס איז ניט אמת, הגם ער זאָגט וויפיעל מאָהל אלוה הוא הטבע, ווייל דער פּאַנטעאיזם וויל האָבען, אַז גאָט און נאַטור איז איין און די זעלבע זאַך — צוויי כחות פון דער געטליכקייט — און דער בעל התניא זאָגט, אַז די נאַטור, דאָס געשאַפענע קען זיך ענדערען לויט דעם ווילען פון שעפער. ער געהט זיך אויך אין פיעלע אַנדערע וויכטיגע פונקטען פאַנאַדער מיט די פּאַנטהעאיסטען.

פעסטשטעלען וואָס דאַרף זיין די באַציהונג פון מענש צו מענש און פון מענש צו גאָט.

דער מענש — דענקט דער בעל־התניא — „באַזיצט צווייערליי מדות נאַטירליכע, איינגעבאָרענע, ווי רחמנות אָדער אכזריות, קמצנות אָדער פזרנות און נאָך אַזעלכע, וועלכע העננגען לחלוטין ניט אָפּ פון שכל און טעם, און שכל'דיגע, וואָס שטאַמען אָפּ פון שכל און פאַרשטאַנד. „ווען אַ מענש נעהמט זיך אַריינטראַכטען אין אַ געוויסע זאַך קומט ער צום באַשלוס, וואָס עס איז גוט און וואָס עס איז שלעכט און דאָס שאַפט ביי איהם התפעלות הלב." (סדור של הרב שער התפילין) און די מדות וואָס קומען פון שכל דאָס זיינען די גרעסטע מדות. זיי זיינען בכח צו אונטערדריקען די נאַטירליכע און איינגעבאָרענע מדות און זיי איבעראַנדערשען ווי למשל פאַרוואַנדלען אכזריות אין רחמנות. „די מדות פון שכל זיינען מהפך די מדות טבעיות לקודש און די מענשען וואָס טהוען עס זיינען צדיקים גמורים" (תניא פרק י"ד).

און לויט דיזער אנזיכט בויט דער „רב" זיין גאַנצע עטהיק און ווייזט אַרויס ווי מענשען קענען דערגרייכען די העכסטע און בעסטע מדות, וועלכע דאַרפען פּראַקטיצירט ווערען אין לעבען, ווייל זיי שטאַמען פון שכל און דער שכל איז זיי מחייב.

דער רב גיט זיך אויך אָפּ אין זיין לעהרע מיט די פראַגען פון ידיעה ובחירה, תורה, מצוה, צדקה, יראת אלהים, אהבת אלהים און תפלה. תורה און למוד התורה שטעהט ביי איהם זעהר הויך, ער ווייזט אָן, אַז קודם כל מוז מען לערנען תורת נגלה, הגם ער האַלט אַז תורת הנסתר שטעהט אויף איין הויך מיט תורת הנגלה. מקיים זיין אַלע מצות פון דער תורה איז איינע פון די הויפּט אויפגאַבען פון מענשליכען לעבען. „דער ענין פון פראַקטישע מצות איז הויך, זעהר הויך, און גלוי שכינה איז נור דוקא אין מצות מעשיות" (תורה אור מקץ) „און די שכינה רוהט אויף דעם מענשליכען גוף נור דורך מעשים טובים דוקא, (תניא, פרק לח). צדקה איז געווים ביי איהם איינע פון די נויטווענדיגסטע זאַכען אין מענשליכען לעבען, און אַזוי אויך וועגען יראת אלהים, אהבת אלהים און איבערהויפּט תפלה.

אָבער גאָר אַ באַזונדערען פּלאַץ פאַרנעהמט ביי איהם דער אָפּטימיזם. די קבלה ביז דעם חסידיזם האָט פאַרשפּרייט אַ מרה שחורה גייסט אויף דעם מענשען. דער מענש מוז שטענדיג טרויערען, מוז שטענדיג וויינען, זיך פּייניגען און אָנטהאָן סגופים און אַזוי ווייטער, כדי צו לייטערען זיין נשמה. דער בעל־שם־טוב איז געוועזן דער ערשטער, וועלכער זוכט אריינצוברייגען שמחה אין מענשליכען הארץ, הייסט פאַרטרייבען פון זיך עצבות און לערנט אַז די שכינה רוהט נור דורך שמחה און פון שמחה ווערט שטאַרקער דער גייסט און דער שכל.

דער „רב", זייענדיג אַ תלמיד פון מעזריטשער, וואָס מיינט אַ תלמיד פון בעל־שם־טוב, האָט אין דער פראַגע פון שמחה און אָפּטימיזם נאָך איבערגעשטיגען זיין רבי'ן, ער האַלט די מעלה פון שמחה נאָך גרעסער און די מדה פון עצבות נאָך ערגער. עצבות ברענגט צו אַלע שלעכטעס, שמחה של מצוה פאַרקעהרט ברייגנט דעם מענשען גוטעס אָבער פאַרשטעהט זיך, אַז „די שמחה דאַרף ניט קומען דורך נאַריש זיך מאַכען, שכרות אָדער נאָך אַזעלכע זאַכען". נור זי מוז אַרויסקוועלען פון אינווענינג פון זיך אַרויס, פון דער אַנערקענונג, אַז מען געהט אין גאָט'ס וועגען, פון דעם „פאַרשטעהן די גרויסקייט פון גאָט".

און אָט מיט דיעזער שיטת החב"ד איז דער גרויסער חסידישער רבי געקומען צו די מאַסען פון ליטא און וויים רוסלאַנד און האָט ניט קוקענדיג אויף די גרויסע רדיפות און חרמות מצד די מתנגדים, געוואָר־נען טויזענדער און טויזענדער אָנהענגער. דאָס קליין שטעדטעל ליאדי, וואו דער רב האָט זיך באַזעצט, איז געוואָרען דער צענטר, וואו עס האָבען זיך געצויגען די ברייטע אידישע מאַסען צו געפינען אַ וואָרט פון טרייסט און אַ פונק פון האָפנונג. ניט וועניג איז דער מיסד פון דער נייער שיטה אויסגעשטאַנען. די שווערע מחלוקה וואָס איז אַנט־שטאַנען צווישען איהם און די מתנגדים, האָבען איהם שווערע ליידען געבראַכט, מען האָט איהם אין געפענגעניש אריינגעזעצט, אַ חרם איז אויף איהם און זיינע אָנהענגער אויסגערופען געוואָרען, אָבער זיין לעהרע, וועלכע פאַרטרייבט דעם אַ ס ק ע ט י ז ם און ברייגנט אריין שמחה און אָ פּ ט י מ י ז ם, איז מעהר און

מעהר אַריינגעדרונגען אין די הערצער און מחות פון די ברייטע מאַסען און די רייהען פון זיינע אָנהענגער זיינען אַלץ גרעסער געוואָרען. יעדעס וואָרט זיינ'ס איז אויפגעכאַפּט געוואָרען פון די חסידים און האָט אין זיי באַגייסטערונג אַרויסגערופען. זיין גרויסע ליעבע האָט זייער הארץ געוואונען און האָט אין זיי אַ נייעם גייסט אַריינגעפּלאַצט. הייליג איז דער אנדענקען פון בעל־התניא פאַרבליבען אין דעם זכרון פון הונדערטע טויזענדע אידען אין ליטא, וויים רוסלאַנד און אַ טהייל פון דער אוקראַאינא און אויך צווישען אַלע חסידים פון דער גאַנצער וועלט. און הונדערטע לעגענדעס באַציערען און באַשיינען דעם באַ־גרינדער פון דער שיטת חב"ד, לעגענדעס, מיט וועלכע די פאַנטאַזיע פון פאָלק האָט פאַראייביגט דעם אַנדענקען פון איהר גרויסען פיהרער.

1-טע טהייל

די שרפה

לעגענדעס וועגען דער מחלוקה צווישען די
חסידים און מתנגדים און וועגען דעם
בעל־התניא׳ס זיצען אין פעסטונג

דערצעהלט פון מיין עלטער פעטער ר׳ פייוועש, אַ חסיד
פון ליבאוויטשער רבי׳ן ר׳ מנדעלע בעל „צמח צדק“

פאַר דער שרפה

אז איך קוק זיך צו צום היינטיגען לעבען, אז איך זעה, ווי איהר אַלע ווילט אַ בעסערע וועלט האָבען, נור איהר אַליין קענט זיך ניט אייניגען און האלט זיך אין איין ארומקריעגען: ווען איינער זאָגט טאָג, זאָגט דער אַנדערער נאַכט, און איהר שלאָגט זיך איבער אַ קוצו־של־יוד, ווערט מיר אַזוי אומעטיג אויפ'ן הארצען, אז עס ווילט זיך פשוט וויינען... ווארום אייך יונגע לייטלעך, קען זיך אויסדוכטען, אז איהר זייט מחדש־חידושים און בפרט, ווען יעדער פון אייך מיינט בשלמות, אז נור ער האָט דעם אמת'ן דרך צו אַ בעסערן לעבען געפונען, אָבער איך, דער אַלטער חסיד, דער אמת'ר „ליובאוויטשער", ווייס, אז מחלוקות אפילו מיט גוטע כונות איז אויך די עובדא פון דער „קליפּה" ר"ל...

ווארום וויסען דאַרפט איהר, אז די „סטרא־אחרא" זוכט מיט אַלע כחות צו פערניכטען דעם שלום, כדי די גאולה זאָל נאָך קענען פארהאַלטען ווערען... און כדי „זיי" זאָלען נאָך קענען אָנפיהרען זייער ארבייט... און מיך וואונדערט נאָר, ווי אזוי האָבען עס די אמאָ־ליגע גדולים, די אמת'ע ריעזען ניט פערשטאַנען? ... זיי זיינען דאָך געווען די „וויסערס", האָבען דאָך געקענט זעהן וואָס עס דאַרף זיין,—און פונדעסטוועגען האָבען זיי ניט בעמערקט, אז מחלוקות איז אַ שפּיטצעל פון דער „טומאה" ימח שמה און האָבען אַזאַ לאַנגע צייט געהאַלטען זיך אין איין ארומרייסען... און וואָלט דאַן ניט געווען די מחלוקה, וואָלט אפשר שוין יעצט משיח געקומען, און אַלעם וואָלט זיך געענדיגט בכי טוב...

פערשטעהט איהר דאָך שוין מסתמא, וועגען וועמען איך רעד? ... טאַקע וועגען אדמו"ר הרב מליאדי נ"ע און דעם ווילנעם גאון זצ"ל... אמת, די צוויי האָבעןביידע געמיינט לשם שמים, אָבער געלעגען איז דאָ דער כח פון סמאל'ן, תיפּח רוחו...

כידוע ביי אנשי שלומנו, איז דער „ליאַדיער" געווען אַ תלמיד־מובהק פון דעם מעזריטשער מגיד נ"ע, וועלכער איז דער ממלא מקום

פון בעל שם טוב זכותו יגן... נאָך אין דער יוגענד, ווען ער איז געווען נאָר אַ גדול אין תלמוד און פוסקים, האָט דער „רב" נ"ע, דערפיהלט, אַז מיט „נגלה" אַליין איז שווער צו פערשטעהן די וועלט און אַלעס וואָס אויף איהר געפינט זיך... אַ חוץ דעם האָט ער פערשטאַנען, אַז נגלה איז נור בבחינת־גוף, און אַזוי ווי די תורה איז דאָך תורת חיים, מוז זי דאָך האָבען אַ נשמה, וועלכע איז בבחינת עולם־האצילות, האָט ער טאַקע זיך געלאָזט זוכען די נשמה פון דער תורה און האָט עס געפונען אין דער קבלה, לויט דער שיטה פון בעל־שם־טוב, ביים מעזרי־טשער מגיד נ"ע... ערשט, ווען ער האָט אַ לענגערע צייט פערבראַכט „דאָרטען" און האָט דעם אמת געפונען, ערשט דאַן האָט ער פערשטאַנען דעם סוד פון דער תורה און דעם סוד פון לעבען...

אָבער דער צדיק פון ליאָדי האָט דעם סוד ניט געוואָלט האַלטען פאַר זיך אַליין... ער האָט עס געוואָלט מאַכען פאַר אַ רשות־הרבים, אַרויסטראָגען אויף דער אידישער גאַס און עס געבען צו אונז אַלעמען, צו כל ישראל... זאָלען טאַקע אַלע הנאה האָבען... ווארום נגלה, גמרא ופוסקים, כידוע, זיינען נור גוט פאַר יחידי סגולה — פאַר איינציגע, וועלכע האָבען פערבראַכט זייערע יאָהרען אין לערנען, אָבער וואָס זאָל טהאָן דער פּראָסטער בשר־ודם, דער אָרימער בעל־מלאכה, דער שוסטער, דער שניידער, דער קרעמער, וועלכע האָבען ניט גע־שליפט זייער מח, און זיינען ניט מסוגל צו פערשטעהן די תורה מיט אַלע מפרשים, ראשונים ואחרונים? הא? וואָס זאָלען זיי טהאָן? זיינען זייערע אבות דען ניט ביים באַרג סיני געשטאַנען? האָבען זיי דען ניט געזאָגט „נעשה ונשמע" גלייך מיט אַלעמען? האָבען זיי דען ניט קיין אידיש האַרץ, וועלכעס פיהלט? אדרבא, אַזוי ווי עס ציהט דעם שמעטערלינג צום ליכט, אַזוי ציהט זייערע הערצער צום מקור פון אידישען לעבען... און אָט וואָס דער „רבי" האָט אַרויסגע־זעהן!... אויב צו נגלה דאַרף מען האָבען „מח", דאַרף מען צו נסתר האָבען „האַרץ"... און דאָס איז דער סוד פון חסידות... זי ווערט אַריינגעזאַפּט און אויפגענומען דורכ'ן פיהלען... ער—דער „ליאָדיער", האָט עס פערשטאַנען און האָט טאַקע די נשמה פון דער תורה געבראַכט צום כלל!... פאַרוואָס דען, מיינט איהר, האָט די שיטת החסידות אַזוי גיך זיך פערשפּרייט צווישען אידען? פשוט. דערפאַר, וואָס דער

איד האָט עס גלייך דערפיהלט מיט זיין אידיש הארץ...

אז דער רבי ר׳ שניאור זלמן זצ״ל, האָט זיין פּלאַן פאַרטיג געמאַכט, איז געוואָרען א שמחה ביי די פמליא־של־מעלה... א קליינינגקייט, אידען וועלען ווערען אמת׳ע אידען, מיט בטחון, מיט התלהבות, מיט יראה, מיט אהבה! ... און וועלען מקיים זיין „ואהבת" מיט׳ן גאַנצען הארצען! ... וועט דאָך עפּעס ווערען א דור שכלו זכאי, אַלע וועלען ווערען פרום און גוט, און עס וועט נעהמען א סוף צום גלות.... די שכינה וועט אויסגעלייזט ווערען, און די גאולה שלמה וועט קומען...

אָבער אין דערזעלבער צייט איז געוואָרען א גרויסע מהומה ביי דער „סטרא־אחרא"... אויף אַזא צרה האָבען זיי זיך ניט גערעכט... וואָס הייסט אידען וועלען ווערען ריכטיגע אידען? וועלען נעהמען פיהלען די קדושה? דאַן וועט דאָך די „כת" ניט האָבען פון וואַנען צו ציהען איהר יניקה! און זיי האָבען גערופען אַן אַסיפה, מיט „סמאל׳ן" בראש און האָבען גענומען זוכען מיטלען, ווי אַזוי דעם רבינ׳ס פּלענער צו צושטערען...

די „סטרא־אחרא" האָט אָבער געוואוסט, אַז שטעלען זיך געגען רבין אליין, וועט גאַרנישט העלפען, ווייל, ערשטענס, איז דער „ליטוואַק" געווען א גרויסער תקיף אין „יענע עולמות", און צווייטענס, איז דער ליאדיער ניט געווען דער איינציגער תלמיד פון מגיד נ״ע, וואָס מיינט אויך פון בעל־שם־טוב, זכותו יגן... און טאָמער, וועלען זיי מנצח זיין, חלילה, דעם צדיק, וועט אַן אַנדערער אויפשטעהן... און דעריבער האָבען זיי בעשלאָסען, אַז די בעסטע זאַך איז אַנטקעגענצו־שטעלען זיך דער גאַנצער שיטה פון בעל־שם־טוב זצ״ה... ווי אַזוי טהוט מען עס אָבער? איז ביי זיי געבליבען, אַז זיי זאָלען אַנווענדען דעם אַלטען מיטעל פון מחלוקות, פירוד־לבבות... דאָס מיטעל איז דאָך בדוק ומנוסה... דאָס האָט דאָך גורם געווען, אַז דער בית שני זאָל חרוב ווערען... און זיי זיינען צוגעטראָטען צו דער מלאכה מגונה...

און זאָגען מוז איך אייך, אַז זייער פּלאַן, האָט זיך איינגעגעבען! כאָטש נאָכהער האָבען די מחלוקות שוין אויפגעהערט, אָבער דער

כלל־ישראל איז שוין געווען צוטהיילט אין צוויי „כתות“: חסידים און מתנגדים, און די גאולה איז פארהאלטען געווארען...

נור לאַמיך ניט כאַפּען. הייסט עס, די סטרא־אחרא האַט אויסגעארבייט א פּלאַן, ווי אזוי צו שטעלען זיך געגען דעם רעיון־החסידות און ניט לאַזען, אז דער גאַנצער כלל ישראל זאל ווערען א דור שכולו־זכאי... וואַס האַבען די מזיקים געטהאַן? די ערשטע זאַך, האַבען זיי געזוכט, אז מען זאל ניט דערקענען, אז די מחלוקה איז אויפגעבלאַזען געוואָרען דורך זיי, נור מען זאל מיינען, אז דאָס איז א מחלוקה לשם שמים...האַבען זיי זיך פארשטעלט פאר חסידים, האַבען זיך בעזעצט אין א קליין שטעדטעל קאַליסק, צוגעצוינגען צו זיך עטליכע אידען, האַבען זיך ערקלעהרט פאר אנשי־שלומנו און האַבען אַנגעהויבען אָפּטהאַן מעשים־תעתועים!... אמת, זיי האַבען זיך נוהג געווען, ווי חסידים דאַרפען האַנדלען, נאַר אַלעס מיט א „צו“: צו פיעל התלהבות, צו פיעל דבקות, צו פיעל חמימות — הכלל אַלעס צו־פיעל... זיי פלעגען טאַנצען אין די גאַסען, קוליען זיך, מבזה זיין לומדים און נאָך אזעלכע זאכען, וואָס זיינען ניט גאָר פּאַסיג געווען... און אז די מעשה איז איבערגעגעבען געוואָרען טאַקע דורך א זייערינגען צו די אמת'ע פרומע לומדים, האַבען יענע געמיינט, אז דאָס איז טאַקע די אמת'ע שטה פון חסידות און אַט אזוי איז אויסגעבראָכען די „שרפה“, בעוואוסט אינטער'ן נאָמען „די מחלוקה צווישען רב און גאון“... א „פייערדיגע“ מחלוקה איז עס געווען!

די מחלוקה וואָלט אפשר באַלד טאַקע אויפגעהערט, אָבער דאַ האָט פּאַסירט א מעשה, וואָס האָט נאָך מעהר דעם פייער צופלאַקערט. דאָס איז געווען, וואָס ער, דער גרויסער צדיק, דער גרויסער למדן אין נגלה, דער טייערער קאָפּ טאַקע — דער ווילנער גאון, זכר צדיק לברכה, האָט זיך געשטעלט בראש פון די רודפים. קען מען איהם, חלילה, דן־לכף חוב זיין? ניין, אדרבא, זאָגט אַליין, וואָס וואָלט איהר געטהאָן, ווען מען קומט צוגעהן און מען שווערט פאר אייך אז מענשען עסען פלייש און טרינקען וויין און זיינען זיך משמח אום תשעה באב? הא? איהר פערשטעהט, עד היכן הדברים מגיעים? ממש אום תשעה באב, האָט מען געזעהן, ווי אנשי שלומנו האָבען געגעסען פלייש, געטרונקען וויין און נאָך געזונגען דערביי...

אַי, דער נײַנטער אין „אב“ איז גאָר יענעם יאָהר אויסגעקומען שבת, און דער דין איז, אז שבת־תשעה־באב דאַרף מען ניט פאַסטען, מעג מען עסען פלייש, מאַכען קדוש איבער וויין און זינגען זמירות, אָבער דאָ וואו די סטרא־אחרא וויל גובר זיין איבער דעם כח פון קדושה, ווייסט איהר דאָך, אז „משיב חכמים אחור ודעתם יסכל“, און דער גאון זצ"ל בכבודו ובעצמו האָט פערגעסען חוקר ודורש צו זיין, ווען תשעה באב איז אויסגעקומען און האָט געמיינט, אז די חסידים ווילען טאַקע איבער־חזר'ן מעשי־שבתי־צבי, ימח שמו, און זיין אידישע הארץ האָט זיך צוקאָכט און ער האָט אויסגערופען א חרם אויף די חסידים...

באותה שעה איז געוואָרען אַ רעש ביי די פמליא של מעלה... וויבאַלד, אַז בית דין של מטה לעגען אַריין אימעצען אין חרם, איז דאָך „תורה לא בשמים היא“, און וואָס בית דין טהוט אָפּ, איז פערפאַלען, און דאָ כאָטש די זאַך איז קלאָהר, אַז אנשי שלומנו זיינען טאַקע ריין ווי מלאכים, האַלט עס, אַז אונזערע שטעהען שלעכט...

דער „ליאַדיער“, נ"ע, האָט דערפיהלט, אַז עס איז ניט גוט, האָט ער בכבודו ובעצמו זיך אַוועקגעלאָזען קיין ווילנע דורכצורעדען זיך מיט'ן גאון און פועל'ן, אַז ער זאָל דעם חרם צוריקרופען, אָבער עס איז ניט בעשערט געווען. דער גאון האָט אפילו ניט געוואָלט צולאָזען צו זיך דעם „רבין“, און ער האָט געמוזט צוריקפאָהרען אבל וחפוי ראש...

אנשי שלומנו האָבען אָנגעהויבען צו ליידען צרות און רדיפות... ממש באו מים עד נפש... הערט איהר אַ מעשה, מיר — די אמת'ע אידען, וואָס ווילען זיך מוסר־נפש־זיין פאַר אונזער תורה, פאַר אונזער אמונה, מיר האָבען געמוזט צוזעהן, ווי מען רופט אונז „מורדים, אפיקורסים“. מען וויל זיך מיט אונז ניט מתחתן זיין. אונזער ברויט איז געוואָרען פת־עכום, אונזער וויין — יין נסך, הא? ווי געפעלט עס אייך?

און דאָרטען ביי די סטרא־אחרא איז פרעהליך, מען טאַנצט, און מען איז זיך משמח, אַז אָט אָ באַלד, און די גאַנצע „שיטה“ פון בעל־שם־טוב וועט זיין פערניכטעט...

און דער „לאַדיער“ האָט דאָס אַלעס געמוזט צוזעהן און כאָטש ער האָט פונאַנדערגעשיקט בריעף צו אנשי־שלומנו, מען זאָל ביי זיך

ניט אראָפּפּאַלען, האָט ער דאָך געזעהן, אַז די סטרא־אחרא האַלט ביים גובר זיין, און ווער ווייס, וואָס וואָלט געווען, ווען ניט דער בעל־שם־טוב...

אַז דער בעל־שם־טוב האָט דאָרטען, אין דער אמת׳ער וועלט, דערהערט, וואָס זיינע תלמידים און די גאַנצע „כתה" ליידען, האָט ער זיך געשטעלט אויסטענה׳ן מיט דער פּמליא של מעלה און געמאָנט, היתכן? ווי שיקט זיך עס, אַז אומשולדיגע זאָלען אַזוי פיעל ליידען? אמת טאַקע, אַז בית־דין של מטה פּסקנ׳ן אַ דין, איז פערפאַלען, אָבער דיני נפשות איז דאָך אַנדערש; ווארום על פּי דין, דאַרף מען דאָך געבען אפילו אַ גזלן אַ פּתחון־פּה, כדי מצדיק צו זיין אויף איהם דעם דין! אַ בפירושע גמרא: „אין דנין לאדם שלא בפניו", — מען טאָר ניט פּאַר־משפּט׳ן קיינעם אונטער די אויגען. און דאָ האָט מען זיך סומך געווען אויף עטליכע עדות און מען האָט פער־משפּט אונטער די אויגען!...

האַ? אַ גערעכטע טענה... אויף מיינע נאמנות! ער — דער בעל־שם — האָט דאָך געקענט! איז דאָך ניט שייך... און חבל על דאבדין!... באותה שעה איז ביי די פּמליא של מעלה נגמר געוואָרען, מען זאָל פּערבעטען אהינצו דעם גאון, כדי ער זאָל זיך פּערענטפּערען פאַר זיין עובדא, און בקרוב איז ער טאַקע נסתלק געוואָרען...

אָבער „פּוטר מים ראשית מדון" — אַז עס הויבט זיך אָן אַ קריעג, איז שווער אַזוי גיך דעם פייער צו פּאַרלעשען...

אמת טאַקע, אַז גלייך, ווי דער גאון איז פאַרבעטען געוואָרען בישיבה של מעלה, איז געוואָרען אביסעל שטילער די מהומה... ווארום באָטש די רדיפות האָבען אָנגעהאַלטען אויף אנשי שלומנו, אָבער עס איז ניט געווען אַזוי מסוכן... נור די ס ט ר א־א ח ר א האָט ניט געשוויגען און האָט אַלץ געזוכט מיטלען, ווי אַזוי ווידער פאַנאַנדערצופלאַקערן די „שרפה" פון מחלוקות. יעצט האָט די סטרא־אחרא דערזעהן, אַז איינגאַנצען גובר זייט וועט זי ניט און האָט דעריבער בעשלאָסען זיך נוקם זיין אָן „אַלטען־רבי׳ן"...

און גאַנצע פינף און צוואַנציג יאָהר איז אַוועק, ביז די סטרא־אחרא האָט געפונען אַ פּלאַן, ווי זיך נוקם צו זיין אָן ליאַדיער צדיק.

מיט אַמאָל איז אויפגעשטאַנען אין פּינסק אַ רב, אביגדור שמו,

וואָס איז בודאי געווען בבחינת־שטן... ווארום וואָס דען, מיינט איהר האָט ער געקענט זיין? וועלכער רב און מורה הוראה בישראל וועט זיך דאָס ערלויבען אוועקצופאָהרען אזש קיין פעטערבורג און ווערען א „מסור“?.. הא? זאָגט אליין? א מסור! רבונא דעלמא כולא! א מסור!... אָבער, אז מען זאָגט, אז דאָס שטאַמט פון יענע חברה, איז דאָך ניט שייך, איז אָט דער רב אביגדור אוועק קיין פעטערבורג און האָט מלשין־געווען אז דער רבי וכל אנשי שלומנו זיינען נגד די מלוכה און נגד הדת, און דעריבער אחת דתו להמית...

עס האָט לאַנג ניט גענומען און, דער רבי איז „נתפס“ געוואָרען און איז אָפּגעשיקט געוואָרען קיין פעטערבורג געבונדען אין קייטען...

און אין דער צייט, ווען אנשי שלומנו האָבען ממש געוויינט און געקלאָגט אויף די צרות, האָט זיך דלילה וכל כת־דילה משמח געווען און זיי האָבען געמיינט, אז יעצט וועט שוין נעהמען א סוף פון רבין און צוזאַמען מיט איהם פון אנשי־שלומנו, עפרא לפומיה!...

און דאָ בכל עיר ועיר אשר דבר המלך, אין יעדער שטאָדט און שטעדטעלע, וואו אנשי שלומנו האָבען דערהערט פון דער שמועה רעה, אז דער ליאַדיער איז נתפס, איז צום ובכי ומספד ליהודים... ממש מען רייסט זיך די האָר! הערסט א מעשה?!.. דער רבי, דער גדול, דער צדיק הדור, דער גרויסער גאון אין נגלה און נסתר, דער חובב כל אדם, מיט זיין ליעבען טייערען הארץ, מיט זיין זעלטענע איבערגע־בענהייט צום כלל ישראל, זאָל גאָר ווערען אַן ארעסטאַנט!.. אָבער שריי חי וקים! אז מען וויים ניט אפילו, וואו ער זיצט און וואו ער געפינט זיך... אנשי שלומנו זיינען אפילו געלאָפען קיין פעטערבורג, געשאָטען מיט גאָלד צווישען אלע שרים ונכבדים בחצר־המלך, אָבער אין קול ואין עונה...

דער רבי, נ"ע, איז דערווייל געזעסען פערשפּאַרט אין א „קרעפּישטש“, אין א קליינעם פינסטערן צימערל, וואו די זון האָט אפילו איהרע שטראַלען אריינקוועטשען ניט געקענט... דאָרטען איז ער געזעסען און זיך עוסק געווען אין תורה... מיינט איהר, ער איז דאָר־טען איינער אליין געוועזען? חלילה! אי, האָט ער גוטע געסט געהאַט! אלע ווייסען דאָס!.. די געסט זיינע זיינען געווען טאַקע דער בעל־שם־טוב אליין און דער „מגיד“... צוזאַמען זיינען זיי געזעסען און

האבען געשוועבט אין די הויכע עולמות... מיר, חסידים, האבען געוויינט און געקלאגט, אבער „ער“ אליין האט קיין ברעקעל עגמת־נפש ניט געהאט... ער האט געוואוסט, אז „יענע כת“ האבען דאס אבגעטהאן א שפיצעל, און ער וועט בקרוב געהאלפען ווערען... דער בעל־שם־טוב, האט איהם דאך אליין מבטיח געוועז...

און אויבען אין יענע עולמות האט זיך געטהאן חשך... ערש־טענס, איז דער „ליטוואק“ דארטען א גרויסער תקיף געווען, צווייטענס, האט דער בעל־שם־טוב ממש וועלטען געקעהרט... וואס הייסט דער „ליאדיער“ וועט זיצען תפוס, און וועט ניט קענען מפיץ זיין תורה ברבים?..

און די פמליא של מעלה האט בעשלאסען, אז דער רבי זאל בעפרייט ווערען, אבער ווער, דענקט איהר, דארף איהם בעפרייען, נור דער קיסר אליין! פאוועל איז דאמאלסט קיסר געווען... און אזא פסק דין איז מעהר ניט ווי רעכט, ווארום פאר א גדול, דארף זיך איינשטעלען א גדול... און די צוויי וועלטען, תורה־ומלכות זיינען זיך צונויפגעקומען...

אבער ווי אזוי מאכט מען עס, אז דער קיסר בכבודו ובעצמו זאל בעפרייען דעם גדול הדור? ניט אנדערש ער זאל זיך דערוויסען, אז דער „רבי“ איז א איש ־ קדוש, און ער זאל די „קדושה“ אליין פיהלען, און דאן וועט קומען די ישועה... און כך הוה. איז איין נאכט, ווען דער שומר איז פערבייגעגאנגען דעם חדר וואו דער רבי איז געזעסען, האט ער דערהערט ווי עטליכע שטימען ריידען צווישען זיך. ער האט אויפגעשלאסען דעם חדר, און האט דערזעהן, ווי עס זיצען דריי געשטאלטען און לערנען (זייערע פנים'ער האט ער ניט זוכה געווען צו זעהן...) און דאס צימער איז אזוי ליכ־טיג, אזוי ריין, אזוי גרויס... ער האט זיך שטארק דערשראקען, און האט זיך געלאזט צום שר — פון תפיסה — דערצעהלען דעם וואונ־דער... דאס איז געווען די ערשטע מדרגה פון התגלות...

אז דער שר פון תפיסה איז געקומען, איז דער חדר געווען פערשלאסען, און אז מען האט אויפגעעפענט, זיינען קיין בעזונדערע זאכען ניט פארגעקומען. דער חדר איז געווען פינסטער, און דער רבי

איז געשלאָפען מיט'ן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויפ'ן קליינעם טישעל פון בית־האסורים.

אזוי אָבער ווי דער שומר האָט מבטיח געווען דעם „שר", אז דאָס וואָס ער דערצעהלט, איז אמת, האָט דער שר גמר על דעתו געווען, די נעקסטע נאַכט אַליין חוקר ודורש צו זיין... אַליין דעם אמת אויסגעפינען...

אויף מאָרגען אַרום האַלבע נאַכט, האָט דער שר פּאַמעליך זיך פערקליבען צום רבינ'ס חדר, האָט אויפגעעפענט די טיהר און — שומו שמים! — א שרעק האָט איהם אַרומגעכאַפּט: ער האָט דערזעהן אין חדר אַזאַ ליכטיגקייט, ווי אפשר טויזענד מנורות וואָלטען דאָרט געברענט...ביים טיש זיינען געזעסען דריי מענשען פּאַרזונקען אין אָפענע ספרים און האָבען געלערנט... (אויך ער האָט ניט זוכה געווען זייערע פּנימ'ער צו זעהן). און זייער קול האָט געקלונגען מיט אַזאַ מין מתיקות, אַזאַ מין דבקות, מיט אַזוי פיעל ווייכקייט, אז ער האָט געפיהלט, ווי עס צעגעהט איהם דאָס האַרץ פאַר תענוג... קיינמאָל האָט ער אַזעלכע הימלישע קלאַנגען ניט געהערט. קיינמאָל האָט ער ניט געהערט קולות, וואָס זאָלען אַזוי שטאַרק אין האַרץ אַריינגעהן און פערשפּרייטען אַן אָנגענעהמע, ליעבע וואַרימקייט איבער'ן גאַנצען קערפּער... ער האָט געפיהלט, אז אָט, אָט צוגעהט ער פון גרויס הנאה... און ער האָט ניט ווילענדיג אויסגעשריען אין זיין שפּראַך: „בודיעט!.. גענוג, הייסט עס, און איז געפאַלען אין חלשות, ממש פּרחה נשמתו... דאָס איז שוין געווען א העכערע מדרגה פון התגלות...

דעם שר האָט מען געפונען לעבען „רבינ'ס" טהיר א פער־חלש'טען און מען האָט איהם קוים צום לעבען געבראַכט... אז ער איז צו זיך געקומען, האָט ער גלייך צום קיסר ראַפּאָרטירט, אז ביי איהם אין תפיסה זיצט א הייליגער מאַן, און האָט בפרטיות דערצעהלט, וואָס ער האָט געהערט...

דער רעפּאָרט איז ריכטיג צום קיסר פּאַוועל אָנגעקומען, און ער האָט בעשלאָסען דעם רבי'ן צו בעזוכען... און אַזוי זיינען זיך צונויפגעקומען צוויי כתרים; תורה ומלכות נזדמנו לפונדק אחד...

תורה און מלכות טרעפען זיך צוזאמען

און געווען איז דאס אין חדש כסלו שנת תקנ"ט.

אין א שעהנער קאלטער לבנה נאכט האט זיך דער קיסר פאוועל אוועקגעלאזען מיט זיין סוויטע צום „קרעפישטש", האט געבעטען דעם שר ער זאל איהם געבען דעם שליסעל פון טיורמע און האט אליין אריינגעשפאנט צום רבי'ן אין זיין חדר אריין. גלייך ווי ער האט נור די טהיר געעפענט, האט ער דערזעהן פאר זיך א גרויס, שעהן ליכטיג צימער, וועלכער איז געווען איבערפילט מיט אלערליי ריחות ממש כטעם גן־עדן... אין מיטען צימער זיינען געזעסען דריי מענשען, מיט לאנגע גראהע בערד, מיט זעלטען שעהנע פנים'ער, און פון זייערע אויגען האבען אויסגעשטראהלט פערשידענ־פארביגע קרני אור, פון וועלכע דער גאנצער חדר איז בעלויכטען געווען. זיי זיינען געווען פערטיעפט אין א שמועס... ווי דער קיסר האט אריבערגעטראטען דעם שוועל, האבען זיך די דריי לייטע אויפגעשטעלט, און איינער פון זיי האט געמאכט א ברכה „שחלק מכבודו לבשר ודם"... (די איבעריגע צוויי, וועלכע זיינען געווען דער בעל־שם־טוב ז"ל, און דער מעזריטשער מגיד נ"ע, האבען קיין ברכה ניט געמאכט, ווייל טויטע זיינען פטור פון מצוות...) דאן זיינען זיי צוגעגאנגען און געגעבען „שלום" דעם קיסר... דער קיסר האט אויף זיי א קוק געגעבען און איז געבליבען פערוואונדערט: אזעלכע שעהנע פנים'ער מיט אזוי פיעל חן, מיט אזוי פיעל ליעבשאפט, מיט אזוי פיעל גוטסקייט אויפ'ן פנים, האט ער קיינמאל ניט געזעהן. פאר איבערראשונג איז ער געווארען צוגעשמיעדט צום פלאץ און האט ניט געקענט זיין מויל עפענען.

— ווילסטו וואס פרעגען ?—האט זיך צו איהם דער „ליאדיער" געווענדעט.

דער קול פון רבי'ן האט געקלונגען אזוי זיס, אזוי אנגענעהם, פול מיט אהבה און צוגלייך מיט יראה, אז דער קיסר איז אביסעל צו זיך געקומען... א וויילע איז ער געשטאנען פערטראכט, דאן האט ער א פרעג געגעבען:

— איך וויל דיך עפּעס פרעגן, אין אייער תורה שטעהט, אַז גאָט האָט געפרעגט אדם'ן, „איכה — וואו ביסטו"? ציי דען האָט גאָט ניט געוואוסט, וואו אדם געפינט זיך ?...

— גלויבסטו, אַז די תורה איז אייביג און גילטיג אין יעדער צייט און אין יעדען אָרט ? — האָט דער רבי דעם קיסר געפרעגט.

— איך גלויב ! — האָט דער קיסר געענטפערט.

— אָט וואָס דער פּשט פון „איכה" איז. ביי אונז אין תלמוד שטעהט: „בכל יום ויום בת קול יוצאת" — יעדען טאָג פרעגט גאָט דעם „מענשען": איכה, וואו האַלטסטו עפּעס אין דער וועלט ? וואָס האָסטו עפּעס היינט אויפגעטהאָן גוטעס אויף דער וועלט, מיט וואָס קענסטו ווייזען, אַז דו ביסט בערעכטיגט ווייטער צו לעבען ?...

דער קיסר האָט זיך אביסעל פערטראַכט אויף דעם ענטפער און באַלד האָט ער זיינע אויגען אויפגעהויבען און אויפ'ן רבי'ס שטערען אַ קוק געטהאָן... ער האָט דערזעהן דעם צלם־אלהים... הענד און פיס האָבען איהם אָנגעהויבען ציטערען. די צייהנער האָבען ביי איהם אַזוי שטאַרק געקלאַפּט, אַז מען האָט געקענט הערען פון וויטען... דער „ליאַדיער" האָט אויף גיך זיין יאַרמולקע איבער'ן שטערען אַראָפּגעצויגען און האָט אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד. גלייך איז די ליכטיגקייט פון חדר פערשוואונדען, די צוויי אורחים זיינען נעלם געוואָרען, און דער „רב" איז געשטאַנען אַליין מיט'ן קיסר אין דונקעלען צימער...

אָבער פּלוצלונג האָט זיך בעוויזען אין צימער אַ שטראַהל פון דער לבנה...

— צייט מחדש צו זיין די לבנה ! — האָט דער רבי אויסגערעדט, באותה שעה האָט זיך אין וואַנט געעפענט אַ ברייטע טהיר און דער רבי האָט אָנגעפאַנגען אַרויסצוגעהן. קיסר פּאַוועל האָט בשעת מעשה אינגאַנצען פערגעסען ווער ער איז און נאָך וואָס ער איז געקומען, נור ער האָט געפיהלט, אַז עס ציהט איהם אַהין, וואו דער רב איז אַרויסגעגאַנגען, און ער האָט דעם הייליגען מאַן נאָכגעפאָלגט... די טהיר האָט געפיהרט דורך אַ גרויסען ברייטען קאָרידאָר גלייך אויף דרויסען אַרויס...

ווען דער קיסר איז ארויסגעגאנגען, האָט ער דערזעהן, ווי דער רבי שטעהט אין דרויסען אנטקעגען דער לבנה. אָבער דאָס איז דאָך גאָר ניט די לבנה, וואָס ער איז געוואָהנט צו זעהן... אימער ציהען זיך דאָך שטראַהלען פון דער לבנה אַראָפּ צו די מענשען, און דאָ איז געווען פערקעהרט. פון רבינ׳ס ליכטיגע אויגען האָבען ארויסגעבליצט הערליכע פּרעכטיגע זילבערנע שטראַהלען, וועלכע האָבען זיך געצויגען צו דער לבנה, און זי האָט ממש אריינגעזאַפּט אין זיך די דאָזיגע שטראַהלען, וואָס דער רבי האָט צו איהר געשיקט, ווי זי וואָלט אויפ־כאַפּען אַן אוצר, און די שטראַהלען האָבען אַלץ מעהר און מעהר געשטראַמט ארויף־צו, און די לבנה האָט דערפון בעקומען חיות, האָט ממש געלעבט אויף דעם שעהנען בלויען הימעל, וואָס האָט זיך גע־שפּיעלט אין דער אונענדליכקייט. די עטליכע קליינע ווייסע וואָלקענד־לעך, וואָס האָבען ערגעץ וואו געשוועבט אויף דעם בלויען הימעל, האָבען ממש געטאַנצט אַ קאָזאַק... איבעראַל האָט געהערשט אַן אויסערגעוועהנליכע הייליגע שטילקייט: קיין ווינטעלע האָט ניט געשריען, קיין שאָרך, קיין פּיפּס, ווי אין אַ מקום־קדוש, נור פון רבינ׳ס מויל ניסען זיך הערליכע קלאַנגען, וואָס פּיהלען אַן די לופט און טראָגען זיך אוועק ווייט, ווייט אין די העכערע וועלטען...

און דאָ האָט דער קיסר פּאַוועל אַ קוק געטהאָן אויפ׳ן פּלאַץ, וואו דער רבי איז געשטאַנען און ער האָט דערזעהן, ווי דער שנייא ארום רבין צוגעהט און צוגעהט, און עס בילדען זיך קליינע לוזשעלאַך און פּעראייניגען זיך אין טייכלאַך, וועלכע גיסען זיך צונויף אין זייער וועג און עס ווערט דערפון אַ גרויסער לאַנגער טייך... און אָט אין דעם טייך טובל׳ען זיך הונדערטע טויזענדע מענשען, וואָס האַלטען זייערע אויגען געווענדעט צום רבי׳ן און ממש ווי זיי ציהען זייער יניקה פון דעם רבינ׳ס הדרת־פּנים... די מענשען אין טייך, דער טייך אַליין, די אַרומיגע לופט, דער הימעל, די לבנה, די הערליכע שטערען, אַלעס לעבט, אַלעס וואַרפט זיך און ציטערט, אַלעס איז מקבל די השפּעה פון די הייליגע ווערטער, וואָס טראָגען זיך ארויס פון זיינע ליפּען... פּאַוועל איז אַ פּערציטערטער געוואָרען... ער האָט זיך געוואָלט ריהרען פון אָרט און האָט ניט געקענט. ער איז געווען צוגעשמיעדט צו זיין פּלאַץ, ווי מיט טשוועקעס צוגעקאָוועט...

אַזוי איז פערביי אַ שטונדע און נאָך אַ שטונדע און דער רבי איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויף איין אָרט... קיין ריהר, קיין בעוועגונג קיין מינדסטע אנדייטונג פון חרדת־הגוף האָט ער ניט ארויסגעוויזען...

אָבער אָט האָט דער רבי אין דער הויך אויסגערופען: „תפול עליהם אימתה ופחד!“ און דעם „קיסר“ האָט תיכף אָנגעכאַפּט אַן אויסערגעוועהנליכען שרעק. הענדום־פּענדום האָט ער זיך געלאָזט לויפען פון דעם אָרט און — אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז ער געלעגען אויף אַ קישען ביים שר־פון־תפיסה אין הויז — און עפּעס ווי אַ מיעדע שווערקייט האָט זיך אויסגעגאָסען איבער זיין גאַנצען קערפּער...

וואָס זאָל איך אייך מאריך זיין. אויף מאָרגען האָט דער קיסר אונטערגעשריבען אַ פּאַפּיר מען זאָל דעם איד „זלמן בארוכאוויטש אָסוואָבאָדיט!“ — בעפרייען, הייסט עס... אין איינציגע טעג ארום, י“ט כסלו תקנ“ט, איז דער אַלטער רבי אַרויס פון תפיסה.

אויף א גלעזעל טיי

ווען דער בעפעהל צו בעפרייען דעם רבין איז בעוואוסט געווארען, איז געווארען א גרויסע שמחה אין יידע עולמות... ממש שמחה וששון ויקר... אנשי שלומנו האבען פון גרוים חדוה ניט גע־וואוסט וואס צו טהאן: מען האט געטאנצט, געזונגען, געשפרונגען, און עס האט זיך געטהאן מעשים... אבער געגוי דעם טאג, ווען דער „רב" וועט ארוים לחפשי, האט מען ניט געוואוסט... אפילו די חסידים וואס זיינען געזעסען אין דער עיר המלוכה און געווארט אויפ'ן רבין, האבען אויך ניט געוואוסט, ווען צו געהן מקבל פנים זיין דעם צדיק... און האבען דערפאר געווארט, אז דער רבי זאל צו זיי קומען...

דעם 19־טען טאג פון כסלו, בפירוש י"ט כסלו שנת תקנ"ט, איז דער „ליאדיער" געזעסען אין זיין חדר'ל פון בית האסורים און געזאגט תהלים מיט כונה, מיט התלהבות, ווי ער האט נור געקענט... ווארום איהר דארפט וויסען, אז דער רבי פלעגט יעדען טאג אפזאגען דעם חלק תהלים, וואס איז שייך צו דעם טאג פון וואך, און אזוי ווי י"ט כסלו תקנ"ט איז אויסגעקומען יום ג', האט ער געזאגט תהלים פון דעם טאג. אז ער איז געקומען צום קאפיטעל נ"ה, וועלכער הויבט זיך אן, בידוע, מיט „האזינה אלהים תפלתי", האט דער „ליאדיער" זעהר שטארק מכון געווען דעם פסוק און מיט גרוים מסירות נפש אנגעפאנגען צו טענה'ן:

— האזינה — הער זיך איין רבונו דעלמא כולא, זעה וואס וועט זיין דער תכלית? ווי לאנג וועלען אידען ניט קענען הערען די סודות פון דיין תורה הקדושה? מקול אויב, מפני עקת רשע — צו וייל ער „סמאל" וויל ניט און רעדט אן צו מסירה, וועלען אידען ניט זוכה זיין צו דערוויסען זיך דיין גרויסקייט?!... און אזוי ווייטער און ווייטער... און ער האט זיך אזוי פערטיעפט אין זיינע תפלות, ביז ער האט בעקומען עלית נשמה און איז צוגעשטאנען אויף יענע עולמות מען זאל איהם זאגען: „עד היכן" — ביז וואנען, הייסט דאס, וועט ער אליין און מיט איהם כל ישראל, מוזען ליידען? נור אויבען

שמייכעלט מען און מען ענטפערט ניט... אפילו דער בעל־שם־טוב ז"י און זיין תלמיד המגיד ממעזריטש נ"ע, לאכען אויך אין די לאנגע בערד אריין!... זיי האָבען שוין געוואוסט, אז אלעס איז כתוב וחתום און באלד וועט מען איהם אפּלאָזען, נור וואָס דען? אויסזאָגען האָבען זיי ניט געוואָלט. מען האָט געוואָלט איהם איבערראשען... און דער „ליטוואַק" שטעהט אויבען א צוטומעלטער און ווייס ניט וואָס צו טהאָן... „וואו איז זיין תקיפות דאָ אהינגעקומען?" קלעהרט ער. ווענדעט ער זיך אהין, אהער — און גאָרנישט! אלע קעהרען אָפּ די קעפּ און מען שמייכעלט. האָט ער פערשטאַנען, אז מסתמא יש דברים בגוי, און אז מען וויל ניט אויסזאָגען, דארף מען ניט! האָט ער זיך אראָפּגעלאָזען אין דעם עולם התחתון אריין און האָט גענומען זאָגען וויטער... און אז ער איז צוגעקומען צום פּסוק י"ט פון זעלבען קאַפּיטעל און קוים, אויסגערעדט „פּדה בשלום נפשי", ערשט, עס עפענט זיך די טהיר, דער שר פון „קרעפּאָסט" איז אריין און האָט זיך פערנייגט:

„סוואָבאָדען" — מאכט ער — ביסט פריי, הייסט עס, און פרעגט דעם רבי'ן, וואו זאָל מען איהם אָפּפיהרען... ער האָט דאָך אליין דעם צדיק זיין קארעטע פאָרגעלעגט.

באותה שעה איז געוואָרען א גוואלדיגע מהומה צווישען „יענע חברה" ממש והעיר שושן נבוכה... סמאל כאפּט זיך פאר'ן קאָפּ, דלילה רייסט זיך די האָר, עס טהוט זיך חשך... אזוי פיעל געטהאָן, געארבייט — און דאָ גאָרנישט... אָבער יענע חברה גיבען ניט אונטער אזוי גיך און זיי האָבען זיך גענומען תיכף ומיד נייע פּלענער צו מאכען... אחד משלהם איז אוועק אויסגעפינען, וואו דער רבי פאָהרט אולי — טאָמער וועלען זיי דאָ קענען א שפּיצעל אָפּטהאָן... אז „זיי" האָבען זיך דערוואוסט, דאָס אנשי שלומנו ווייסען נאָך ניט ווען דער רבי געהט ארויס פריי, און דעריבער וועלען זיי ניט קענען איהם מקבל פּנים זיין, און ער, דער צדיק, האָט זיך געהייסען אָפּפיהרען צו א אונזעריגען, הגביר ר' מרדכי מליעפּלע, וועלכער איז געשטאַנען אין פּעטערבורג אין א חדר קבוע, האָבען „זיי" דאָס אונטערגעזאָגט צו איינעם פון די מתנגדים מלשינים, און יענער האָט אויף גיך גענומען א חדר אין דערזעלבער דירה, וואו ר' מרדכי מליעפּלע איז געשטאַנען,

נור מיט איין עליה נידעריגער. דער מלשין האט כלומר'שט אונטערגע־זאגט דעם גביר, אז ער האט געהערט דאס מען וועט דעם צדיק נאך היינט פארנאכט בעפרייען, און אויב ער וויל דעם אמת וויסען, זאל ער געהן אין יענעם פלאטץ, וועט ער די גאנצע זאך אויסגעפינען. דאס האט ער געטהאן, כדי הגביר ר' מרדכי זאל דערווייל פון דער היים אוועקגעהן...

אז דער שר האט געבראכט דעם רבין צופיהרען טאקע בסוס ורוכבו — אין זיין קארעטע, הייסט עס, איז אט דער מלשין ארויסגע־קומען אנטקעגען דעם רבי'ן.

— רבי, מאכט ער, איהר ווילט דאך, מסתמא, זעהן ר' מרדכי'ן, איז ער גראדע יעצט נישטא. ער איז אוועק אויסגעפינען טאקע וועגען אייער כבוד וועגען און ער האט מיך געבעטען, אז אזוי ווי עס קען זיין, איהר זאלט אנקומען בכל רגע, על כן זאל איך אייך פערבעטען צו מיר אין הויז ביז ער וועט קומען...

דער צדיק האט זיך פיין אבגעזעגענט מיט'ן שר פון בית הסהר און איז אריין צום מלשין, וועלכער האט נור אויף דעם געווארט.

— רבי — זאגט ער — ביז דער גביר וועט קומען, וועל איך דערווייל מאכען א גלאז טיי און איהר וועט זיך אביסעל אפרוהען...

און ערווארט ניט אויפ'ן רבינ'ס תשובה, נור שטעלט זיך וואשען די גלעזער און הייסט שטעלען דעם סאמאוואר.

דער „ליאדיער" איז געווען אזוי פערנומען מיט זיינע מחשבות, וועגען זיין בעפרייאונג, וועגען דעם, ווי ער וועט יעצט ווייטער קענען זאגען פאר'ן עולם דברי חסידות, און וועט ווייטער קענען מגלה זיין פאר כלל ישראל די נשמה פון דער תורה, אז ער האט ניט בעמערקט, ווי דער מלשין האט פערשלאסען די טהיר פון אינווייניג און האט די שליסעל אריינגעלעגט צו זיך אין קעשענע...

— יעצט, רבי — מאכט ער — וויל איך מיט אייך עפעס רעדען!...

דער צדיק האט ווי פון שלאף ערוואכט, האט א קוק געטהאן אויף דעם „מכניס אורח" און א שרעק האט איהם אנגעכאפט... ער האט אין יענעמס אויגען דערזעהן דעם גאנצען פייער פון גיהנם, וואס

ברענט און פלאקערט אַלץ העכער, אַלץ גרעסער, און די פלאַמען שפריצען אַרויס פון די אויגען און ציהען זיך צום רבין, ממש — זיי ווילען איהם פערשלינגען און פערברענען...

דער רבי האָט אויף גיך זיין היטעל אויפגעהויבען, געוואָלט ווייזען דעם רשע דעם צלם־אלהים, אָבער יענער איז שוין געווען בבחינת קין, וועלכער, כידוע, ווען ער האָט גע־הרג'ט זיין ברודער הבל, האָט פערלאָרען די ראיה און האָט ניט געזעהן דעם צלם־אלהים אויף הבל'ס פנים, ווארום, אַז ניט, וואָלט ער דאָך זיין אייגען ברודער ניט געטוידט...

דער רבי איז געבליבען זיצען נבהל ונשתומם... אויף אַזאַ צרה האָט ער זיך ניט גערעכט.

— וואָס ווילסטו? — האָט דער צדיק אַרויסגערעדט.

— באַלד וועט זיין טיי! — האָט דער מלשין קאַלט זיך אָפּגערופען...

— וואָס ווילסטו? — האָט דער רבי איהם ווידער געפרעגט.

— איך וויל פון אייך נור איין קליינינגקייט, איהר זאָלט מיר זאָגען אויף אייער הן, אַז מהיום והלאה זאָגט איהר זיך אָפּ פון בעל־שם־טוב'ס שיטה! און טאָמער ניט, איז פה תהיה...

און אַז דער רבי האָט דאָס דערהערט איז ער פאַרציטערט געוואָרען... ממש די צייהנער דא לדא נקשן... הערט איהר אַ מעשה? איין קליינינגקייט וויל ער! דער רבי זאָל אויף זיין הן זיין אַ מאבד את עצמו לדעת!.. אַזאַ מלשין! ממש מען דאַרף דאָך אַזאַ איינעם צוררייסען ווי אַ הערינג...

מיינט איהר, דער רבי האָט זיך חלילה געשראָקען פאַר'ן טויט? ניין, אַזעלכע שטאַרבען דאָך סאי־ווי־סאי ניט!... צדיקים במיתתן קרואים חיים... אָבער וואָס טהוט מען דאָ? לאָזען זיך טויטען? איז ערשטענס, ווער וועט זאָגען חסידות פאַר'ן עולם? און, צווייטענס, ווי דערלאָזט מען עס אַ אידען צו ווערען אַ גזלן? אלא וואָס דען, אָבזאָגען זיך צו ברענגען די גאולה רוחניות צו אידען? דאָס איז דאָך אויך שלעכט!... קורץ, קרח מכאן וקרח מכאן.

זיצט דער רבי אַזוי פערקלעהרט, דעם קאָפּ אָנגעשפאַרט אויף ביידע הענט, און זיינע מחשבות טראָגען איהם ווייט, ווייט אין די

הויכע עולמות אוועק... ער וויל עלית נשמה האָבען און דאָרטען דערוויסען זיך אַ רפואה צו דער מכה אשר לא כתובה בתורה, אָבער, ווי אויף צו להכעיס, קען ער ניט... פאַר זיינע בליקען טראָגט זיך דער שרעקליכער גיהנם, וואָס ער האָט ביים מלשין אין די אויגען בעמערקט... און וואָס ווייטער און ווייטער זעהט ער אַלץ מעהר, ווי די פלאַמען רוקען זיך נעהנטער און אָט באַלד פערשלינגען זיי איהם... הקצור, עס האַלט שמאַל...

נור דאָרטען אויבען געהט זיך ניט אַזוי לייכט אָפּ... דער בעל־שם־טוב, זכותו יגן, האָט דערזעהן, וואו עס האַלט, האָט ער גענומען מרעיש עולם זיין...

— סטייטש ? ! מיין תלמיד איז אין אַזאַ סכנה, און איהר שווייגט !

הכלל, עס טהוט זיך מעשים ! און מען גיט רשות דעם בעל־שם־טוב ער זאָל טהאָן, וואָס ער קען, כדי צו ראַטעווען דעם „ליאַדיער“ פון זיין עת צרה...

באותה שעה האָט דער בעל־שם־טוב זיך פערשטעלט פאַר אַ פּוילישען חסיד, איז געקומען צו ר׳ מרדכי מליעפּלע, וועלכער איז דאַן ארומגעלאָפען אויסגעפינען, וועו מען וועט דעם רבי׳ן בעפרייען, און זאָגט איהם כהאי לישנא:

— וואָס געהסטו ארום זוכען דעם רבין, ער איז דאָך שוין בעפרייט און איז צו דיר אהיים אָפּגעפאָהרען !

הגביר ר׳ מרדכי האָט זיך גלייך געלאָזט צוזאַמען מיט׳ן „חסיד“ צו זיך אהיים, און אַז ער איז געקומען און האָט דעם רבין ניט געפונען, איז ער אַראָפּ אויסגעפינען, וואו דער רבי איז. מיט איין עליה נידעריגער, האָט ער דערהערט אַ שווערען קרעכץ, וועלכער איז איהם גלייך טיעף אין הארצען אריין...

— מ׳מוז זעהן ווער קרעכצט דאָרטען ! — האָט ער ביי זיך בעשלאָסען. שטיל איז ער צוגעגאַנגען צום טהיר און האָט צוגעלעגט דעם אויער, — ערשט ער הערט ווי דער מלשין זאָגט:

— הקיצור הרב מליאדי, איהר זייט מסכים אָפּצוזאָגען זיך פון אייער שיטה אָדער ניט ? לענגער וואַרטען וויל איך ניט !

אַז ער האָט דאָס דערהערט, איז איהם געוואָרען פינסטער אין

די אויגען. ער האָט פערשטאַנען אין וואָס פאַר אַ סכנה דער רבי געפינט זיך, און איז גלייך אַרויף צו זיך אין חדר, וואו דער „פּוילישער חסיד" איז נאָך געווען, און ביידע צוזאַמען האָבען זיי אויפגעבראָכען די טהיר...

דער ליאַדיער איז געזעסען דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזען אויף זיין ברוסט, די היטעל אַרויפגערוקט אויפ'ן שפּיץ קאָפּ, און פון זיינע אויגען האָבען צוויי גרויסע טרעהרען פּאַמעליך אַראָפּגערונען אויפ'ן פּנים. דער גביר איז געוואָרען מלא־חמה, איז צוגעלאָפען צום מלשין און געוואָלט איהם ממש צורייסען אויף שטיקער, אָבער דער רבי האָט אַ מאַך געטהאָן מיט'ן האנד.

— איך בין אויף דיר גוזר דו זאָלסט איהם גאָרנישט טהאָן!

אַ פערציטערטער איז דער מלשין געשטאַנען און געהאַלטען די אויגען אַראָפּגעלאָזט, אָבער באַלד, האָט ער זיינע אויגען אויף דעם רבי'נס שטערען אויפגעהויבען, און ערשט יעצט האָט ער, ווייזט אויס, זיין ראיה צוריק בעקומען. עס האָבען איהם גענומען ציטערען הענד און פיס, פון זיין מויל האָט גענומען שלאָגען אַ פּיענע, און עס האָט אויסגעוויזען, ווי אָט, אָט בעקומט ער די נכפּה... אָבער ער איז גלייך געפאַלען צום רבי'ן צו די פיס און האָט גענומען וויינען:

— רבי, זייט מיר מוחל, איך האָב געגען אייך געזינדיגט, יעצט זעה איך ווי גרויס מיין חטא איז!

דער גביר האָט אפילו ניט געוואָלט לאָזען דעם רבין אַ מינוט פערברייינגען לענגער:

— קומט, רבי, מאַכט ער, זיצט ניט אין די געצעלטען פון די רשעים!

אָבער דער „ליאַדיער" האָט זיך ניט געאיילט... ער האָט געדענקט, אַז ער וועט דעם מלשין מחזיר למוטב זיין, און דערמיט מציל זיין אַ אידישע נשמה מדינה של גיהנם... אַ קלייניגקייט אַזאַ גרויסע זאַך! כל המקיים נפש אחת מישראל — אַ בפירושע גמרא.

— האָסט דאָך מיך געבעטען טרינקען טיי — האָט דער רבי אַ זאָג געטהאָן, וואו איז דיין טיי?

דער מלשין האָט געדענקט, אַז דער רבי איז איהם מוחל נאָך איידער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין אַ רודף, איז ער ממש אַ לע־

בעדיגער געוואָרען. גיך ווי א פייל פון בויגען איז ער געלאָפען ברענגען טיי און האָט באדינט דעם רבין מיט גרויס כבוד און מיט גרויס יראה...

אָבער אין דערזעלבער צייט איז דער „פוילישער חסיד", וואָס האָט אונטערגעזאָגט דעם גביר וועגען רבין, צוגעגאַנגען צום מלשין און האָט איהם דערלאַנגט א פּאַטש...

— דו, זאָגט ער צום גביר, דאַרפסט דיין רבין פּאָלגען, אָבער איך קען טהאָן, וואָס איך וויל... און ער איז גלייך נעלם געוואָרען...

ווען דער רבי האָט עס דערזעהן, איז ער געוואָרען א פּערציטער־טער. ער האָט גלייך פערשטאַנען, אז דער חסיד זיינער דער גביר איז געווען גערעכט... אז ער האָט ניט געטאָרט לענגער פערבלייבען דאָ א רגע, און דערמיט וואָס ער האָט געטרונקען א גלאָז טיי און מיט דעם כח פון דער ברכה און קדושה, וואָס ער האָט מפריש געווען יעצט, גיט ער א יד צו זיינע רודפים. אָבער עס איז שוין געווען שפּעט... ווארום איידער ער האָט געטרונקען די טיי, האָט ער פּאַרדעם געדאַרפט מחזיר למוטב זיין דעם רשע, און ווען ער וואָלט געוואָרען א בעל תשובה, דאַן איז דאָך במקום שבעלי תשובה עומדין... אָבער יעצט האָט ער נאָך געגעבען א יניקה צו דער קליפּה, ר"ל... באותה שעה איז נגזר געוואָרען, אז דער רבי זאָל דורכמאַכען זיין גאַנצע פּורעניות א צווייטען מאָל... ניט דורך דער סטרא־אחרא ר"ל, נור טאַקע, להבדיל, מן השמים, דערפאַר, וואָס ער האָט ניט אָבגעהיט זיין קדושה...

אין גיכען איז דער רבי צוריקגעקומען אהיים און האָט ווידער גענומען מפיץ זיין תורה, האָט געזאָגט חסידות, האָט מגלה געווען די סודות ורמזים פון תורה פּאר אנשי שלומנו. און צווישען אונזערע איז געווען ששון ושמחה... דעם טאָג, ווען דער רבי איז בעפרייט געוואָרען איז א יום־טוב טאָג לדורות... ביז היינט איז י"ט כסלו א יום־טוב ביי אונז, חסידים...

אָבער ניט לאַנג האָט געדויערט די שמחה און אין גיכען איז דער רבי ווידער נתפס געוואָרען און ווידער אָפּגעשיקט געוואָרען קיין פּעטערבורג אלס עונש, כפּי ווי אויבען שטעהט.

אין פייער און פלאַם

הייסט עס, אַז אין אַ קורצע צייט שפּעטער, נאָכדעם ווי אדמו"ר הקדוש ר' שניאור זלמן מליאדי איז בעפרייט געוואָרען פון תפיסה, איז דער גזר, ער זאָל נאָכאַמאָל דורכמאַכען דעם זעלבען נסיון דערפאַר וואָס ער האָט געטרונקען אַ גלעזעל טיי ביי אַ מסור, מקוים געוואָרען. אַ בעפעהל פון פּעטערבורג איז אָנגעקומען, אַז מען זאָל דעם אידען „זלמן באָרוכאָוויטש דאָסטאַווען" אין דער עיר המלוכה.

און אַז די בשורה איז אָנגעקומען צום רבין, איז געוואָרען אַ מהומה צווישען אנשי־שלומנו. ממש אבל גדול וצום... דער רבי אַליין איז לכתחילה געוואָרען צעטומעלט ניט צוליעב דער גזרה, חלילה, נור בני ביתו האָבען איהם געגומען איינריידען ער זאָל אַנטלויפען, עוקר זיין, הייסט, פון רוסלאַנד. זיי האָבען דאָך ניט געוואוסט, אַז דאָס איז נור אַ שטראָף פאַר אַ ווײלע, ווייל דער רבי, נ"ע, האָט געגעבען דורך זיין ברכה ביים מסור אין הויז אַ יניקה צו דער טומאה, ר"ל... זיי האָבען געדענקט, אַז די סטרא־אחרא, ימח שמה, האָט, חלילה, וועיטער גובר געווען, און זיי האָבען ניט אַנדערש געוואָלט דער רבי זאָל עוקר זיין קיין חוץ־לארץ. מה עשו? האָבען זיי אַריינגעפיהרט דעם שר, וואָס איז געקומען תופס זיין דעם רבי'ן, אין אַ חדר מיוחד, ער זאָל וואַרטען, הייסט עס, ביז דער צדיק וועט זיך מכין זיין אל הדרך, און דערווייל איז דער רבי אַרויס דורך אַ הינטער־טהיר, און איז אוועק אין אַ בעהאַלטען אָרט...

דער שר האָט געוואַרט און געוואַרט און, אַז ער האָט דערזעהן, אַז דער צדיק קומט ניט אַרויס, האָט ער גענומען מאַכען קולות וברקים, אַז דער רבי זאָל שוין ווערען! ובאם ניט, האָט ער געזאָגט, וועט ער זיך נוקם זיין אָן אַלע אידען פון שטאָדט... און מען האָט דעם רשע געמעגט גלויבען אויף זיין הן, אַז ער וועט זיין הבטחה מקים זיין!... איז געוואָרען ווידער אַ מהומה אין שטעדטעל... די אידען האָבען ניט געוואוסט וואָס מען זאָל דאָ טהאָן: לאָזען דעם גדול הדור אַנטלויפען? איז די שטעדטעל אין סכנה! אלא וואָס דען, מוסר זיין דעם רבין אין

גוי'אישע הענד? ווילט זיך אויך ניט. איז געבליבען, מען זאָל מודיע זיין דעם רבי'ן בכבודו ובעצמו, און ער זאָל טהאָן, ווי ער פאַרשטעהט...

אָבער ווער זאָל דאָס איהם זאָגען? קיינער וויל ניט געהן...
איז דאָך שלעכט... דער ליאַדיער, נ"ע, איז דאַן געזעסען אין אַ חדר ביי אחד מאנשי שלומנו און האָט זיך עוסק געווען בעבודה, ווי זיין שטייגער איז געווען... איך דאַרף דאָך אייך ניט דערצעהלען דעם דרך פון דעם רבינ'ס עבודה... איהר האָט דאָך מן הסתם געהערט?! זיין עבודה איז דאָך געווען חוץ מדרך הטבע... זיינע קולות, זיין התלהבות איז דאָך געווען מיט אַזוי פיעל חמימות, אַז ממש כל שומעו איז איהם די כחות אויסגעגאַנגען... היינט, בפרט, אין אַזאַ צייט, ווען ער איז געווען אין אַ סכנה, און ניט נור ער אַליין, נור טאַקע די גאַנצע שיטה פון בעל־שם־טוב, זכותו יגן, און אנשי שלומנו אויך, האָט ער דאָך מסתמא מיט זיינע תפלות עוקר הרים געווען... ער האָט געקלאַפּט מיט די הענט, געברומט אויפ'ן קול, און האָט זיך אַזוי אָנגעשטרענגט, ביז ער האָט בעקומען עלית נשמה און אין אַוועק זיך זעהן מיט זיין רבי'ן המגיד ממעזריטש, נ"ע...

און זאָגען מוז איך אייך, אַז דער אדמו"ר הגדול, נ"ע, האָט ניט אַזוי שטאַרק געקימערט זיך וועגען דער תפיסה, נור ער האָט שטאַרק געליטען פון דעם, וואָס ער דאַרף קיין חוץ לאָרץ געהן. איהם האָט זיך ניט געוואָלט אַוועק פון רוסלאַנד... און אַז ער איז אין יענע עולמות אַריבער און האָט דעם מגיד, נ"ע, געטראָפען, האָט יענער איהם געוויזען אַ פּנים זועפים... ער איז ברוגז געווען, וואָס דער רבי זצ"ל, איז אַליין אין פייער געגאַנגען...

דער צדיק האָט גלייך בעמערקט דעם שנוי, וואָס איז פאָרגעקומען ביים מגיד, און האָט דערפאַר איהם ניט געפרעגט וועגען דעם גאַנצען ענין, נור האָט איהם געבעטען, ער זאָל איהם אַן עצה געבען, צו ער זאָל עוקר זיין אָדער פערבלייבען?..

— יאָ, אויב דו ווילסט עוקר זיין, קענסטו! — האָט דער מגיד געענטפערט, אָבער ווייסטו כאָטש, וואָס דער שר האָט געזאָגט צו די אידען פון דיין שטעדטעל? ער האָט זיי געגעבען צייט ביז מאָרגען פריה, זיי זאָלען דיך צושטעלען צו איהם, ואם לאו, וועט ער אַלעמען ברענגען אין סכנה!...

איהר פערשטעהט דאָך, אז מעהר האט דער צדיק זצ"ל, ניט געדראַפט. ער איז גלייך אראָפּ אויפ'ן עולם השפל, האט אפילו ניט געענדיגט זיין תפלה, נור איז אוועק צו זיך אהיים, זיין טלית ותפילין גענומען, און האט זיך געלאזט גלייך צום שר.

— הנני, אָט בין איך, — האָט דער רבי, נ"ע, אויסגערופען. איידער איינעם פון די אידען זאָל צוליעב מיר געשעהן א סבה אפילו כחוט השערה, בין איך גרייט צו נעהמען אויף מיר דעם גרעס־טען עונש!... קענסט מיט מיר טהאָן וואָס דו ווילסט!...

דער שר האָט געהייסען ברענגען קייטען, מען זאָל אָנטהאָן דעם רבי'ן און איהם אָפּשיקען קיין פעטערבורג. אָבער ווי ער האָט נור דעם בעפעהל מוציא מפיו געווען, איז איהם בעפאַלען א שרעק, ער האָט דערפיהלט א היץ אין גאַנצען קערפּער, דער קאָפּ האָט זיך איהם גענומען; דרעהען, און ממש ער שפירט, אז ער געהט אוים... ער האָט זיך געשטאַרקט אויפ'ן צדיק א קוק צו טהאָן, אָבער יענער איז געזעסען שקוע במחשבותיו, נאָר זיין היטעל איז געווען אביסעל ארויפגערוקט... און משמעות, דער שר האָט געפיהלט, אז אָט דער מאַן איז עפּעם ניט קיין פּראָסטער מענש, נור א איש קדוש וטהור, ווארום, וואָס דען איז ער צו איהם צוגעפאַלען און גענומען בעטען תחנונים, ער זאָל איהם מוחל זיין פאַרוואָס ער הייסט איהם בינדען אין קייטען?

— עס איז ניט מיין שולד — האָט ער גע־טענה'ט — אָט איז דער בעפעהל פון קיסר פּאַוועל בכבודו ובעצמו, אז איך זאָל דיך צושטעלען קיין פעטערבורג...

און דער רבי, נ"ע, האָט פון זיין האַנט דעם בעפעהל צוגענומען און האָט עס איבערגעלייענט, און א ברייטער שמייכעל האָט זיך איבער זיינע ליפּען איבערגעצויגען...

— אזוי, אזוי! — האָט ער צו זיך אליין ארויסגערעדט — דעם אידען זלמן באַרוכאָוויטש צושטעלען, און האָט אפילו דעם וואָרט „ראבין" ניט צוגעשריבען, נאָכדעם ווי ער האָט זוכה געווען צו התגלות הקדושה?... ער האָט זיין גזר דין אליין אונטערגעשריבען!... און צום שר האָט ער פריינדליך א זאָג געגעבען:

— איך בין דיר מוחל, ווייל דו ביסט נאָר מקיים מצות המלך... טהו דיין פליכט!

און אז מען האָט די קייטען אריינגעבראַכט, האָט דער רבי אויסגעשטרעקט זיינע הענד און געהייסן זיך אָנטהאָן די קייטען.

און אין דער צייט, וואָס אנשי שלומנו האָבען געוויינט און געקלאָגט אויף דער גרויסער צרה, וואָס האָט דעם רבי'ן אַ צווייטעס מאָל געטראָפען, איז ער, דער ליאַדיער, נ"ע, אָפּגעשיקט געוואָרען קיין פּעטערבורג, וואו מען האָט איהם ווידער פארזעצט אין זעלבען חדר, וואו ער איז צום ערשטען מאָל געוועזען...

אנשי־שלומנו, האָבען אפילו ניט געשוויגען: מען איז געלאָפען קיין פּעטערבורג, געזעהן זיך מיט שרים, געשאָטען מיט געלט אויף אַלע זייטען, אָבער עפּעס אויפטהאָן האָט מען ניט געקענט... איין ענטפער האָבען אַלע געגעבען: „דעם רבינס בעפרייאונג הייננט אָפּ פון קיסר אַליין"... אנשי שלומנו האָבען קיין אנדער ברירה ניט געהאַט, ווי צו האָפען צו גאָט, אַז אַלעס וועט זיך ענדיגען בכי טוב... און אזוי איז טאַקע געוועזען...

ומעשה שהיה כך היה. אין דעם טאָג ווען דער רבי, נ"ע, איז געבראַכט געוואָרען אין „קרעפּאָסט" אריין, איז דער קיסר פּאַוועל געזעסען מיט זיינע יועצים און האָט זיך בעראַטען כדת, מה לעשות, וואָס צו טהאָן מיט'ן „ארעסטאַנט", און דרך אגב האָט ער אויך דער־צעהלט די גאַנצע מעשה, וואָס ער האָט געזעהן, ווען ער האָט בעזוכט דעם רבין, נ"ע... אויף יענער אסיפה איז אויך געווען דער יורש־עצר אַלכסנדר הראשון, וועלכער האָט זיך שטאַרק פּעראינטערע־סירט צו זעהן אָט דעם געטליכען מאַן און זיך איבערצייגען, צו איז ער טאַקע אזא גדול, ווי דער קיסר האָט דערצעהלט. ער האָט זיין פערלאַנג איבערגעגעבען זיין פאָטער, דעם קיסר, אָבער יענער האָט ניט געוואָלט מסכים זיין, אַז דער יורש־עצר זאָל פאָהרען. משמעות, ער האָט מורא געהאַט שלא יוזק, ווארום ער — דער רשע — האָט דאָך געוואוסט ווער דער ליאַדיער, נ"ע, איז. אזוי זיינען פערלאָפען איניגע מאָנאַטען. אָבער דער יורש־עצר, וועלכער האָט פעסט בעשלאָסען צו זעהן דעם צדיק, האָט זיין פּלאַן ניט געוואָלט אויפגעבען. און ווי דער קיסר פּאַוועל אַמאָל, איז ער אויך אין אַ שעהנעם ווינטער אָבענד געקומען צום רבין אין חדר אריין, פערשטעלט אַלס פּראָסטער אָפיציער.

אַז ער האָט נור די טהיר געעפענט און אריין אינוויינינ, האָט ער

דערזעהן פאר זיך א גרויסען, שעהנעם חדר זעהר העל בעלויכטען. פון אלע זייטען האט געשטראהלט אן אויסערגעוועהנליכע ליכטיגקייט. דער חדר איז געווען אהן פענסטער, אהן טיהרען, קיין טיש, קיין ביינקעל און קיין לעבעדיגער נפש איז דארטען ניט געווען. דער יורש־עצר אלכסנדר האט זיך א קעהר געגעבען א הינטער, נור אויך דארטען האט ער קיינעם ניט געזעהן, בלויז א לאנגער, ליכטיגער, אבער ליידיגער חדר.

— און וואו איז דער ארעסטאנט? — האט ער א קלעהר געגעבען.

באותו רגע איז פאר איהם ערשינען א הויכער, שעהנער מאן, מיט א לאנגע, גראהע באָרד, מיט זעלטען שעהנע, ליכטיגע אויגען, מיט א הויכען שטערען, מיט א ליעבליכען פנים און מיט א גוטמוטהי־גען שמייכעלע אויף די ליפען.

— שלום עליכם, קיסר! — האט דער מאן איהם א זאג געגעבען.

אלכסנדר האט א ציטער געטהאן.

— ערשטען, בין איך נאך קיין קיסר ניט! און, צווייטענס, ווי אזוי ערלויבסטו זיך מיט מיר אזוי רעדען?! — האט ער בייז אויסגערופען.

און ווי ער האט דאס נור אויסגערעדט, איז געווארען פינסטער אין חדר, ממש „וימש חשך“... פון אלע זייטען האט גענומען יאגען א קאלטער שניידענדער ווינט, און א שטילע מורמלעניש האט זיך געטראגען פון יעדען ווינקעלע. אן אונגעהייער שרעק איז בעפאלען דעם בעזוכער, העגט און פיס האבען איהם געטרייסעלט... ער האט געוואלט אנטלויפען, אבער ער האט ניט געזעהן קיין אויסוועג, וואו ארום ארויסצוגעהן.

מיט אמאל האט זיך בעוויזען א גרויסער שרעקליכער, העלישער פייער. דער פייער האט זיך געהויבען אלץ העבער, אלץ גרעסער. זודיגע קעסלען מיט א שווארצע מאסע, האבען זיך געקאכט און געברויזט... און דער פייער איז געווארען אלץ שטארקער און העלישער און עס האט זיך גערדאכט, אז אט, אט, וועט דער גאנצער חדר ווערען איינגע־וויקעלט אין פלאמען...

אלכסנדר האָט, ווי אַ וואַהנזיניגער, זיך געלאָזט לויפען פון שרעקליכען בראַנד, אָבער וואָס ווייטער ער איז געלאָפען, אַלץ נעהנ־טער און נעהנטער איז ער צו צום פייער...

— וואו בין איך דאָ אַריינגעפאַלען? — האָט ער מיט גאָר די כחות אויסגעשריען.

און אַ הילכיגע, מעכטיגע שטימע האָט דייטליך איהם גע־ענטפערט:

— דו ביסט אין דעם פּלאַץ, וואָס איז אָנגעגרייט פאַר דיין פאָטער, וועלכער האָט פארשוועכט די קדושה...

— אָבער איך בין דאָך ניט שולדיג! — האָט ער מיט תחנונים אויסגעשריען — איך בין דאָך נור געקומען זעהן דעם הייליגען מאַן, דעם „ראַבין“!

און ווי ער האָט נאָר דעם וואָרט „ראַבין“ פון זיין מויל אַרויס־געדערט, האָט ער דערפיהלט, ווי אימיצער האָט איהם פאַר'ן האַנד אָנגענומען, און פיהרט איהם אַוועק פון פייער. וואָס לענגער ער געהט, אַלץ מעהר דערווייטערט ער זיך פון דעם פייער און אַלץ מעהר דער־נעהנטערט ער זיך צו אַ פּלאַץ, פון וואַנען עס שטראַהלט אַרויס אַ ליכטיגקייט. באַלד איז ער צוגעקומען צו אַ טהיר, וועלכע האָט זיך געעפענט און ער איז אַריינגעגאַנגען אין אַ שעהנעם ליכטיגען חדר, אין וועלכען עס איז געשטאַנען אַ קליין טישעלע. ביים טישעלע איז געזעסען דערזעלבער, וואָס האָט איהם פריהער בעגריסט אַלס קיסר.

— ביסטו דאָס דער הייליגער „ראַבין“? — האָט איהם אלכסנדר געפרעגט.

— געוויס, קיסר! — האָט איהם דער רבי, נ"ע, געענטפערט.

— און פאַרוואָס רופסטו מיך קיסר?

— ווייל אין איינינגע טעג אַרום, וועסטו ווערען קיסר, אויב...

— אויב וואָס? — האָט אלכסנדר גיך געפרעגט.

— אויב דו וועסט לאָזען לערנען די תורה פון דעם הייליגען מאַן, וואָס האָט דיך יעצט פון יענעם שרעקליכען פּלאַץ אַרויסגעפיהרט, און וועמעס נאָמען איז ר' ישראל בעל־שם־טוב.

אלכסנדר האָט שטיל אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

— איך בין דיר מבטיח, אז דעם ערשטען פּאַפּיער, וואָס איך וועל אונטערשרייבען, ווען איך וועל ווערען קיסר פון ראַסיי, וועט זיין דיין בעפרייאונגס־כתב.

— אָבער דו מוזט מיר נאָך מבטיח זיין, אַז דו וועסט זיך גוט בעגעהן מיט די אידען, כל זמן דו וועסט לעבען און אז דו וועסט קיינעם ניט דערצעהלען, וואָס דו האָסט געזעהן דאָ, ביז דו וועסט ווערען מלך.

אלכסנדר האָט איהם דאָס אויך מבטיח געווען. באותה שעה איז אלעם פערשוואונדען געוואָרען, און דער יורש־עצר איז געשטאַנען אין דרויסען, וואו עטליכע פון זיינע בעגלייטער האָבען שוין אויף איהם געוואַרט.

אין אייניגע טעג 'ארום איז קיסר פּאַוועל, כפי ווי דער רבי, נ"ע, האָט געזאָגט, פּלוצים געשטאָרבען און אלכסנדר איז געוואָרען קיסר. און ער האָט געהאַלטען וואָרט: אין זעלבען טאָג, ווען ער האָט בעטראָטען דעם כסא־המלוכה, איז דער ערשטער פּאַפּיער, וואָס ער האָט אונטערגעשריבען אלס קיסר, געווען די בעפרייאונג פון רבין, נ"ע. און עס איז דערביי געשטאַנען צוגעשריבען מיט זיין אייגענעם כתב יד, אז עס ווערט דעם „ראַבין" ערלויבט פערשפּרייטען זיין תורה אונגע־שטערט.

דעם רבי'נס דבקות

...ווארום וויסען דארפט איהר, אז א ניגון איז, כידוע, א הויכע מדרגה פון דעם עולם־האצילות... אזוי ווי די נשמה פון א מענשען אין א חלק אלוה ממעל, אזוי איז א ניגון א חלק אלוה מעולם־השירה... און דערפאר איז די נשמה מסוגל אויפצונעהמען דעם ניגון, אריינזאפּען אין זיך די טיירערע קלאנגען, און עס טאקע אפּשאצען און פערשטעהן... ווארום נעהמט, למשל, א ניגון ווי כל־נדרי, הא? איז נים יעדער קלאנג, יעדער אָי, אָי, אָי, מסוגל ארויסצורופען אין אייך א ים פון טרויער? ... אָדער אז איהר הערט, ווי אנשי־שלומנו זינגען „דער רבי האָט געהייסען פרעהליך זיין, דער רבי האָט געהייסען פרעהליך זיין" פיהלט איהר דען נים, ווי איהר ווערט פול מיט התלהבות, שמחה, אהבה און בטחון? הא? וואָס? נים אזוי? און אזוי ווי א נשמה קען זיך ארויפארבייטען אויף גאָר א הויכע מדרגה, אזש בבחינת צדיק; און פערקעהרט, קען זיך אראָפּלאָזען נידעריגער און נידערריגער, אזש עד מ"ט שערי טומאה ח"ו, אזוי קען א ניגון זיין פול מיט אמונה, מיט שמחה־של־מצוה, און קען דאגעגען אויך זיין דורכגעווייקט אין א ים פון תאוה, פון זינד, פון רשעות... עס ווענדט זיך נים פון וואָסערע קלאנגען דער ניגון איז צוזאמענגעשטעלט, נור טאקע וואָס דער ניגון איז מכון...

און אָט איינמאָל, ווען דער רבי איז געזעסען און האָט געזאָגט פאר'ן עולם א מאמר חסידות וועגען א טיעפען ענין, האָט ער בעמערקט ווי פון אנדער זייט טיש זיצט אן אלטער איד און, כאָטש, קענטיג, ער איז זיך שטארק מדבק צום רבין, איז נהנה פון רבינס פנים, אָבער די הייליגע ווערטער, וואָס ער, דער צדיק, איז מוציא מפיו, מאכען קיין רושם אויף איהם נים. דער רבי האָט זיך פארקלעהרט. ער זעהט בחוש, אז דער איד איז מאנשי־שלומנו, אז זיין נשמה בענקט און לעכצעט נאָך די הייליגע, טייערע לעהרע, אז זיינע אויגען זיינען געווענדעט צום רבי'ן און ווילען האָבען א יניקה פון דער תורה, און דאָ גאָרנים... באותה שעה האָט דער „ליאדיער" גמר על דעתו געווען צו דערגעהן די

סבה פון דעם חסיד'ס קאַלטקייט צו דער תורה... דער רבי, נ"ע, האָט באַלד געענדיגט זאָגען, איז אַריין צו זיך אין זיין חדר מיוחד און האָט געהייסען אַריינרופען דעם אַלטען חסיד.

מיט גרויס הכנעה און יראה איז דער אַלטער אַריבערגעטראָטען דעם שוועל פון חדר, און איז געבליבען שטעהן. ער האָט ניט געוואגט ווייטער צו געהן...

— קום אהער! — האָט דער רבי געזאָגט מיט אַ קול־תחנונים, — שעהם זיך ניט און דערצעהל מיר טאַקע, פאַרוואָס האָסטו אַזוי קאַלט אויפגענומען דעם היינטיגען שיעור, וועלכער, כפי מיין ידיעה, איז די שיטה פון דעם בעל־שם־טוב, זכותו יגן.

— רבינוּ, — איז דער אַלטער צוגעפאַלען — רבינוּ, ווי איז דער דין, אַז איך פערשטעה ניט אַזא תורה? האַ? בין איך דען אַ חוטא? פשוט איך פערשטעה ניט די הויכע, טייערע ווערטער! מיין טאַטע איז מיר יונג געשטאָרבען, מיין מאַמע האָט מיך ניט געקענט האַלטען לאַנג אין חדר, האָב איך גענאַרפט איהר אַרויסהעלפען, און ווען איך בין בר־מצוה געוואָרען האָט זי מיך אָפּגעגעבען פאַר אַ בעל־מלאכה. מיין האַרץ געהט מיר אויס פון בענקעניש נאָך תורה, איך וואָלט אויך געוואָלט פערשטעהן די הייליגע ענינים, אָבער וואָס איז די פעולה, אַז אפילו דעם „תהלים", וואָס איך זאָג אַדורך אַלע טאָג פון אָנהויב ביז'ן סוף פערשטעה איך אויך ניט גוט...

דער רבי האָט אַ שווערען זיפץ געטהאָן...

— און אַז איך בין עלטער געוואָרען — האָט דער חסיד פאָרט־געזעצט — און האָב גענומען פערשטעהן, ווי גוט עס איז צו קענען די קליינע אותיות, האָב איך קיין געלעגענהייט ניט געהאַט... האָב געדאַרפט מפרנס זיין אַ מאַמען מיט קלענערע ברידערלעך און שוועסטערלעך. און האָב זיך מיט דעם ניט געקענט אָפּגעבען. אמת, איך פלעג געהן אין שוהל אַריין דאַוונען, אָבער די לומדים, רבי, פלעגען זיך האַלטען פון מיר פון דער ווייטען... איך בין אויף זיי חלילה ניט אין כעס, וואָס האָבען זיי געהאַט מיט מיר פאַר עסקים?... זיי זיינען די לומדים, די קענער, די גבורים פון דער תורה, און איך — אַ פּראָסטער בעל מלאכה!...

דער רבי האָט ווידער זיך אָפּגעזיפצעט...

— און אַז איך, רבי, האָב זיך פון אייך דערוואוסט, אַז מען האָט מיר אייער גדלות דערצעהלט, אַז מען האָט מיר דערצעהלט פון דער שמחה, פון דער אהבה, וואָס ביי אייך אין הויז זעהט מען, פון דער ליעבשאַפט צו אַלע מענשען אפילו צו בעלי־מלאכות, בין איך געקומען... מיין נשמה האָט אין מיר אָפּגעלעבט... איך בין יעצט גליקליך, וואָס איך האָב זוכה געווען אין אייער הויז צו זיין... אָבער אייער תורה, רבי, פערשטעה איך ניט...

דער „ליאַדיער" האָט זיך שטאַרק פערטראַכט. דער אַלטער חסיד איז דערוייל געשטאַנען דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזען, און פון זיינע אויגען האָבען זיך פּאַמעליך געקייקעלט צוויי גרויסע טרעהרען...

פּלוצלונג האָט דער צדיק ווי פון שלאָף ערוואַכט. ער האָט אַ היבשע ווײַלע געקוקט אויף זיין חסיד, וועלכער האָט ניט געקענט איהם משיג זיין, כאָטש זיין נשמה איז געווען אַזוי ווילינ צו וויסען און פערשטעהן דעם אמת'ן אמת...

— נו, הער זיך איין, — האָט דער רבי אַ זאָג געטהאָן — איך וועל דיר מסביר זיין מיינע ווערטער מיט אַ ניגון... און ער האָט אָנגעהויבען זינגען...

איהר האָט דאָך, מסתמא געהערט דעם רבינ'ס ניגון? וואָס, ניט אַזוי? אָט אין יענעם ניגון גיסט זיך אויס אַ ים פון תורה, אַ ים פון בטחון, אַ ים פון בענקשאַפט צו גאָט, מיט התחברות צום אין־סוף, אַ ים פון כונה, פון ליעבשאַפט צו דעם בורא־עולם... אין די געטליכע קלאַנגען ברענט אַ פייער פון הייליגקייט — הכלל, דער ניגון איז כולל אין זיך די גאַנצע שיטה פון חסידות, די גאַנצע לעהרע פון דעם בעל־שם־טוב, זכותו יגן...

און וואָס מעהר דער רבי האָט געזונגען, אַלץ מעהר האָט דעם אַלטען חסיד'ס נשמה אַריינגעזאַפּט אין זיך די קלאַנגען און צוזאַמען מיט דעם האָט ער אויך גענומען פערשטעהן די טיעפקייט פון דער וועלט... ער האָט גענומען פיהלען די גרויסקייט פון דער הייליגער תורה, און ער האָט צום ענדע מיט גאָר זיינע כחות אויסגעשריען:

— רבי! יעצט קען איך זיך בעהעפטען צו גאָט... איהר האָט

מיט אייער ניגון מיר געגעבען די ריכטיגע דבקות צום רבונו־של־
עולם...

און פון דאן אָן, איז דער ניגון בעוואוסט געוואָרען אַלס „דעם רבינ׳ס דבקות". יעדען מאָל ווען דער רבי האָט געזאָגט תורה, האָט ער נאָכ׳ן לערנען געזונגען דעם ניגון... ער, האָט געקלעהרט, אַז עס קען זיין, דאָס צווישען די חסידים געפינען זיך אַזעלכע, וואָס האָבען די תורה, ארויסגעבראַכט מיט ווערטער, ניט פערשטאַנען, האָט ער זיי מסביר געווען דורך זיין ניגון... ווארום נגינה, כפי איך האָב לכתחילה געזאָגט, איז אַ העכערע מדרגה פון הסברה... ווייל זי שטאַמט פון עולם־השירה, צו וועלכע מען דאַרף קיין ווערטער ניט בענוצען... איצט ווייסט איהר שוין, פאַרוואָס מען רופט דעם ניגון „דעם רבינס דבקות?

די מהומה אין אייגענעם לאַגער

אַט אַזוי טהייערינקע געהט עס... אז אונזער גמרא הקדושה זאָגט עפּעס, איז עס ריכטיג ווי גאָלד... לא דיין לצדיקים... — אז צדיקים האָבען קיינמאָל קיין רוהע ניט... עס ענדיגט זיך איין צרה הויבט זיך אָן אַן אנדער צרה... און פאר וואָס איז דאָס? ווייל די סטרא־אחרא זוכט אַלע תחבולות צו שטערען אידען צו זיין אידען... איהר ווייסט דאָך שוין, ווי דער רבי איז לגמרי ארוים לחרות, און איהם איז ערלויבט געוואָרען צו פערשפרייטען דעם בעל־שם־טוב׳ס שיטה פראַנק און פריי. נו, — האָט דער גרויסער צדיק און רבי געדענקט, אז יעצט וועט ער שוין קענען זיצען רוהיג און מפיץ זיין די תורה ברבים, לערנען אידען דעם דרך הישר, ווייזען זיי ווי אַזוי מען דאַרף לעבען אויף דער וועלט, אָבער ולא הניחוהו — האָט מען איהם ניט געלאָזען.

נאָכדעם, ווי דער רבי האָט מנצח געווען, און אַלעס האָט זיך געענדיגט בכי טוב, האָט דער שטן גענומען זוכען אנדערע תחבולות ווי אַזוי דעם רבין אָנצוטהאָן ענוים, און דערמיט שטערען דעם למוד התורה. יעצט האָט ער זיך גענומען אויף אַן אנדער דרך. ער האָט פערשטאַנען אז די רדיפות פון מתנגדים וועלען נאָך מעהר פערשטאַרקען דעם כת פון חסידים, האָט ער געוואָלט מאַכען אַ מהומה אין זעלבען לאַגער, דאָס הייסט צוטהיילען דעם רבין און די איבעריגע גדולים משיטת־בעל־שם־טוב ז״י, און ברעכען דערמיט די תקיפות פון ליאַדיער נ״ע. מה עשה?.. דער שטן האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אז הרב הקדוש ר׳ אברהם־הכהן, וועלכער האָט זיך געפונען אין ארץ־ישראל, איז דעם ליטוואַק׳ס אַן אוהב־נאמן און האָט געהייסען דורך בריעף די חסידים פון דער ליטא פאָלגען און צוהערען זיך צום רבין, האָט ער, דער שטן, זיך פאַרשטעלט פאַר אַ חסיד — אַ למדן פון די ליאַדיער, און איז נעקומען קיין ארץ־ישראל צו הרב הקדוש ר׳ אברהם און געבעטען איהם, ער זאָל איהם לערנען דברי־חסידות. דער צדיק איז מרוצה געוואָרען דעם חסיד צו נעהמען פאַר זיינעם אַ תלמיד, וועלכער האָט זיך

ארויסגעוויזען צו זיין א גרויסער מתמיד ומאזין. הרב הקדוש ר׳ אברהם האָט זעהר ליעב בעקומען דעם חסיד און האָט איהם געצעהלט צווישען זיינע מקורבים, לערענענדיג מיט איהם די שיטה פון חסידות.

אָבער יעדעס מאָהל, ווען דער גרויסער רב האָט געזאָגט חסידות, פלעגט זיך דער חסיד א קנייטש געבען דעם שטערען, א מאַך טהאָן מיט דער האנד און זיך זאָגען לפי תומו:

— דאכט זיך, דער ליאַדיער האָט געזאָגט פונקט דעם היפוך.

הרב ר׳ אברהם איז נשתומם געוואָרען, ווען ער האָט דאָס דערהערט... וואָס הייסט דער ליאַדיער זאָגט דעם היפוך? דאַן געהט ער דאָך אנטקעגען דער גאַנצער שיטה פון בעל־שם־טוב!...

און אז די זעלבע זאַך האָט זיך איבערגע־חזר׳ט א פאָר צעהנדליג מאָהל, האָט הרב ר׳ אברהם בעשלאָסען, אז דער ליאַדיער רבי איז גאָר נגד חסידות, און האָט אָנגעשריבען א בריעף צום צדיק ר׳ לוי יצחק מבערדיטשעוו, צו הרב ר׳ ברוך ממעזבוזש און צום גאון ר׳ מאיר מלעכעוויטש, אין וועלכע ער האָט זיי געלאָזט וויסען, אז דער ליטוואַק, וואָס גיט זיך אָן אלס חסיד פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, איז גאָר אנטקעגען דעם בעל־שם־טוב׳ס שיטה, און מען טאָר איהם ניט לאָזען פערשפרייטען זיין תורה צווישען אידען.

דערצו האָבען די משולחים פון ארץ־ישראל זיך דערוואוסט, אז זייער רבי איז קעגען דעם ליאַדיער נ״ע און האָבען אין יעדער שטאָדט און שטעדטעל מוציא געווען א שם־רע אויפ׳ן רב ר׳ שניאור זלמן נ״ע און עס האָט געהאָלפען דערביי, אז די אייגענע אוהבים־נאמנים זאָגען ארויפלעגען אן איסור אויפ׳ן רבינס תורה...

דער רבי ר׳ שניאור זלמן נ״ע האָט לכתחילה געשוויגען. ער, דער צדיק, האָט דאָך געוואוסט, דאָס ער איז דער אמת׳ער תלמיד פון בעל־שם׳ס שיטה, און אז ער געהט אין דרך פון דעם מעזריטשער נ״ע, איז ער געוואָרען דערפאַר ביי זיך זיכער, דאָס באלד וועט די מהומה פאַראיבער... אָבער אז זיינען אוועק אייניגע מאָנאטען און יענע צדיקים, אויסער ר׳ לוי יצחק מבערדיטשעוו, וועלכער האָט געהאָלטען מיט איהם, זיינען געוואָרען מעהר איינגעשפאַרט און האָבען גע־נומען זוכען תחבולות, ווי אזוי צו אסר׳ן איהם, דאַן האָט דער רבי בעשלאָסען עפעס צו טהאָן.

ער האָט גלייך אָנגעשריבען אַ בריעף צו הרב הקדוש ר׳ אברהם הכהן, אין וועלכען ער האָט איהם ערשטענס אָנגעוויזען, אַז ער איז אַ רודף־חנם, און צווייטענס, אַז ער איז ניט זיין רבי, און דעריבער דאַרף ער, דער ליאַדיער, ניט האָבען זיין הסכמה אויף צו לערנען דעם בעל־שם׳ס שיטה. אָבער דער בריעף האָט ניט געהאָלפען. עס האָט אפילו ניט געהאָלפען, ווען דער רבי נ״ע האָט זיך דורכגעשריבען מיט הרב הקדוש ר׳ לוי־יצחק מבערדיטשעוו און יענער האָט זיך אויך איינגעשטעלט פאַר׳ן רבין...

דאַן האָט דער גרויסער צדיק בעשלאָסען, אַז ער מוז עפּעס טהאָן, וואָס זאָל די מהומה איינשטילען. געוועזען איז דאָס אין חדש שבט תק״ע. דער רבי האָט זיך געשטעלט שמונה־עשרה צו מנחה, און האָט זיך זעהר פערטיעפט אין עבודה... און אַז ער איז געקומען צום פסוק „ונפשי לכל כעפר תהיה״, האָט ער די ווערטער שטאַרק מכון געווען... ער האָט געוויזען, אַז אמת איז, דאָס מען דאַרף זיין ווי ערד, דאָס הייסט מען דאַרף ניט ברוגז ווערען, אויב יענער רעדט אויף דיר, מאַכט פון דיר בלאָטע, איז דיך מבטל, אָבער ווען איז דאָס געזעדט, ווען עס האַנדלעט זיך וועגען „ונפשי״, — וועגען דעם אייגענעם „איך״, אָבער אַז יענער וויל דיין רבינ׳ס שיטה פערטשעפּען, דאַן דאַרף מען ניט שווייגען. דער רבי האָט אַזוי פיעל זיך פערטיעפט אין דעם ענין, ביז ער האָט בעקומען עלית נשמה, און ער האָט געוואָלט זיך דורכשמועסען מיט׳ן בעל־שם־טוב אַליין, האָט ער אָבער איהם ניט געקענט זעהן, נור דער מעזריטשער נ״ע האָט איהם מקבל געווען, און האָט איהם געזאָגט דאָס דער איינציגער וועג, ווי איינצושטילען די מחלוקה איז, זיך דורכצופאָהרען צום מעזבוזשער צדיק...

דער רבי האָט פערשטאַנען דעם וואונק און האָט זיך באַלד געלאָזען אויף דער רייזע. אָבער פריהער האָט ער בעשלאָסען זיך משתטח צו זיין אויפ׳ן קבר פון בעל־שם־טוב. ער האָט זיך געדונגען אַ בעל־עגלה און איז אַוועקגעפאָהרען. ווען ער איז געקומען אויפ׳ן הייליגען אָרט, וואו דער איש האלהים ר׳ ישראל בעל־שם־טוב רוהט, האָט ער דערזעהן ווי דער בעל־שם־טוב, שטעהט אונטער אַ גרויסען בוים און איז שקוע במחשבותיו... און אַז דער רבי איז נאָהענט

צוגעקומען, האָט ער דערהערט, ווי דער בעל־שם־טוב רעדט אין דער הויך:

— איך ווייס, אַז אַזוי פיעל בלעטער, ווי אָט דער בוים האָט, אַזוי פיעל תלמידים וועלען אויפשטעהן נאָך מיר, מיט זייערע שיטות... און יעדער וועט וועלען איינשמועסען, אַז נור ער געהט אין מיין ריכטיגע וועג... אָבער דער אמת'ר וועג מיינער איז דער וועג, אין וועלכען דער „ליטוואַק" געהט.

און ער איז נעלם געוואָרען... דער ליאַדיער איז געשטאַנען אַ היבשע ווייַלע פערקלעהרט... די ווערטער, וואָס ער האָט דערהערט, האָבען איהם געפרעהט און אויך פערדראָסען. געפרעהט האָט איהם, וואָס דער בעל שם אַליין האָט אַנערקענט, אַז ער געהט אין זיין דרך, און פערדראָסען האָט איהם, וואָס אַנדערע וועלען דעם אמת'ן וועג פערקעהרען אָן אַ זייט...

ווער ווייס, ווי לאַנג דער צדיק וואָלט אַזוי געשטאַנען פער־טיעפט אין זיינע מחשבות, ווען ניט דער בעל עגלה, וואָס האָט געוואַרט הינטערן בית עולם האָט דערזעהן, אַז עס ווערט שוין שפעט, איז ער געגאַנגען זוכען דעם רבין.

— רבי, האָט ער אויסגעשריען, שוין צייט צו פאָהרען!

דער צדיק האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ שלאָף. טרויעריג האָט ער זיך אָוועקגעזעצט אויפ'ן וואָגען און האָט זיך געלאָזט פאָהרען צום צדיק הרב הקדוש ר' ברוך ממעזבוזש. ווען ער איז אָפּגעפאָהרען העלפט וועג, איז געוואָרען אַ גרויסער שטורם ־ ווינט, ורוח גדולה וחזקה מפרקת הרים... און דערצו האָט גענומען גיסען אַ שלאַקס־רעגען עמערוויז... ווייסט איהר דאָך, פורים־צייט, דער שנעע איז אַקאָרשט צעגאַנגען, דער וועג איז פול מיט בלאָטעס און גריבער, און דאָ ווי אויף צו להכעיס — אַזאַ פאַגאַדע!... איך זאָג אייך, ממש סכנות נפשות!...

דער בעל־עגלה — אַ פשוט'ער איד, דעם רבינ'ס אַ חסיד, מיט גרויס דרך ארץ פאַר'ן צדיק, — נעהמט ער זיך שטאַרק צום האַרצען וואָס דער רבי דאַרף דורכגעווייקט ווערען, און כאָטש דער רבי האָט מיט איהם פאַר דעם אויסגענומען, ער זאָל זיך ניט אומקוקען אַהינטער, ווען

ער פֿאַהרט, סיידען מיט זיין, דעם רבינס הסכמה, האָט ער זיך פֿאַרט ניט געקענט איינהאַלטען און מאַכט:

— רבי, וואָס טהוט זיך דאָ? אזא שלעכטער רעגען און שטורם, איהר וועט דאָך אויסגענעצט ווערען?! — און ער קעהרט זיך אום אַהינטער און גיט אַ קוק אויפֿ'ן רבין. ערשט ער איז נשתומם געוואָרען... דאָרט וואו דער רבי זיצט — איז טרוקען... אַרום און אַרום גיסט אַ מבול, און נעבען רבי'ן איז שעהן מחיה'דיג, ווי עס וואָלט גאָר אַ שעהנער פֿריהלינגסטאָג געוועזען...

— רבי! — מאַכט ער — איהר זייט גאָר טרוקען?...

כאָטש דער רבי האָט קיינמאָהל אין לעבען קיין כעס ניט ארויסגעוויזען, און האָט אימער מוחל געווען אויף זיין כבוד, האָט ער יעצט מיט גרויס פֿערדרוס זיך אָפּגערופֿען:

— ווער האָט דיר ערלויבט צו קוקען, וואו מען דאַרף ניט?!

באותו־רגע איז דעם בעל־עגלה בעפֿאַלען אַ שווערער שלאָף. די לייצעס זיינען ארויסגעפֿאַלען פֿון זיינע הענט, די פֿערד האָבען ווילד פֿונאַנדערגעלאָזען און — אויפֿגעכאַפּט האָט זיך דער בעל־עגלה פֿונ'ם רבי'נס קול:

— שטעה אויף! מיר זיינען אין טאַלטשין.

ניט טויט, ניט לעבעדיג איז ער אויפֿגעשפּרונגען. ער האָט דערזעהן, אַז ער געפֿינט זיך אין אַן אונבעקאַנטען שטעדטעל. דער רעגען האָט אויפֿגעהערט, און די זון האָט געוואָרפֿען איהרע שעהנע שטראַהלען אויף דער ערד...

— קריך אַראָפּ, און קלאַפּ אָן אין אָט די הויז, און זאָג דאָרטען, אַז דער „ליאַדיער" איז דאָ! — האָט דער צדיק בעפֿוילען דעם בעל־עגלה...

יענער איז באַלד אַראָפּגעשפּרונגען פֿון דער קעלניע, האָט אָנגעקלאַפּט אין הויז, און פּינקטליך איבערגעגעבען דעם רבי'נס ווערטער. אין הויז איז געוואָרען אַ רעש. די בני־בית פֿון מעזבוזשער האָבען ניט געוואוסט, וואָס צו טהון. זיי האָבען גוט געוואוסט, אַז דער מעזבוזשער צדיק איז נגד דעם ליאַדיער, טאָ ווי זאָלען זיי איהם הייסען אריינגעהן?.. און דער מעזבוזשער אליין איז גראָדע געזעסען

אין זיין חדר מיוחד אויף התבודדות, וואו קיין בן אדם פלעגט באותה שעה ניט ערלויבט זיין אריינצוגעהן. שטעהען זיי און קלעהרען, וואס צו טהון. ערשט עס עפענט זיך די טהיר פון חדר, און הרב ר׳ ברוך קומט ארויס.

— בעט דיין רבי׳ן און מיין חבר אריינצוקומען ! — בעפעהלט ער דעם בעל־עגלה.

דער ליאדיער, ווייזט אויס, האט דאס דערפיהלט. ער איז גלייך אראפ פון וואגען, און געלאזט זיך געהן אין הויז אריין. דער מעזבוזשער, כידוע, איז געזעסען אין זיין חדר אויף אן עליה. דער ליאדיער האט זיך ניט אפגעשטעלט אונטען אין הויז, נור האט זיך געלאזען גלייך אויף די טרעפ, און געהענדיג האט ער גענומען זאגען דעם פסוק: „מי יעלה בהר ה׳ — ווער קען ארויפקומען אויף גאטעס בארג ?...

די טהיר האט זיך ברייט געעפענט, און דער מעזבוזשער איז ארויסגעקומען.

— נקי כפים ובר לבב — ריינע הענט און א קלאהרעס הארץ, — האט דער מעזבוזשער אויסגערופען...

און די צוויי צדיקים, די אמת׳ע גדולי־הדור, האבען זיך בע־געגענט. א לאנגע צייט האבען זיי ביידע פערבראכט אין חדר. קיין בן־אדם ווייס ניט גענוי, וואס צווישען זיי איז פארגעקומען. דער רבי ז״ל האט נור דערצעהלט נאכהער, ווי ער האט דעם מעזבוזשער אויפ־געווארפען, אז ער איז א „חולק״ אומזיסט.

— ווען מען האט מיך ארעסטירט און פערשיקט אין בית־האסורים דערפאר, וואס איך לערען דעם בעל־שם־טוב׳ס שיטה, האב איך דאך געקענט זאגען, מען זאל שיקען נאך זיין אייניקעל רבי־ברוך, וועלכער לערענט אויך זיין שיטה און איז מעהר בעקאנט מיט זיין זיידענס דרכים; און זאל ער פונאנדערפלאנטערן די שיטה, איך האב אבער דאס ניט געטהאן, ווייל איך האב זיך אליין געקענט מוסר נפש זיין פאר די שיטת בע״שט... און יעצט זאגט איהר, אז איך בין קעגען דעם בעל־שם ז״ל ?...

אבער פארוואס לערענט איהר תורה ברבים ? עס שטעהט דאך אין זוהר: „זכאה חולקהון דצדיקייא דידעין מלה ומכסיין לה״, —

וואויל איז די צדיקים, וואָס ווייסען און פערשטעהען די הייליגע ווערטער און זאָגען ניט אוים אַלעמען! ?

— יאָ! אָבער ווער זאָגט דאָס, אַז מיר זיינען עס צדיקים ?— האָט דער רבי גלאַסען געענטפערט... — און ווער זאָגט עס, אַז מיר ווייסען און פערשטעהען די הייליגע תורה ?... און וואו איז דער מאמר חז"ל „סלקוהו לשומר הפתח, ונתנה רשות לכל התלמידים לכנס" — מען האָט צוגענומען דעם שומר פון טהיר, כדי אַלע תלמידים זאָלען קענען אַריין אין בית המדרש לערנען תורה ?...

וואָס הרב ר' ברוך האָט אויף דעם געענטפערט, און וואָס נאָך זיי האָבען גערעדט איז ניט בעוואוסט. נור ווען דער ליאָדיער איז אַרויס, האָט מען געהערט ווי ער האָט געזאָגט:

— ישפוט ה' ביני ובינו! — גאָט זאָל אורטהיילען, ווער עס איז גערעכט...

און ער איז ניט געווען צו דערקענען... זיין פּנים איז געווען אויסערגעוועהנליך בלאַס, די אויגען האָבען פערלאָרען זייער גלאַנץ, און זיין גאַנצער קערפּער האָט געציטערט...

צו קיין אויסגלייך זיינען זיי ניט געקומען. דער רבי האָט פערלאָרען זיין תקיפות ביי'ם מעזבוזשער, ווייל יענער איז פערבליבען אַ „חולק" אויף שפּעטער...

אָבער גלאַט איז ביידע צדדים די זאַך ניט אַראָפּגעגאַנגען... הרב ר' ברוך איז דאָך געווען איינער פון דעם בעל־שם'ס תלמידים, און ער האָט דאָך געדאַרפט ווייסען, אַז דער ליאָדיער געהט ניט, חלילה, אין פאַלשען דרך, נור איז דער אמת'ער פערשפּרייטער פון בעל־שם'ס שיטה, האָט ער דאָך געדאַרפט דעם „רב" תומך זיין. אָבער ער האָט דאָס ניט געטהאָן. דערפאַר איז בקרוב ביי איהם געשטאָרבען זיין טאָכטער, אַלס עונש... און אין דעמזעלבען טאָג, ווען ביים מעזבו־זשער צדיק האָט געטראָפען דער אומגליק, האָט ביים רבי'ן אין הויז אויסגעבראָכען אַ גרויסע שרפה, און אַ טהייל פון זיינע כתבים זיינען פאַרברענט געוואָרען...

דער רבי איז פון טאַלטשין אָפּגעפאָהרען צו זיך אַהיים, וואו ער האָט אַ וועלכע צוויי יאָהר פאַרטגעזעצט צו זאָגען חסידות פאַר'ן

עולם, ביז די גרויסע מלחמה האָט אויסגעבראָכען, און נאַפּאָלעאָן האָט זיך אריינגעריסען אין רוסלאַנד מיט זיינע חיילות...

פונדעסטוועגען האָט דער עונש, וואָס דער מעזבוזשער צדיק האָט בעקומען פאַר זיינע מחלוקת קעגען רבי'ן געהאַט אַ גרויסע פעולה. מן השמים האָט מען איהם געלאָזט וויסען, בעת ער האָט מרעיש עולם געווען אויף'ן טויט פון זיין טאָכמער, אַז דאָס איז אַן עונש פאַר פירוד הלבבות צווישען איהם און דעם ליאַדיער... פון דאַן אָן האָט ער זעהר שטאַרק מקפיד געווען, מען זאָל דעם ליאַדיער אין זיין אָנוועזענהייט ניט טשעפּען חלילה...

דרך ארץ פאַר תלמידי חכמים

הייסט עס די בײדע גדולים זײנען צו קײן אויסגלײך ניט געקומען, פונדעסטוועגען האָט דער מעזבוזשער ז"ל שטאַרק מקפיד געווען, אַז קײנער זאָל אויף דעם לאַדיער קײן שלעכט ניט רײדן. אײנמאָהל האָט אײנער יאָ פּרובירט רײדען אַ שלעכט וואָרט, האָט דער מעזבוזשער איהם שטאַרק מעניש געווען. ומעשה שהיה כך היה: —

אײנער פון די מעזבוזשער חסידים אַ גרויסער תקיף, אַן עושר און אײנער פון די רואי פּני הצדיק, האָט זיך משמעות געוואָלט אויספּײנען פאַר'ן מעזבוזשער גדול נ"ע, און ווען ער איז געזעסען ביי זײן רבין אין חדר, מיט נאָך עטליכע חסידים, און עס איז אויסגעקומען צו רעדען פון בעל התניא, האָט זיך דער חסיד גאַנץ קאַלטבלוטיג אַ זאָג געטהאָן:

— מאַלע, וואָס שניאור זלמן זאָגט ! . . .

ווי דער מעזבוזשער נ"ע האָט דאָס דערהערט איז ער געוואָרען אַ דערציטערטער, הענט און פיס האָבען איהם אָנגעהויבען טרײסלען, דער גאַנצער קערפּער האָט איהם גענומען וואַרפען, ווי אין קאַנוואול־סיעס חלילה, און ער האָט זײן קאָפּ אַראָפּגעבויגען. די חסידים האָבען זיך דערשראָקען, ממש אימת־מות. אַ היבשע ווײלע האָט געהערשט אין חדר אַ שווערע שטילקײט ענדליך האָט זיך דער מעזבוזשער אַ הויב געטהאָן:

— דו האָסט מבזה געווען אַ תלמיד־חכם ! — האָט ער אויס־געשריען צום חסיד — דײן שטראָף איז זעהר גרויס!

דער חסיד איז געוואָרען אַ טויטער. אויף אַזאַ אונגליק האָט ער זיך ניט גערייכט. ער האָט זיך אומגעוואָרפען צום צדיק'ס פיס און האָט גענומען דרעהען זיך ווי אַ שלאַנג:

— רבי, זײט מיר מוחל, זײט מיר מוחל !

— איך קען דיר ניט העלפען, האָט דער מעזבוזשער געזאָגט, ווײל מיר האָסטו דאָך חלילה ניט פוגע בכבוד געווען. דער אײנציגער וואָס קען דיר העלפען איז דער ליאַדיער אַליין.

דער חסיד איז אויפגעשפרונגען ניט טויט ניט לעבעדיג און איז גלייך אוועקגעפאָהרען צום צדיק. ער האָט געשאָטען מיט געלד, געביטען פערד אויף יעדער סטאַנציע, כדי וואָס גיכער אָנצוקומען קיין ליאָדי.

עס האָט ניט לאַנג געדויערט און דער מעזבוזשער חסיד איז געשטאַנען מיט גרויס הכנעה און הארץ־קלעמעניש פאַר'ן רבין, ר' שניאור זלמן'ען.

—רבי — מאַכט ער — איך בין צו אייך געקומען...

אָבער דער רבי ז"ל האָט איהם ניט געלאָזט ענדיגען.

—איך וויים, איך וויים! — האָט דער רבי אויסגערופען, אָבער ווער האָט דיר געהייסען זיך אויספיינען פאַר דיין רבין אויף מיין חשבון?

— רבי, גיט מיר א תשובה! — שרייט ער. איך וועל זיך אָנטהאָן אַלע ענוים קשים וואָס איהר וועט מיר הייסען!

— הער זיך איין! האָט דער רבי געזאָגט, אויף דיר איז נגזר געוואָרען אַ גרויסע צרה! אָבער די איינציגע זאַך וואָס קען דיין גזר דין צורייסען, איז אַ מעשה טובה.

— פערשטעהסטו, איז דער רבי נ"ע מוסיף, פייניגען זיך און ליידען איז ביי אונז חסידים ניט גאַר מי יודע וואָס! אַ מענש דאַרף זיך קיין ענוים ניט אָנטהאָן און דערפאַר קען איך דיר קיין תשובה ניט געבען, ווי אַזוי דו פערלאַנגסט.

מיט אַ צובראָכען האַרץ, מיט אַ געדריקטען געמיטה איז דער חסיד אוועק פון רבי'ן.

געקומען אהיים — ערשט אַ צרה. זיין איינציגע טאָכטער — אַ מיידעל פון אַ יאָהר זעכצעהן, אַ כלה — איז געפעהרליך קראַנק געוואָרען. מען ברייננגט דאָקטוירים, מען רייסט איין וועלטען, מען לויפט אויפ'ן הייליגען אָרט, מען לאָזט זאָגען תהלים — אָבער עס העלפט ניט. מען זעהט בחוש אז קרב קצה... איז דאָך שלעכט!

דער חסיד לויפט צום מעזבוזשער, אָבער יענער וויל איהם ניט אויפנעהמען.

דער חסיד איז באַלד פון זינען אַראָפּ. אַ קלייניגקייט! עס איז דאָך זיין שולד. פוקד עון אבות על בנים... אַ בפירושער

פסוק... ער געהט צוריק פון רבין און ווייס ניט וואָס צו טהאָן, און אין הויז ביי איהם איז חשך. דאָס ווייב זיינע שלאָגט זיך קאָפּ אָן דער וואנט, שרייט אויף קולי קולות, אז עס איז א רחמנות א קוק צו טהאָן. איין איינציגע טאָכטער, א כלה!...

געהט זיך דער חסיד אהיים און אינוועניג האקט דאָס הארץ ווי א גזלן.

— רבונו־של־עולם — קלעהרט ער — איך האָב געזינדיגט, בעשטראָף מיך, אָבער וואָס איז מיין איינציגע טאָכטער שולדיג? בעסער נעהם מיך צו פון דער וועלט און לאָז מיין קינד לעבען!

אזוי ווי ער געהט, דערהערט ער ווי פון א קליין איינגעפאלענע הייזקע וויינט א קינד, ממש, עס ווערט צופלאצט שרייענדיג, און שווערע טיפע קרעכצען פון א פרוי בעגלייטען די קולות. קלעהרט ער ניט לאנג און לאָזט זיך אין הייזקע אריין. אריינגעקומען דער־זעהט ער, ווי א קינד פון צוויי יאָהר ליגט אין א בעטעל אויף א קופקע שטרוי, איינגעדעקט אין שמאטעס און שרייט מיט גאָר די כחות, און א פרוי, נאָך גאָר א יונגע, ליעגט אין בעט און קרעכצט שווער. ער איז צו נעהנטער, ערשט די פרוי געהט צו קינד.

דער חסיד האָט פארגעסען אָן אלע זיינע צרות אָן זיין קראנקע טאָכטער, און די סכנה אין וועלכע זי געפינט זיך, און ער נעהמט זיך צו דער פרוי מיט דעם קינד.

— מיין מאן איז נישטאָ — האָט די פרוי קוים אויסגערעדט — ער איז אוועק אויפ'ן דאָרף, און איך געה דאָ צו קינד אליין, עלענד, דאָס קינד וויינט, ווייל עס וויל עסען...

דער חסיד האָט קיין מינוט פערזאמט, האָט געכאפּט דאָס קינד און איז אריינגעלאָפען צו א דערבייאיגע שכנה:

— נאָט אייך דאָס קינד! — האָט ער אויסגעשריען. גיט איהם עסען און טרינקען, איך וועל פאר אלעם בעצאָהלען! און אליין לאָזט ער זיך לויפען ווי א משוגענער אויפזוכען א „באָבען" פאר דער יולדות...

אז ער איז געקומען צוריק מיט דער באָבען, האָט ער שוין געפונען איי‌ניגע שכנות, וועלכע האָבען זיך שוין דערוואוסט די מעשה און זיינען געקומען העלפען. אָבער ער קוקט זיך ניט אום

און לויפט אריינברענגען האַלץ, ווייל די „באַבע" האָט געזאָגט, אַז זי מוז האָבען הייסע וואַסער.

עס האָט לאַנג ניט גענומען און דער חסיד האָט געבראַכט האָלץ, האָט איינגעהייצט דעם אויוועַן און צוגעשטעלט כלים מיט וואַסער.

די „באַבע" מיט דער הילף פון די שכנות, האָבען זיך גענומען צו דער יולדות, און ער, דער חסיד, שטעהט אין צווייטען חדר אַ דער־צאַרענטער און טהוט תפלה פאַר דער יולדות...

אַזוי איז אַוועק איניגע שטונדען ביז די באַבע האָט הויך אויסגערופען:

— מזל טוב! אַ בן זכר איז געקומען אויף דער וועלט!

ערשט יעצט האָט זיך דער חסיד אויפגעכאַפּט ווי פון אַ שווערען שלאָף. ער האָט זיך דערמאָהנט אָן זיינע צרות, אָן זיין איינ־ציגע טאָכטער, און איבערלאָזענדיג אין דאָס אָרעמע הייזקע אַ שעהנע נדבה, האָט ער זיך געלאָזט לויפען צו זיך אהיים.

דער וועג האָט זיך איהם אויסגעדוכט ווי אַן אייביגקייט. אָבער, אַז ער איז געקומען אהיים, האָט ער פון שמחה גענומען טאַנצען... זיין טאָכטער איז געזעסען אויפ'ן בעט, און דערצעהלט דער מוטער און די איבעריגע אין הויז, אַז דאָ ניט לאַנג, מיט אַ וואָסער שטונדע צוריק, ווען זי האָט געפיהלט אַזוי שלעכט, איז אריינגעקומען אַ שעהנער איד, מיט אַ גרויסער לאַנגער באָרד, מיט זעלטען שעהנע אויגען, און האָט איהר דערלאַנגט אביסעל רויטע פליסיגקייט אין אַ גלאָז, און ווי זי האָט עס אויסגעטרונקען, האָט זי געפיהלט, דאָס אַלע וועהטאָגען האָבען איהר נאָכגעלאָזען.

אַז דער חסיד האָט דערהערט ווי זיין טאָכטער, מאָהלט אויס דעם אידען, וואָס האָט איהר געבראַכט די רפואה, האָט ער זיך ניט געקענט איינהאַלטען און האָט אויסגעשריען:

— דאָס איז דאָך דער ליאדיער צדיק!...

אָט אַזוי, האָט דער חסיד מציל געווען מיט אַ מעשה טובה זיין טאָכטער פון טויט... פון דאַן אָן האָט דער חסיד ניט אויפגעהערט צו שרייען „דרך־ארץ פאַר תלמידי חכמים".

אָבער ניט אַלע, מיינע טייערע, האָבען געהאַט אַזאַ מזל, דאָס

זייערע זינד זאָלען מוחל ווערען. דער פינסקער רב אביגדור, וואָס האָט פער׳מסור׳ט דעם רבין, איז שטארק בעשטראָפט געוואָרען.

ווען דער רבי, זצ״ל, איז בעפרייט געוואָרען צום צווייטען מאָל און האָט זיך גענומען מפיץ זיין תורה ברבים און האָט נאָך מיט זיין תקיפות בתורה געוואונען אויף זיין זייט פיעלע פון די געוועזענע מתנגדים־רודפים, האָט אָבער דער „מסור״ ר׳ אביגדור, דער געוועזענער רב פון פינסק, נאָך אַלץ ניט געוואָלט צורוה לאָזען דעם ליאדיער, נ״ע, און האָט זיך ווידער געווענדעט קיין פעטערבורג צום קיסר אַלכסנדר הראשון מיט א מסירה, אז דער רבי, נ״ע, איז א מורד במלכות. אָבער דער קיסר, וואָס האָט אליין מיט זיינע אויגען געזעהן די קדושה פון צדיק, נ״ע, און האָט נאָך גוט געדענקט זיין הבטחה, וואָס ער האָט געגעבען דעם רבין אין תפיסה, ווען ער האָט דעם צדיק בעזוכט, האָט זיך אפילו צוהערען צום מסור ניט געוואָלט. אדרבא, ער האָט פער־אָרדערט, אז מען זאָל אביגדור׳ן ארויסטרייבען פון פעטערבורג כאחד מן הפחותים...

פערשטעהט זיך, אז זיין בעפעהל איז גלייך דורכגעפיהרט געוואָרען, און אביגדור האָט געמוזט מיט גרויס בזיונות פערלאָזען די עיר המלוכה. ער האָט זיך אומגעקעהרט צוריק אין זיין שטעדטעל פינסק, אָבער דאָרטען האָט מען שוין געוואוסט פון דעם טייערען חפץ׳ס מעשים, און גלייך ווי ער איז געקומען, האָט מען איהם געגעבען צו פערשטעהן אז מיט א מסור — מעג ער אפילו זיין א געוועזענער רב — האָבען אידען ניט וואָס צו טהאָן. אלע האָבען זיך פון איהם אוועקגעקעהרט, קיינער האָט אין זיינע ד׳ אמות ניט געוואָלט שטעהן.

עלענד און פערלאָזען פון אַלעמען, האָט ער זיך געווענדעט צו זיינע קינדער זיי זאָלען איהם העלפען, אָבער אויך זיי האָבען ניט געוואָלט האָבען וואָס צו טהאָן מיט איהם, ווייל אויף א מסור זאָגט די גמרא בפירוש — מורידין ולא מעלין — דאָס הייסט, מען מעג זיך מיט איהם זעהר שטארק אָפּרעכענען.

וואָס ווייטער און ווייטער איז די לאַגע פון דעם געוועזענעם רב געוואָרען ערגער און ערגער, ביז ער איז אראָפּ אויף דער נידעריגסטער מדרגה, און האָט זיך אוועקגעלאָזט איבער דער וועלט קלייבען נדבות, ממש א חוזר על הפתחים. אָבער אין וועלכער הויז ער פלעגט אריינ־

קומען פלעגען די בני בית זיך דערשרעקען פאר איהם, אזוי שרעקליך האט ער אויסגעזעהן. און ניט קיין וואונדער — סר צלו מעליו — דעם צלם אלהים איז פון זיין פנים פערשוואונדען. ער אליין האט נאך פון דעם ניט געוואוסט; ער האט געדענקט, אז ער קריגט אן עונש פאר זיינע זינד, פאר זיין מסירה, אבער אז גאט האט זיך פון איהם אפגעטאן — דאס האט ער זיך ניט געקענט פארשטעלען.

איין מאל, ווען ער איז געגאנגען, ווי זיין עובדא איז געווארען, איבער די הייזער, איז ער אריינגעקומען אין א הויז און האט קיינעם ניט געטראפען, נאר א קליין אינגעלע פון א יאהר זעקס, וועלכער האט זיך משמעות, אומגעקערט פון חדר, און געווארט אויף דער מאמען זי זאל איהם מיטאג געבען.

אז דאס אינגעל האט איהם דערזעהן, האט ער אנגעפאנגען צו שרייען מיט גאר זיינע כחות: „מאמע! א וואלף! מאמע, ראטעווע, א וואלף!" אביגדור אליין האט זיך פון די קולות דערשראקען, און איז געבליבען שטעהן א צוטומעלטער. אויף די געשרייען זיינען זיך צונויפגעלאפען שכנים, און האבען קוים, קוים דאס אינגעלע איינגע־שטילט און דעם מסור האבען זיי ארויסגעטריבען מיט גרויס חרפה.

אביגדור האט פערשטאנען, אז יש דברים בגוי, אז ניט אומ־זיסט, האט דאס אינגעלע אזוי פירכטערליך אנגעפאנגען צו שרײען, ווען ער האט איהם דערזעהן, און ער האט בעשלאסען זיך צו ווענדען צום „ליאדיער" נאך א סליחה ומחילה.

געוועזען איז דאס אין א זומער־טאג. דער רבי, נ"ע, איז געזעסען ביי זיך אין חדר און האט געזאגט תורה פאר אנשי שלומנו. פלוצלונג האט ער זיך שטארק, שטארק פערטראכט. די חסידים זיינען געווארען שטיל, און האבען מיט גרויס יראת הכבוד געווארט וואס דא וועט זיין, זיי האבען געוואוסט, אז ווען דער צדיק איז שקוע במחשבותיו, מסתמא, איז עפעס געשעהן אויסערגעוועהנליכעס...

א לענגערע ווײלע איז דער רבי געזעסען פערטיפט אין זיינע מחשבות און מיט אמאל האט ער ווי צו זיך אליין ארויסגערעדט: „מבני המן יוצאי תורה... פון המן'ס קינדער זיינען אויסגעוואקסען גרויסע לומדים, און ווער איז נאך געווען א גרעסערער מסור ווי המן ימח שמו?!"...

קיינער פון אנשי שלומנו האָבען די מאָדנע דבורים ניט פערשטאַנען, ווייל עס האָט זיך לחלוטין ניט געפּאַסט צום ענין. וואָס דער רבי, נ"ע האָט מיט א ווילע פריהער גערעדט. ווי פערוואונדערט זיינען אַלע געוואָרען ווען אין פאָדער־צימער האָט זיך דערהערט א געשריי פּונקט ווי מען וואָלט זיך געראַנגעלט, און איינער פון דעם רבינ'ס מקורבים איז אריינגעלאָפען מיט א געוואַלט:

— דער מסור אביגדור איז דאָ, און וויל ניט אנדערש נור אריין אין הויז. מיר רייסען זיך מיט איהם, אָבער ער פאַלט אָן שלאָגען, און שרייט, אז ער וויל דעם רבי'ן זעהן.

דער צדיק האָט א מאַך געטהאָן מיט דער האַנד:

— ניין, אָנקוקען וויל איך איהם ניט! ער האָט עס ניט פערדיענט! נאַ, גיב איהם א נדבה און זאָג איהם, אז ער וועט זיין מענשליכע געשטאַלט צוריקקריגען...

פון דאַן אָן האָט דער מסור שוין ניט אזוי שרעקליך אויסגעזעהן. אז ער פלעגט קומען אין א הויז נאָך א נדבה, פלעגט מען איהם שוין געבען... אָבער ביסלאַכווייז האָט ער זיך אוועקגעלאָזען אין שכרות, און ער איז ערגעץ וואו אין א קליין שטעדטעל געשטאָרבען עלענד און פערשטויסען פון כלל ישראל.

אָבער דער רבי איז גערעכט געווען. אי, זיינען דאָס זיינע קינדער געוועזן חסידים! איך זאָג אייך אמת'ע חסידים, מיט'ן גאַנצען הארצען, מיט התלהבות, מיט דבקות, מיט בטחון, ווי פאַר אנשי שלומנו פּאַסט...

וואָס דאַרפט איהר מעהר? איינער פון אָט דעם מסור'ס אייניקלאָך האָט זיך דערהויבען צו גאָר א הויכע מדרגה אין חסידות. אַלע ווייסען עס דאָך! ער, דער אייניקעל, איז געווען דער גרעסטער און שטאַרקסטער אָנהענגער פון דעם צמח צדק, ז"ל.

אָט אזוי, האָט דער מסור זיין חלק בעקומען. קיינער האָט שוין מעהר ניט געוואַגט ארויסטרעטען געגען דעם ליאַדיער צדיק און איהם שטערען פאַרשפּרייטען דעם בעל שם טוב'ס, ז"י, שיטה צווישען די אידען.

2-טע טהייל

אין קאַמפף מיט נאַפּאָלעאָנען

לעגענדעס וועגען דעם „בעל־התניא׳ס“ אַנטלויפען פון נאַפּאָלעאָנ׳ס אַרמיי, ווען דער פראַנצויזישער אימפּעראַטאָר האָט מאַרשירט אויף רוסלאַנד

די מעהרסטע מעשה׳לאַך דערצעהלט פון אַן אַלטען ליבאוויטשער חסיד אין דווינסק, וויטעבסקער גובערניע.
די איבעריגע געזאַמעלט צווישען אַלטע חסידי חב״ד אין ליטווישע קליינשטעדטלאַך

דער רבי אַנטלויפט פון נאפּאָלעאָנען

...און אז איך הער זיך אָפּט צו ווי איהר, יוננע לייטלאַך, „טאָלקויעט" וועגען פּאָליטיקע, פּיהל איך ממש, ווי צו לאַכען. איהר, כדומה למשל, ווילט איינשמועסען די וועלט, אז ווען עס ברעכט, חלילה, אוים א מלחמה, איז עס די שולד פון דעם אָדער יענעם שר, דעם אָדער יענעם מלך, און איהר חקרנ'ט זיך: „ווער איז דער שולדי־גער?" אָבער איך — דער אַלטער חסיד, דער אמת'ר „ליובאוויטשער" — איך ווייס, אז איהר רעדט, במחילה, גרויסע נארישקייטען. ווארום וויסען דארפט איהר, אז קיין זאך געשעהט ניט אויף דער וועלט אזוי פּשוט, ווי מען שטעלט זיך פאָר, בפרט א מלחמה..

אָט נעהמט, למשל, די מלחמה פון נאפּאָלעאָנען מיט רוסלאַנד. וואָס, מיינט איהר, איז עס געווען? הא? איהר וועט דאָך געוויס וועלען ערקלעהרען, די גאַנצע מעשה מיט אייער שכל, זאָג איך אייך, אז איהר הויבט ניט אָן צו פערשטעהן מאי דקאמרי רביצין. און פון וואַנען זאָלט איהר עס טאַקע וויסען? פון וואַנען? פרעג איך אייך. פון אייערע ביכלעך, וואָס פּשוט'ע בשר־ודם'ס האָבען דאָרטען אָנגע־פּאַטשקעט? דער אמת איז אָבער, אז די מלחמה פון די פראנצויזען מיט רוסלאנד איז געווען א המשך, להבדיל, פון דער מחלוקה געגען דעם בעל־שם־טוב'ס שיטה... פערשטעהט איהר, עד היכן הדברים מגיעים?

עס איז שוין באוואוסט, ווי סמאל און זיין חברה, ימח שמם, האָבען בעשלאָסען מיט כל הכחות שטערען דעם אַלטען רבין אדמו"ר הקדוש ר' שניאור זלמן מליאדי צו פערשפּרייטען די שיטה פון ר' ישראל בעל־שם־טוב, ז"י, וועלכע וואָלט געבראַכט די אמת'ע גאולה פאַר די אידען. פאַרדעם האָבען יענע חברה אָנגעמאַכט מחלוקות צווישען דעם כלל אידען, און האָבען צוטהיילט זיי אויף צוויי מחנות — חסידים און מתנגדים; נאָכהער, אז זיי איז עס ניט געראָטען, האָבען זיי געזוכט צו מאַכען קריעג אין דעם „אייגענעם לאַגער", אָבער אויך דאָס איז זיי ניט געראָטען.

און אז סמאל מיט זיין „חברה" האבען דערזעהן, אז מיט אידען וועלען זיי זייער ציעל ניט דערגרייכען, האבען זיי אפגעהאלטען צווישען זיך אן אסיפה, און האבען גענומען זוכען פלענער, ווי אזוי ווייטער אנצופיהרען די מלחמה געגען דעם ליאדיער צדיק, נ"ע, און נאך א לאנגען שקלא־וטריא האבען זיי אפגעמאכט ביי זיך, אנצו־הויבען א מלחמה אויף גאר אן אנדער אופן. היינו, כפי די אידען אין רוסלאנד און דער גאנצער וועלט זיינען אין א זעהר טרויעריגען מצב בנוגע זייער לעבען צווישען די אומות העולם, וועלען זיי אפזוכען א פעהיגען חברה־מאן, איהם העלפען עולה לגדולה זיין, און דער פארשויין זאל זיין אזוינער, וואס וועט נאכהער ארויסגעהן מלחמה האלטען מיט די רוסען, און וועט דערוויל, פון איין זייט שטערען דעם ליאדיער, נ"ע, צו פערשפרייטען זיין תורה און פון דער אנדער זייט וועט ער צוזאגען די אידען הרים וגבעות, און וועט זיי איבערנעהמען אויף זיין צד, כדי דערמיט זיי אוועקצורייסען פון דעם בעל־שם־טוב'ס שיטה.

און כך הוה! זייער אויסוויזהל איז געפאלען אויף א פראסטען אפיציער מיט'ן נאמען „נאפאלעאן". דאכט זיך, קיינער האט פון איהם ניט געהערט, קיינער האט פון איהם ניט געוואוסט, פון קיין הויבע שרים האט ער ניט געשטאמט, אבער מיט דער הילף פון יענער חברה, איז ער אין א קורצע צייט עולה לגדולה געווען, ביז ער איז געווארען דער ראש וראשון פון די פראנצוויזען — אן אומה וואס האט זיך געוואלט אויסטהאן פון גלויבען, — און ער האט דאס ערקלעהרט א מלחמה געגען רוסלאנד. אמת, פארדעם האט ער די מלחמה אנגעפיהרט געגען אנדערע אומות, אבער דער גאנצער תכלית איז געווען, כדי צו פערכאפען רוסלאנד און דערוויל פערטרייבען דעם רבין פון כלל ישראל.

און עס האט זיך נעדאכט, אז זיין מלחמה, אונטערגעהאלפען פון די סטרא אחרא, וועט עולה יפה זיין, ווארום, ערשטענס, האט ער אנגעהויבען צונעהמען א שטאדט נאך א שטאדט פון רוסלאנד, און צווייטענס, האט ער מיט זיינע הבטחות גוטעס צו טהאן די אידען, מושך געווען א סך אידען אויף זיין צד... וואס דארפט איהר מעהר, אפילו אזעלכע גדולים ווי דער לובלינער צדיק, הרב ר' אלימלך מליזאנסק, הרב ר' מנחם מנדל ראמאנאווער, הרב ר' נפתלי ראפ־

שיצער און דער קאזניצער מגיד — אַלע תּלמידים פון דעם בעל־שם־טוב׳ס שיטה — האָבען זיך אויך טועה געווען אין זיינע הבטחות, און האָבען געמיינט, אַז זיין נצחון וועט ברייננען ישועות טובות פאַר די אידען.

נור דער איינציגער, וואָס האָט באַלד פאַרשטאַנען, וואָס די מלחמה מיינט, איז טאַקע געווען דער אַלטער רב, ז״ל. ער מיט זיין ליכטיגע ראיה, נ״ע, האָט באַלד פערשטאַנען, אַז אין דער גאַנצער מלחמה ליגט אַ הינטער־שפּיצעל, און אַז אויב נאַפּאָלעאָן וועט מנצח זיין, וועלען די אידען פאַר אַביסעלע פרייהייט דאַרפען בעצאָהלען מיט זייער אמונה, חלילה, און נאָך מעהר — מיט זייער נשמה טאַקע, און דער צדיק האָט גענומען זוכען תּחבולות, ווי אַזוי די אַנקומענדע צרה צו פערמיידען...

די ערשטע זאַך, וואָס דער רבי האָט געוואָלט פּועל׳ן איז געווען, אַז אַלע צדיקים זאָלען זיך שטעלען כּאיש אחד געגען נאַפּאָלעאָנען. ער האָט תּיכף ומיד פונאַנדערגעשיקט מכתבים צו די גדולי־הדור פון דעם בעל־שם־טוב׳ס שיטה, אָנווייזענדיג, אַז אויב נאַפּאָלעאָן וועט מנצח זיין, וועט עס זיין דער גרעסטער אומגליק פאַר׳ן כּלל ישראל. ובכן האָט ער געוואָלט, אַז זיי, די צדיקים זאָלען זיך צוזאַמענקומען אין אַ מקום מיוחד, און זאָלען בעשליסען מה לעשות...

אָבער ווי איך האָב אייך שוין פאַרדעם געזאָגט, האָבען זיך די חסידישע גדולים דווקא טועה געווען און האָבען זיך געשטעלט אויף׳ן צד פון נאַפּאָלעאָנען. אַז דער רבי איז דערפון געוואָהר געוואָרען, איז ער געוואָרען זעהר טרויעריג. איהר ווייסט דאָך, ערשטענס, איז ער שוין געווען צו שוואַך איינער אַליין אַזאַ מלחמה בייצושטעהן, צווייטענס, האָט ער נאָך אַ חוץ נאַפּאָלעאָנען געדאַרפט גובר זיין דעם אייגענעם צד שכנגד, דאָס הייסט: די גדולי הדור...

און אַז די ערשטע בשורה פון נאַפּאָלעאָנס נצחונות איז אָנגעקומען קיין ליאַדי, האָט דער רבי געדאַרפט זיך שטעלען דאַווענען מעריב. ער איז גלייך אריין צו זיך אין זיין חדר, און האָט זיך גענומען צו דער עבודה... ווי חסידים ווייסען עס שוין, איז דעם רבינס עבודה געווען תּמיד חוץ מדרך הטבע. זיינע קולות, זיינע דבקות, זיין התלהבות ביים דאַווענען, פלעגען ממש ארויפוואַרפען אַן אימה

אויף זיינע צוהערער. ער פלעגט דאך אזוי לאנג קלאפען מיט די הענט, ביז ממש בלוט פלעגט שפריצען. אזוי איז אויך געווען דאס מאל, ווען ער האט זיך געשטעלט דאווענען מעריב. ער האט אזוי לאנג זיך עוסק געווען אין זיין תפלה, און האט זיך אזוי פיעל פערטיעפט אין דעם ענין, ביז ער האט בעקומען עלית נשמה... ער האט געוואלט וויסען, וואס זיין רבי, דער מגיד ממעזריטש, נ"ע, און טאקע דער בעל־שם־טוב אליין, ז"י, האבען צו זאגען אין דעם דאזיגען ענין.

און כפי, ער האט נאכדעם דערצעהלט צו זיינע יחידי סגולה, האט זיך דארטען געטהאן מעשים... דער בעל־שם־טוב אליין האט ניט געקענט גומר על דעתו זיין, מיט וועמען ער זאל שטעהן, צי מיט דעם ליאדיער צדיק, וואס איז געווען א יחיד, צי מיט די איבעריגע תלמידים, וואס זיינען א רבים. דאסזעלבע איז אויך געווען מיט דעם מעזריטשער, זצ"ל, וועלכער האט אויך נאך ניט אפגעמאכט ביי זיך, מיט וועמען ער זאל האלטען...

דער ליאדיער, נ"ע, האט זיך אפילו געשטעלט אוים־טענה'ן מיט זיין רבי'ן, אבער יענער האט איהם מדחה געווען פון א תשובה.

— מיר'ן זעהן שפעטער! — האט ער איהם געענטפערט עס מוז זיין אן „אתערותא דלתתא" — איהר, חסידים, מוזט צווישען זיך אויף דעם עולם השפל דורכקומען...

און אז דער צדיק האט זיין תפילה געענדיגט, האט ער אריינגערופען צו זיך זיינע מקורבים, האט זיי געהייסען זיך אויסזעצען, און האט זיי געזאגט כהאי לשנא:

— וואס עס וועט פון דער מלחמה ארויסקומען, קענען מיר נאך דערווייל ניט וויסען. דער ענין איז זעהר א שווערער. מן השמים האלט מען ביי מסבים זיין אויף נאפאלעאנס נצחונות... ווי עס זאל ניט זיין, וועט עס נאך נעהמען צייט און דערוויל וועט נאפאלעאן האלטען אין פערנעהמען א שטאדט נאך א שטאדט. על כן מוזען מיר זיך מכין זיין צו פערלאזען אונזער מקום מושבתנו... עס וועט לאנג ניט נעהמען און דער שונא וועט דא זיין... האלט אלעס פערפאקט, און אז איך וועל אייך הייסען, — זאלט איהר זיין גרייט צו פאהרען...

און אז דעם רבי'ן, נ"ע, האט דערגרייכט די ידיעה, אז דער נצחן האט שוין פערנומען באריסאוו, האט ער תיכף ומיד בעפוילען אנצוגרייטען עגלות און פאהרען. בני־ביתו זיינען געלאפען אויספיהרען זיין בעפעהל, אבער ווי אויף צו להכעיס איז קיין בעל־עגלה ניט געווען צו קריגען. אלע פערד זיינען פערנומען געווארען פון דער מלוכה און די, וועלכע זיינען צופעליג ניט פערנומען געווארען, זיינען די פויערים שוין לאנג מיט זיי אוועק פון שטאדט.

מיט ארעפגעלאזטע קעפ האבען זיך בני־ביתו אומגעקעהרט, און האבען מיטגעטיילט די טרויעריגע בשורה איהם אליין. דער רבי, נ"ע, האט אבער גאנץ קאלטבלוטיג אויפגענומען די ידיעה.

— איהר זייט זיך מכין צו פאהרען—מאכט ער—און איך וועל אייך באלד זאגען וואס צו טהאן — און ער איז אריין אין זיין חדר מיוחד.

עס איז קוים א האלבע שעה אוועק, ווי דער רבי, נ"ע, האט זיך אומגעקעהרט פון זיין חדר, און האט בעפוילען, מען זאל געהן אין יענע און יענע שטוב, וואס שטעהט ביים עק שטעדטעל, און דארטען וועט מען געפינען צוויי געשפאנטע פוהרען.

— רעדט ניט צו קיינעם און פרעגט ניט קיינעם — האט ער מוסיף געווען — נור נעהמט די עגלות און קומט גלייך אהער.

— סטייטש ? — האט זיך דעם רבינ'ס שוואגער הרב ר' ישראל קאזיק, אפגערופען — איך בין אין יענעם הויז געווען. קיינער איז דארטען ניטא. דאס הויז איז שוין פון נעכטען אפגעליידיגט געווא־רען פון איהרע איינוואהנער. זיי זיינען אנטלאפען פון דארטען אוים מורא פאר נאפאלעאנ'ען מיט זיין חיל.

דער רבי האט פערקנייטש דעם שטערען, האט איבערגעפיהרט מיט דער האנד איבער די אויגען, און האט מיט גרוים תרעומות זיך געווענדעט צו די איבעריגע:

— געהט טהוט וואס איך זאג אייך! און ברענגט די עגלות גלייך אהער! . .

נו, אז ער אליין הייסט, רעדט מען דאך ניט קיין סך, און מען געהט נאך די עגלות. און וואס מיינט איהר? גארנישט! די עגלות מיט

געשפּאַנטע פּערד זײנען טאַקע דאָרטען געשטאַנען, כּפי דער ליאַדיער האָט געזאָגט.

גאַנצע אַכט און צוואַנציג נפשות האָבען זיך אַרױפגעזעצט אויף די עגלות, און דער רבי האָט זיך געלאָזען אין גלות אַריין... צוויי גרויסע טרעהרען זײנען געשטאַנען אויף זײנע ליכטיגע אויגען, ווען ער האָט זיך געזעצט אויפ׳ן וואָגען. איהם איז ניט געווען אַזוי גרויס דער וועהטאָג, וואָס ער דאַרף עוקר זיין אויף דער עלטער פון זיין מקום מושבתו, ווייל צו דעם איז ער שוין געוואָהנט געוועזען. וואָס איהם האָט פערדראָסען איז דאָס וואָס ער איז געווען עלענד... אַלע זײנע חברים — תלמידים און נאָכפאָלגער פון דעם בעל־שם־טוב — האָבען זיך געשטעלט נעגען איהם מיט זייער צושטעהן אויף נאַפּאָלעאָנ׳ס צד...

און געוועזען איז דאָס ענדע אב תקע״ב. די זון האָט געשיינט און געוואַרימט, אַלעס אַרום האָט געלעבט און געאָטהעמט, אַ קלײנער שטילער ווינטעלע האָט אַזוי מחיה׳דיג געבלאָזען אין פּנים אַריין, די בוימער האָבען זיך לאַנגזאַם געהוידעט, די פויגעלעך האָבען געזונגען זמירות, ממש די גאַנצע נאַטור האָט אָפּגעגעבען אַ שבח צום רבונו־של־עולם. — ס׳איז דאָך געווען ווי אין מיטען זומער — נור די קלײנע הײליגע משפּחה האָט קיין הנאה אין דער שעהנקייט פון דער נאַטור ניט געפונען... אבל וחפוי ראש זײנען זיי שטיל געפאָהרען אויפ׳ן וועג פון ליאַדי...

פּלוצלונג האָט אַ ווילדער האַרצרײסענדער געשריי פערהילכט די לופט. דאָס האָט דעם רבינ׳ס אייניקעל חיה־מיכליע, די פרוי פון ר׳ מנחם מענדל — שפּעטער בעוואוסט אַלס דער „צמח־צדק״, נ״ע, — געשריען מיט גאָר איהרע כחות. עס איז געוואָרען אַ מהומה. מען האָט אָנגעפאַנגען זיך נאָכפרעגען, וואָס איז געשעהן מיט איהר, וואָס אַזוינס האָט פּאַסירט, אָבער זי רעדט קיין וואָרט נישט, נור האַלט אין איין ליאַרימען און שרייען... מיט גרויס מיהע און מאַטערניש איז קוים געלונגען פון איהר אַרויסצוקריגען איין וואָרט: „לייבעלע״!

נעהמט מען זיך, מסתמא, אַרומקוקען, ערשט מען כאַפּט זיך, אַז איהר צוויי־יאָהריגער זוהן לייבעלע איז נישטאָ.

אלע זיינען געווען זיכער, אז ווען מען האט פערלאזען ליאדי איז דאס קינד געוועזען אין דער עגלה, און מן הסתם איז ער ארויס־געפאלען פון וואגען, און קיינער האט עס ניט בעמערקט...

איז געווארען א שאלה, וואס טהוט מען? קיינער וועט דאך אבער ניט רעדען אין דער אנוועזענהייט פון צדיק, ווארט מען, וואס דער רבי וועט זאגען. א היבשע ווײלע האט געהערשט א שטילע שווייגעניש, נור דעם רבינס טאכטער האט נאך געהאלטען אין שרייען.

—לאמיר פאהרען צוריק! — האט דער רבי נ"ע ארויסגע־רעדט — מיר מוזען איהם אפזוכען. איך בין בטוח אז קיין שלעכטס האט מיט איהם ניט פאסירט...

און אז דער רבי איז מבטיח, זיינען אלע געווארען פרעהליכער און מען לאזט זיך צוריק.

—א שווערע מלחמה שטעהט מיר איצט פאר,—האט דער רבי נ"ע שטיל בעמערקט — דער שטן איז שטארק, זעהר שטארק... דער־ווייל געהט איהם ווי געוואונשען. אבער מיר וועלען נאך זעהן! השם־יתברך וועט אונז געווים ניט פערלאזען... מען דארף האבען בטחון!.. אמת, איך בין שוין אויף דער עלטער, אבער עס האנדעלט זיך דאך וועגען אידען און אידישקייט... ניין! ניט אזוי גיך וועל איך זיך אונטערגעבען!..

אלע האבען געשוויגען. וואס האט מען געקענט זאגען? הא? מען האט דאך געזעהן בחוש, אז נאפאלעאן איז מצליח...

—אז מיר וועלען אם ירצה השם אפזוכען לייבעלען—האט דער רבי נ"ע ווידער געזאגט — וועלען מיר מוזען זיך אונטעראיילען, ווארום דער שונא דערנעהנטערט זיך שנעל, ממש מהרה קל יבוא. אבער דערווייל האלט אייערע אויגען אפען און קוקט נאך, אפשר וועט איהר דערזעהן „לייבעלען".

א גאנצע שעה איז מען צוריקגעפאהרען, ביז מען האט דער־גרייכט לעבען א גארטען קרויט... פשוט א פעלד אויף וועלכען עס איז געוואקסען „קאפוסטא".

— שטעהט! — האט דער רבי פלוצלונג זיך אפגערופען — אט דארטען צווישען די קרויט שפאצירט ער ארום.

מען איז אראפגעשפרונגען און געלאזט זיך לויפען אין גארטען. ערשט מען זעהט ווי דער קליינינטשקער, לויפט ארום גאר בהרחבה'דיג.

פערשטעהט זיך דאך, אז מען האט איהם אויפגעכאפט מיט א גדולה, און צוריק אריינגעזעצט אין דער עגלה. די שמחה פון אלעמען איז געווען גוואלדיג גרויס... דער איינציגער, וואס האט נור א שמייכעל געטהאן איז געווען דער רבי.

— וואס פערשטעהט איהר ניט? — האט דער ליאדיער בקול רם אויסגערופען — א „קאפוסטער" ציהט צו „קאפוסטע"...

דאמאלסט האבען בני ביתו זיין וויטץ ניט פערשטאנען, אבער אז אט דער לייבעלע איז אויסגעוואקסען, און איז געווארען דער גרויסער צדיק, בעוואוסט אלס אדמו"ר ר' ליב דער „קאפוסטער" רבי נ"ע, דאן האט מען ערשט פערשטאנען וואס דער רבי האט מיט זיין וויטץ געמיינט.

דער וועג קיין קראַסנע

הייסט עס, דער ליאדיער נ"ע, איז געווען גענויט צו פערלאָזען זיין מקום מושבתו ליאדי און לאָזען זיך, וואו די אויגען טראָגען, — טיעף אין ראַסיי, צוליעב דעם שטן'ס שפּיצעל מיט נאפּאָלעאָנען. שטיל און טרויעריג האָט זיך די חבורה געלאָזט פאָהרען אויפ'ן וועג קיין קראַסנע, די ערשטע שטאָדט, וואו דער רבי נ"ע האָט געדענקט זיך אָפּצושטעלען. דער רבי איז געזעסען שקוע במחשבותיו, אזוי ווי ער וואָלט גאָרניט געזעהן און געהערט, וואָס ארום איהם קומט פאָר...

אז מען איז אזוי אָפּגעפאָהרען א היבשע צייט, האָט דער רבי זיך פּלוצלונג ווי פון שלאָף אויפגעכאַפּט, האָט אריבער געפיהרט מיט דער האנד איבער די אויגען, ווי ער וואָלט געוואָלט א שרעקליכעס בילד פון זיך פערטרייבען.

— שלעכט קינדער! — האָט ער אויסגערופען. נאפּאָלעאָן האָט יעצט פערנומען באָריסאָוו, און ער געהט ווייטער. —

אַלע האָבען טרויעריג ארונטערגעלאָזען דעם קאָפּ פון דער שלעכטער בשורה און האָבען געשוויגען.

נו, — האָט דער רבי פאַרטגעזעצט — אין עצבות אריינפאלען חלילה טאָר מען ניט! מיר וועלען זיך נאָך בעטראַכטען, וואָס צו טהאָן. גרינג וועט עס איהם ניט אָנקומען צו פערניכטען אידישקייט!

פּלוצלונג האָט זיך דער הימעל בעדעקט מיט שווארצע כמארעס, א שרעקליכער שטורם ווינט האָט גענומען בלאָזען פון אַלע זייטען. און די כמארעס זיינען געוואָרען אַלץ געדיכטער און געדיכטער. א שטאַרקער שלאַקס רעגען האָט אָנגעפאַנגען גיסען און מען האָט געקענט זעהן, אז דאָ קומט פאָר עפּעס אויסערגעוועהנליכעס.

— אהא ? — האָט דער ליאדיער מיט א זיפץ אויסגערופען — מען וויל אונז שוין אינגאנצען פערניכטען!

און דער רעגען האָט געגאָסען אָהן אַן אויפהער. ארום און ארום האָט געהערשט א שרעקליכע פינסטערניש. דער גאנצער וועג איז ווי

א טייך געוואָרען, און די פערד האָבען קוים געקענט זיך שלעפּען איבער דעם בלאָטיגען טייך.

די גאַנצע חבורה האָט זיך פערלאָרען. עס איז ניט געווען מיט וואָס אפילו די קינדערלאַך איינצודעקען און פערהיטען זיי פון אויסגעווייקט צו ווערען. צוזאַמענגערוקט פעסט איינע נעבען די אַנדערע האָבען זיך די בני־ביתו געווייקט אין דעם שרעקליכען מבול. קיינער האָט אָבער ניט געוואַגט א מויל צו עפענען, און זיך בעקלאָגען אויף דער שלעכטער לאַגע...

אזוי האָט מען כמעט ביי א שטונדע געשלעפּט זיך אויף די צוויי ענלות...

—מען דאַרף דאַווענען מנחה — האָט דער רבי מיט אמאָל אויס־גערופען. מען האָט אָבגעשטעלט די ענלות, און דער רבי האָט זיך גענומען צו דער עבודה, מיט זיין גאַנצען ברען, מיט דער גרעסטער התלהבות.

ווי געלעהמטע זיינע בני ביתו געזעסען אויף די ענלות און האָבען זיך ניט געקענט ריהרען פון אָרט. קיינמאָל האָבען זיי אזא עבודה ניט געזעהן. דער ליאַדיער צדיק האָט געפּראַוועט זיין עבודה מיט גרויס דבקות. יעדעס וואָרט האָט ער הויך אויפ'ן קול אַרויסגעזאָגט. גרויסע שווערע טרעהרען האָבען זיך פון זיינע אויגען געקייקעלט. זיין פּנים איז געווען פערפלאַמט, זיין קאָפּ האָט זיך געשאָקעלט מיט גרויס שנעלקייט, און דער גאַנצער קערפּער האָט געציטערט, ממש עד כלות הנפש.

און וואָס מעהר דער רבי האָט זיך פערטיעפט אין זיין עבודה, אַלץ שטאַרקער און מורא'דיגער האָט געבלאָזען דער ווינט, אַלץ גרעסערע טראָפּענס האָבען זיך געגאָסען פון די וואָלקענס. עס איז געווען קענטיג, אז אָט דאָ אויפ'ן דיעזען אָרט קומט פאָר א שרעקליכע מלחמה. דער רבי מיט זיין עבודה פון איין זייט, און בעהאַלטענע פערבאָרגענע כחות פון דער אַנדער זייט...

אָט דאַכט זיך ווערט דער רעגען אביסעל שטילער, דער ווינט הערט אויף צו בלאָזען, און די כמאַרעס נעהמען זיך פונאַנדעררוקען,

— און באלד ווידערהאלט זיך דאס אונגעוויטער ווידער מיט מעהר גבורה מיט מעהר רוגזה...

מיט אמאל איז דער רבי געבליבען שטעהן ווי א פערגליווער־טער... מען זעהט ניט קיין ריהר, קיין שאקעל, מען הערט ניט קיין ווארט, ער איז פשוט ניט אויף דעם עולם התחתון, קענטיג זיין נשמה שוועבט ארום אין די הויכע וועלטען... עס איז פאריבער א שעה, א צווייטע, אלע זיצען אויף זייערע ערטער און דער רעגען גיסט אויף זיי עמערוויז...

אבער ענדליך האט ער ווידער אנגעפאנגען מתפלל צו זיין בקול רם, און דוקא מיט א ניגון, פון וועלכע עס האט געקלונגען א ים פון בטחון, א וועלט פון שמחה, א קוואל פון התחברות צום „אין סוף", „ואין גבול". און געזונגען האט ער דעם קאפיטעל „לדוד אורי", וואס מען זאגט פון ראש־חדש אלול בין שמיני־עצרת... און דער ניגון בע'טעמ'ט די ווערטער.

— ה' אורי וישעי ממי אירא — אז נאט איז מיין העלפער פאר וועמען האב איך מורא? — זינגט זיך מיט זיבערקייט דער ניגון... אם תחנה עלי מחנה — אויב א גאנצע מחנה וועט אויף אונז אנפאלען — זעצט פארט דער ניגון מיט ברען, מיט היץ — לא יירא לבי — האט מיין הארץ קיין מורא ניט... אם תקום עלי מלחמה — אויב א גאנצע מלחמה וועט געגען מיר ענטשטעהן,— בזאת אני בוטח — בין איך אלץ זיכער, אז דו וועסט מיך ניט פערלאזען...

און וואס וויטער דער ניגון זינגט, וואס מעהר פרעהליכער די קולות קלינגען, וואס שטארקער עס טראגען זיך די ווערטער פון זיין פה הקדוש, — אלץ שטילער און שטילער ווערט דער ווינט, אלץ מעהר און מעהר צושלאגען זיך די גרויסע וואלקענס אויף קליינע אפגעריסענע וואלקענס, אלץ קלענער און קלענער ווערט דער רעגען... און עס נעהמען זיך ווייזען שטראהלען פון דער זון... עס נעהמט ווערען אלץ ליכטיגער און ליכטיגער...

און דער רבי ווערט אלץ פרעהליכער, אלץ לוסטיגער... מיט מעהר ברען, מיט מעהר דבקות זעצט ער פאר דעם קאפיטעל...

— ועתה ירום ראשי על אויבי סביבותי — און אז גאט וועט

מיר העלפען, וועל איך אויפהויבען שטאָלץ מיין קאָפּ געגען מיינע פיינד... אל תתנני בנפש צרי — גיב מיר ניט איבער אין די הענד פון מיינע בעליידיגער...

און דאָ ווערט אלץ ליכטיגער, אלץ שעהנער... נישטאָ מעהר קיין סימן פון וואָלקענס... שעהן און שטאָלץ שפּאַצירט זיך די זון איבערן הימעל און א מחיה'דיגע פרישע ווארימקייט פילט אָן די לופט... און אויפ'ן הארצען איז אזוי גוט, אזוי פריש, ממש א מחיה.

און אז דער רבי האָט געענדיגט זאָגען דעם קאַפּיטעל איז שוין קיין זכר ניט געווען פון דעם פריהערדיגען רעגען... דער וועג איז געווען טרוקען ווי ווען זיי זיינען ארויסגעפאָהרען... עס האָט ניט לאַנג געדויערט און די עגלות האָבען זיך געשווינד אוועקגעלאָזען פרעהליך אויפ'ן וועג קיין קראסנע.

גלייך ווי זיי זיינען אָנגעקומען קיין קראסנע, און האָבען זיך אָפּגעשטעלט אין אן אכסניה, ערשט מען הערט א גוואלדיגע שיסעריי. פיעל רעדען האָט מען ניט געדאַרפט. יעדער איינער האָט פערשטאַנען, וואס דאס מיינט... נאַפּאָלעאָן מיט זיין חיל זיינען אָנגעקומען!...

דער רבי, ז"ל, האָט זיך, חלילה, ניט פערלאָרען. ער האָט גלייך בעפוילען צו פּאַקען זיך אין וועג אריין, און זיין שוואָגער — ר' ישראל קאזיק — האָט ער געהייסען זיך שטעלען נעבען פענסטער און ארויס־קוקען אויף דרויסען, כדי צו זעהן, אויב סאָלדאַטען קומען ניט אָן.

— שטעה און קוק ארויס — האָט דער רבי צו איהם געזאָגט — זאָלסט ניט פערלאָזען דיין פּלאַץ און זיך ניט אומקוקען, סיידען דו וועסט דערזעהן, אז די אנשי־חיל פון צרפת זיינען נאָהענט נעבען הויז!

ר' ישראל האָט זיך געשטעלט אכטונג געבען, און די איבעריגע בני־בית האָבען זיך גענומען מכין זיין צו דער רייזע קיין סמאָלענסק, די נעקסטע שטאָדט, וואו דער רבי האָט בעשלאָסען זיך אָפּצושטעלען.

עס איז אָבער קוים א האַלבע שטונדע פאַראיבער, ווי ר' ישראל קאזיק איז ארויסגעלאָפען פון הויז מיט א געשריי. ער איז געווען איינגאַנצען בעגאָסען מיט בלוט, וועלכעס איז געפלאָסען פון זיין קאָפּ. אלע זיינען פערציטערט געוואָרען. די נשים האָבען זיך פונאַנ־

דערגעוויינט, מען האט דאך געדענקט, אז די סאלדאטען זיינען שוין דא. אבער דער רבי האט זיך שטארק צום הארצען פון דעם צופאל ניט גענומען.

— האסטו ניט געזאלט אוועק פון דיין פלאטץ! — האט דער ליאדיער, ז״ל, מיט א פארוואורף געזאגט, און איז צוגעגאנגען צו איהם און האט איהם צוזאמענגעדריקט זיין צושפאלטענעם קאפ. דאס בלוט האט גלייך אויפגעהערט צו לויפען און דער שפאלט איז זיך צונויפגעוואקסען... אבער א סימן איז איהם פערבליבען כל ימיו... דעם קאפ האט איהם צושפאלטען א סאלדאט, דוקא א רוסישער, וועלכער איז פארבייגעלאפען דאס הויז, אין דער צייט, ווען ר׳ ישראל האט זיך אומגעקעהרט זעהן, ווי עס האלט דארטען מיט׳ן פאקען זיך...

באלד האבען זיך אלע ארויפגעזעצט אויף די עגלות און מען האט זיך געלאזט מיט פערביטערטע הערצער קיין סמאלענסק. דעם גאנצען וועג האט דער רבי געזאגט „תהלים״ אויפ׳ן קול און געגאסען מיט דמעות שליש...

פארנאכט זיינען זיי צוגעקומען צו א וואלד געגויע דרייצעהן וויארסט פון סמאלענסק. די זון האט זיך שוין לאנג געזעצט און לאנגע פירכטערליכע דונקעלע שאטענס האבען זיך אויסגעשפרייט צווישען די בוימער... אלעס ארום איז געוועזען שטיל, ווי פאר א שטורם...

מיט שרעק איז די גאנצע חבורה אין גרויסען וואלד אריינגעפאהרען.

— רעדט נישט! — האט דער רבי מיט א טיעפען זיפץ אויסגערופען — טרייבט די פערד וואס שנעלער, ווארום דער שונא דערנעהנטערט זיך גאנץ גיך צו דיזען וואלד. מיין הארץ שרעקט מיך, אז מיר וועלען נאך דארפען זיך טרעפען מיט „זיינע״ חילות אט דא אין וואלד...

און ער האט געוואוסט וואס ער זאגט. אין קראסנע זיינען איינגאנצען געוועען אכט טויזענד רוסישע אנשי־חיל געגען די גרויסע מחנות פון נאפאלעאנען...

ווי די ווייבער האבען דעם רבינ׳ס דבורים דערהערט, האבען

זיי זיך ניט געקענט איינהאַלטען, און האָבען אויסגעבראָכען אין אַ שרעקליכען הארצרייסענדען געוויין. די קינדער האָבען מיטגעוויינט, און אין דעם גרויסען פינסטערען וואלד האָבען אָפּגעהילכט די יללות און די קולות...

דער ליאדיער צדיק האָט גאָרנישט געזאָגט. מיט אַן אראָפּגע־לאָזענעם קאָפּ איז ער געזעסען אין דער עגלה פערטיפט אין מחשבות...

פּלוצלונג האָט אַ שטיק פייער זיך פארבייגעטראָגען פארביי די חבורה. עס האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקע זשוזעריי. און מיט יעדער רגע האָט זיך גענומען פערמעהרן די פארבייפליהענדע שטיקער פייער און אַ הילכיגע קאַנאַנאַדע האָט פערקלונגען דעם וואלד... איינע פון די קוילען האָט געטראָפען אין וואָגען. מען האָט דערזעהן, אַז מען איז אין די גרעסטע סכנה... אָבער אַז די קוילען האָבען גענומען זיך שיטען ווי אַ האָגעל און מען האָט זאָגאר דערהערט דעם פריידענסגעשריי פון די אָנפאלענדע פראַנצויזישע סאָלדאטען, וואָס האָט געקלונגען מיט אַזוי פיעל רציחה, מיט אזא גזלנ׳ישען גרעלעכטער... ווען עס האָבען זיך גענומען הערען ווילדע פערצווייפעלטע אויסגעשרייען פון די חללים, האָט דער רבי זיך פּלוצים אויפגעשטעלט אין זיין גאַנצע הויך, שטאָלץ ווי אַ מלך, זיינע אויגען האָבען געשפּריצט מיט פייער, זיין גאַנצער גוף האָט זיך געשאָקעלט פון אויפרעגונג, און ער האָט אויס־גערופען:

— האם מן השמים נלחמים לנו? — צי פון הימעל האַלט מען שוין אויך מיט אונז מלחמה?!...

און ער האָט גלייך ארויסגעכאַפּט די לייצעס פון זיין שוואָגער, וועלכער, האָט געטריבען די פערד, און האָט אליין זיך גענומען קערעווען די פערד...

און די פערד האָבען זיך געלאָזט לויפען מיט אַ גוואלטיגען אימפּעט. מען האָט נור געזעהן, ווי די בוימער פליהען פארביי אַזוי געשווינד, ווי זיי וואָלטען ממש פון אַ שטאַרקען ווינט פערטראָגען געוואָרען...

ביסלעכווייז איז די שיסעריי אַלץ שוואכער און קלענער געוואָרען. די קולות האָבען זיך שוין ניט געהערט, און אין אַ וועלכע

פינף און צוואנציג מינוט שפעטער איז אלץ ארום געווען שטיל, ווי גארניט וואלט פאסירט...

דער רבי האט אפגעלאזען די לייצעס און די פערד האבען זיך אפגעשטעלט... אלע האבען זיך ארומגעקוקט און בעמערקט, ווי זיי שטעהען אין א געדיכטען טהייל וואלד צווישען צוויי בערגלעך...

— קריכט ארויס! — האט דער רבי געלאסען געזאגט — דא וועלען מיר שטעהען היינטיגע נאכט, און דאן וועלען מיר פאהרען קיין סמאלענסק...

אלע זיינען ארויסגעקראכען פון די עגלות, די פרויען האבען גענומען די קינדער אויף די הענט.

— לאזט די עגלות דא — האט דער רבי ווייטער געזאגט — און איהר פאלגט מיר נאך.

מיט דעם רבי'ן בראש האבען אלע זיך געלאזט געהן צו דעם ארט, וואו ער האט זיי אנגעוויזען...

ווי פערוואונדערט זיינען בני ביתו געווארען, ווען ער האט זיי צוגעפיהרט צום בארג, און זיי האבען דערזעהן א גרויסע ברייטע עפענונג אין בארג...

דאס איז געווען א הייל... אלע זיינען אריינגעגאנגען און האבען זיך אויף דער ערד געמאכט געלעגערס און צוגעגרייט זיך צום שלאפען אביסעל, ווארום זיי זיינען געווען מיעד און פארשמאכט פון דער שרעקליכער נאכט...

— שלאפט רוהיג! — האט דער רבי געזאגט — מיר זיינען יעצט אין א זיכערן פלאץ... חא־חא־חא! דער פראנצויז האט גוטע ביקסען, אנגעלאדען מיט פולווער, אבער שיסען קען ער ניט...

אלע האבען זיך אנגעטהאנענערהייד אנידערגעווארפען אויף דער היילער ערד אין גרויס עגמת נפש פון זייער ביטערן מצב, און זיינען באלד פעסט איינגעשלאפען, נור דער רבי, ז"ל, האט זיך פערבליבען ביים אריינגאנג פון הייהל און האט זיך גענומען מיט גרויס התלהבות ווידער זאגען תהלים, וואכענדיג איבער דעם הייפעלע מענשען, וואס האבען דורכגעמאכט אזא שרעקליכע, טרויעריגע נאכט...

מיט דער הילף פון פארשטארבענעם רבי'ן

די גאנצע נאכט איז ער אזוי אפגעזעסען. און די היילינע טייערע ווערטער פון דוד המלך האבען פארקלונגען די קליינע הייהל. ער האט זיי געזאגט מיט אזא התלהבות, מיט אזוי פיעל דבקות, מיט אזא הארצרייסענדען ניגון, דאס ממש די בוימער און אלעס ארום איהם האבען מיטגעוויינט... וואס דען האבען די בוימער אזוי געהוזשעט און געשאקעלט זיך?... וואס דען האט דער ווינט אזוי בייז געוואיעט?... וואס דען האבען זיך געהערט אזעלכע מאדנע קולות פון די חיות אין דעם גרויסען געדיכטען וואלד? די וועלף האבען מאוים'דיג געברומט, די אנדערע חיות האבען געשריען, און עס איז געווען א שרעק צו צוהערען וואס אין דער דאזיגער נאכט האט זיך אבגעטהאן...

און גלייך ווי די ערשטע שטראהלען פון דער אויפגעהענדער זון האבען בעלויכטען דעם געגענד, און דער רבי האט אפגעדאווענט; האט ער פונאנדערגעוועקט אלע בני־ביתו, און האט זיי געהייסען גיך מתפלל זיין שחרית און באלד זיך לאזען אין וועג אריין.

—ווייסט — מאכט דער רבי, — אז די עטליכע וויארסט ביז סמאלענסק מוזען מיר געהן צו פוס! — אונזערע פערד זיינען מעהר נישטא... זיי האבען זייער שליחות שוין אפגעטהאן...

ווען מען איז ארויסגעגאנגען פון הייהל, האט מען דערזעהן, וויביידע פערד זיינען געלעגען נעבען הייהל טויטע...

מען האט זיך צוטיילט מיט דער ארבייט. אייניגע האבען גענו־מען די חפצים, אנדערע די קליינע קינדער און מיט טרויעריגע הערצער און ארפגעלאזטע קעפ האט מען זיך געלאזט אין וועג אריין. קיינעם איז אויף דער מחשבה נים ארויפגעקומען, אז מען דארף גאר עסען...

מיר טארען בשום אופן נים געהן מיט דעם ברייטען וועג — האט דער רבי געזאגט. — עס שוויבעלט און עס גריבעלט דארט יעצט פון די אנשי חיל פון צרפת... זיי זיינען יעצט אינגאנצען זיבען

וויארסט פון סמאלענסק. אין סמאלענסק גופא איז נאך דערווײלע שטיל. איך האף ביז האלבען טאג וועלען מיר נאך דארטען זיין, אבער... און ער האט א זיפץ געטהאן.

— עס איז דאך שוין פרייטאג! — האט עמיצער א זאג געטהאן...

— סכנת נפשות דוחה שבת — האט דער רבי ארויסגערעדט...

אלע האבען פערשטאנען, אז קיין גוטעס קען ניט ערווארטעט ווערען, און מען האט זיך געלאזען געהן דורכ'ן געדיכטען וואלד. דער צדיק איז געגאנגען פאראויס און האט געוויזען דעם וועג, און אלע זיינע נאכגעגאנגען בעקבותיו...

ווען דער זייגער איז עלף געווארען, איז די חבורה שוין געווען אינגאנצען פינף וויארסט פון שטאדט.

— יעצט קענען מיר שוין ארויפגעהן אויפ'ן ברייטען וועג. די געפאהר איז פאראיבער פארלויפיג. און אגב וועלען מיר זיך טאקע באגעגענען מיט דעם גרויסען רוסישען גענעראל, קניאז בוגריאטין, וועלכער פיהרט אן די מלחמה אין דער געגענד...

עס האט לאנג ניט גענומען, און דער רבי האט ארויסגעפיהרט זיינע בני־בית אויף דעם גרויסען ברייטען וועג, וואס האט געפיהרט קיין סמאלענסק. זיי זיינען קוים א האלבען וויארסט אפגעגאנגען, ערשט מען זעהט עס טראגט זיך א קארעטע, געשפאנט אין זעקס פערד, דער רבי האט גלייך ארויפגעקאטשעט זיין גרויסע שטריימעל אויפ'ן שפיץ קאפ, און האט זיך געשטעלט אין מיטן וועג.

אלע האבען זיך שטארק דערשראקען, ווארום די קארעטע האט זיך געטראגען פייל און בויגען, און ווען זיי שטעלען זיך ניט אפ, וואל־טען די פערד געוויס דעם גדול הדור צוטראטען אויף שטיקלעך. אבער דער רבי, איז קענטיג גאנץ קאלט געבליבען און דא די פערד דערנעהנטערען זיך אלץ מעהר און מעהר, נאך א מינוט, נאך א סעקונדע, און זיי וועלען דעם גרויסען צדיק אומווארפען און צעטרע־טען. אבער ווען זיי זיינען א וואסער צוואנציג טריט פון רבין צוגעקומען, האבען זיי זיך פלוצלונג א שטעל געגעבען ווי אונטערגעהאקטע.

פירשט בוגריאטין, וועלכער איז טאקע אין קארעטע געזעסען,

האַט זיך אַרויסגערוקט פון זיין קאַרעטע און אַ פרעג געגעבען דעם קוטשער ווארום די פערד האָבען זיך פלוצלונג אָפּגעשטעלט, און ער האַט דערזעהן דעם צדיק. ווי אַ צומישטער איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פון זיין קאַרעטע און איז צוגעלאָפען צום רבין.

— ווער ביסטו ? — האַט ער מיט שרעק אויסגעשריען... עפּעס האָב איך דערזעהן אויף דיר „טשטאָ ניבוד אָסאָבעננאָיע“

— איך בין דער „ראַבין“ פון ליאַדי ! — האַט דער רבי מיט שטאָלץ געענטפערט.

דער גענעראַל האַט אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד איבער'ן שטערען ווי ער וואָלט עפּעס זיך דערמאָהנט.

ביסטו עס דער „ראַבין“, וועלכער איז אַמאָהל געזעסען אין „קרעפּאָסט“ פון פּעטערבורג ?

— יאָ !

— אויב אַזוי האַט איך פון דיר געהערט. קיסר אַלכסנדר האַט וועגען דיר אַ גאַנצע מעשה דערצעהלט... וואוהין געהסטו יעצט ?

— איך אַנטלויף פון נאַפּאָלעאָנען, וועלכער זוכט מיר צו פערניכטען. איך לאָז זיך מיט מיין פאַמיליע טיעפער אין ראַסיי !

צופוס ? ! — האַט דער גענעראַל אויסגעשריען.

יאָ ! מיינע פערד זיינען אוועקגעפאַלען.

— וואָס דיינקסטו ? ווער וועט געווינען די מלחמה ?

— שווער צו זאָגען, ווי ווייט דער שונא וועט אריינגעהן אין רוסלאַנד, אָבער איך האָף, אַז בעזרת־השם וועט ער פון דאַנען פערטרי־בען ווערען. צרפת מוז קריגען אַ מפּלה. ווארום, ערשטענס, וויל נאַפּאָלעאָן זיך שטעלען געגען דעם דת, און צווייטענס, איז געקומען די צייט, אַז צרפת זאָל קריגען איהר געצאָהלט פאַר די גרויסע צרות וואָס זי האַט אַמאָל אָנגעטהאָן די אידען. ווארום דאַרפסט וויסען זיין, אַז קיין אומה ולשון וועט ניט געשענקט ווערען, אויב מען טהוט צרות אידען... גאָט ווארט לאַנג און בעצאָהלט גיך. אַזוי איז חרוב געוואָרען אשור, בבל, רום, און אַנדערע אומות, צרפת האָט ניט פער־

דיענט איינגאנצען חרוב צו ווערען, אָבער א מפּלה וועט זי האָבען גאָר א גרויסע!...

דער גענעראל האָט פון דיעזע ווערטער אויפגעלעבט... ער האָט גלייך פאראָרדענט מען זאָל זעהן צו ברענגען וועגענער פאר דער גאנצער חבורה.

— שטעהט איהר דאָ און וואַרט! עס וועט נור א וואסער שטונדע נעהמען, און איך וועל אייך בעזאָרגען מיט אלעס.

און ער האָט געלאָזט זיך פאָהרען, ער האָט אפילו איינגעלאדען דעם רבין צו זעצען זיך אין קארעטע, אָבער דער צדיק האָט זיך ענטזאָגט.

— אָהן מיין פאמיליע קען איך ניט פאָהרען! — האָט דער רבי נ"ע געענטפערט.

— אויב אזוי וואַרט אויף די וועגענער, און ווי איהר וועט קומען קיין סמאָלענסק זאָלסטו קומען צו מיר, איך וויל נאָך מיט דיר רעדען.

— איך וועל דיך בעסער אויפנעהמען ביי זיך! — האָט דער רבי שטאָלץ געענטפערט.

— גוט איך וועל זיין ביי דיר! — האָט דער פירשט געזאָגט, ער האָט קענטיג פערשטאנען, אז דער רבי איז ביי זיך צו שטאָלץ צו קומען צו איהם.

עס האָט לאנג ניט געדויערט און צוויי גרויסע וועגענער, געשפּאנט צו צוויי פערד, זיינען אָנגעקומען און האָבען פערנומען דעם רבי'ן מיט זיין גאנצער פאמיליע. אין א קורצע ווייל שפּעטער זיינען זיי אָנגעקומען קיין סמאָלענסק, און זיינען פערפאָהרען אין א פּאלאץ, וואו דער גענעראל בוגריאטין האָט פאר זיי פאראויס בעשטעלט. דער רבי האָט גלייך באשטעלט מאכלות כשרות, וואָס מען קען אונטער אזעלכע אומשטענדען קריגען, און אלע האָבען אָפּגעגעסען.

קוים עפּעס איבערגעכאפּט דאָס הארץ אין דער אכסניה, וואָס דער פירשט בוגריאטין האָט פאר זיי בעקומען, האָבען זיך בני־ביתו גענומען מכין־זיין מקבל צו זיין דעם שבת. דער רבי האָט זיך גע־

שטעלט דאַוונען מנחה, ווי זיין שטייגער איז געווען, מיט גרויס התלהבות, און דבקות... כאָטש דער גרויסער צדיק איז שוין געווען אויף דער עלטער, האָט שוין געגנוג צרות און נסיונות דורכגעמאַכט. פונדעסטוועגן האָט ער אויף איין מינוט זיין גרויסען בטחון צו השי"ת ניט פאַרקלענערט, און ער איז געווען זיכער, אז ער — ניט נאַפּאָלעאָן — וועט אַרויס דער זיגער אין דער דאָזיגער מלחמה...

די גאַנצע צייט, וואָס דער רבי נ"ע איז געשטאַנען און מתפלל געווען, האָט אין דעם גאַנצען הויז געהערשט אַן אויסערגעוועהנליכע שטילקייט... קיינער האָט ניט געוואָלט שטערען דעם איש קדוש וטהור אין דער עבודה... צו דעם זיינען אַלע געווען אַ ביסעל פעסטער ביי זיך, ווארום יעדער איז געווען זיכער, אז סמאָלענסק וועט אזוי גיך ניט צוגענומען ווערען פון דעם שונא... אָבער קוים האָט דער ליאַדיער נ"ע זיין תפלה געענדיגט, האָט ער מיט גרויס האסט אויסגערופען:

— זייט אייך מכין צו דער נסיעה! עס איז ניט גוט!

עס איז געוואָרען אַ שרעקליכער טומעל. וואָס הייסט זיך מכין זיין צו דער נסיעה? עס איז דאָך שוין סמוך־עם־חשיכה!.. מען טאָר דאָך שוין ניט פאָהרען!

— סכנת נפשות דוחה שבת!... האָט דער רבי שטיל אַרויס־גערעדט — אדרבא, עס איז נאָך אַ מצוה צו ראַטעווען זיך פון טויט...

אָבער ביי קיינעם האָבען די הענד זיך ניט אויפגעהויבען צו נעהמען זיך גרייטען אין וועג אריין... עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס זיי האָבען געדאַרפט מחלל שבת זיין. דער רבי האָט עס בעמערקט... ער האָט אַראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ, און פון זיינע ליכטיגע אויגען האָבען זיך אַראָפּגעקייקעלט צוויי גרויסע שווערע טרעהרען...

— שרעקט זיך ניט, קינדערלעך! גאָט איז מיט אונז! אָבער יעצט מוזען מיר פון דאַנען אַוועק. דער בעש"ט ז"י, האָט מיר יעצט געלאָזט וויסען, אז דער שונא איז אין נעבען שטאָדט...

און ווי ער האָט דיעזע ווערטער אַרויסגערעדט, ערשט עס עפענט זיך די טהיר און דער פירשט בוגריאַטין איז אריין פער־סאָפּעט:

— „סטאַרי ראַבין" — אַלטער רבי — מאַכט ער — אַנטלויף

פון דאנען וואס שנעלער, ווארום מען שלאגט זיך שוין אין די גאסען פון שטאדט... נעבען הויז שטעהען אנגעגרייט פערד און וועגענער, מאך עס שנעלער. און אליין האט ער זיך אויפגעזעצט אויף זיין פערד און איז אנטלאפען.

— די וועגענער און די פערד וועלען ווינציג וואס העלפען!

— האט דער רבי געזאגט, מיר זיינען אריינגעפאלען און זעהר מיאוס אריינגעפאלען! אבער מ'מוז טהאן וואס מען קען...—

אלע האבען געכאפט וואס זיי האבען געקענט און האבען זיך געלאזט לויפען, וואו די אויגען טראגען, אבער קוים זיינען זיי עטליכע טריט אפגעגאנגען, ערשט א מחנה חילות פון דעם שונא איז זיי אנטקעגען געקומען.

— צוריק! — האט דער רבי אויסגערופען. און זיי האבען זיך געלאזט אויף צוריק.

זיי זיינען קוים אין אן אנדער גאס אריין, ערשט ווידער די זעלבע געשיכטע. משמעות, די גאנצע שטאדט איז שוין געווען אין די הענד פון די פראנצויזען.

— אט דא שטעהט! — האט דער רבי קאמאנדעוועט. עס איז קיין פעולה ניט! וואו מיר וועלען לויפען, וועלען מיר טרעפען אנשי־חיל...

אלע האבען מיט שרעק זיך אפגעשטעלט... זיי זיינען געווען גרייט אויפ'ן טוידט. ווארום פון ביידע זייטען זיינען אנגעקומען סאלדאטען, און האבען זיך דערנעהנטערט צו דער חבורה...

— קיינער זאל ניט ארויסברענגען קיין קול! — האט דער רבי ארויסגערעדט, — האלט צו פעסט די מיילער פון די קינדער, זיי זאלען חס ושלום ניט אויסשרייען עפעס.

און די סאלדאטען קומען אלץ נעהנטער, ווי ווילדע צורייצטע חיות, וואס יאגען זיך נאך זייער רויב, ווי הונגעריגע וועלף וואס פאלען אן אויף א סטאדע שעפעלעך, אזוי האבען די חילות פון צרפת זיך געווארפען אויף די הייזער און זייערע איינוואוינער, פערניכטענדיג אלעס, וואס איז זיי געקומען אונטערן האנד. און די חילות מעהרען זיך אלץ, קומען צו נעהנטער און נעהנטער צו דעם רבין און עס האט זיך

געדוכט, אַז אָט אָט נאָך אַ רגע, נאָך אַ רגע און אַלע וועלען זיין טוידט.

— האַלט אייערע אויגען צום הימעל — האָט דער רבי ווידער בעפוילען.

און די סאָלדאַטען זיינען נאָהנטער צוגעקומען. אָט האָט שוין דער ערשטער דערגרייכט דעם פּלאַץ, וואו דער צדיק שטעהט, און זיין שווערד האַלט ער אויסגעשטרעקט — ממש שלופה בידו, — ער זוכט מיט די אויגען אימיצען צו טוידטען, ער וויל זיך אָנטרינקען מיט דעם בלוט פון חללים, אָבער — אָ, פּלאי פּלאים! ער שטעהט נעבען אַזאַ גרויסע חבורה און ער זעהט זי ניט... אַזוי איז ער און נאָך הונדערטע און טויזענדע סאָלדאַטען פאַרביי, און קיינער האָט ניט בעמערקט די דאָזיגע חבורה, וועלכע איז שטיל געשטאַנען מיט זייערע אויגען צום הימעל געווענדעט, און זייערע הערצער האָבען טיעף, טיעף אינווענינ אויסגעגאָסען אַ תפלה צום רבונו־של־עולם...

ביסלעכווייז האָבען די סאָלדאַטען זיך דערווייטערט פון דעם פּלאַץ, אָבער קיינער האָט זיך ניט געריהרט, קיינער האָט קיין מוטה ניט געהאַט די אויגען פון הימעל אָפּצואווענדען...

פּלוצלונג האָבען זיי דערהערט אַ הילכיגען געלעכטער:

— אהא, גוט אָפּגעטהאָן די צרפתים! — האָט די לאַכענדע שטימע אויסגערופען. — עינים להם ולא יראו! — זיי האָבען אויגען און קענען ניט זעהען! —

אַלע האָבען זיך פון קול, ווי אויפגעכאַפּט. עפּעס האָט די שטימע געקלונגען מיט אַזוי פיעל מתיקות, מיט אַזוי פיעל חדוה, מיט אַזאַ מין אהבה, אַז די גאַנצע חבורה איז ווי אויפגעלעבט געוואָרען.

זיי גיבען אַ קוק — ערשט לעבען זיי שטעהט אַן אַלטער גרייז מיט אַ לאַנגער שעהנער באָרד, מיט זעלטען גוטע אויגען... דער רבי ז׳׳ל איז גלייך צוגעלאָפען צום אַלטען:

— שלום עליכם, רבי מורי אלופי ומיודעי! — האָט דער ליאַדיער אויסגערופען.

— וואָס שטעהט איהר דאָ און וואַרט? — האָט דער גרייז ווידער געזאָגט — די סכנה איז נאָך ניט פאַראיבער. איהר טאָרט קיין מינוט זיך ניט פערזאַמען, קומט מיט מיר! —

און דער גרייז האט זיך געלאזט פאראויס, האלטענדיג דעם רבי'ן אונטער'ן האנד, און אלע בני־ביתו זיינען זיי נאכגעגאנגען. ער האט זיי געפיהרט איבער מאסקווער גאס און פון דארטען איבער דראגאבוזער גאס, ביז ער האט זיי ארויסגעפיהרט צום ארויסגאנג פון שטאדט.

—יעצט געהט גלייך! אין א וועלכע צוויי וויארסט ווייטער וועט איהר אנטרעפען דעם פירשט בוגריאטין. ער האט פאר אייך אנגעגרייט פערד און וועגענער. פאהרט מיט איהם צוזאמען ביז וויאזמע, וואו דער גענעראל טאלסטאי געפינט זיך יעצט. ניט געזארגט! השם יתברך וועט זיך מרחם זיין! מיר וועלען זעהן וואס מען קען נאך טהאן! —

און ער איז פערשוואונדען...

דער רבי האט ממש אויפגעלעבט, פון זיינע אויגען האט ארויסגעשטראהלט א קוואל פון פרייד, א ים פון האפנונגען!

— נו, אז מיר האבען אויף אונזער זייט דעם מעזריטשער — האט דער רבי מיט שמחה ארויסגערעדט — קענען מיר זיין רוהיג!... איצט דארפען מיר זעהן צו פאהרען! —

באלד האבען זיי אנגעטראפען דעם גענעראל בוגריאטין, וועל־כער האט זיי אויפגענומען מיט גרויס פרייד און געגעבען וועגענער מיט פערד און צוזאמען זיינען זיי אוועק קיין וויאזמע...

דעם רבינ'ס ערשטער געווינס

און אז דער רבי, נ"ע, איז, מיט דער הילף פון מעזריטשער, ז"ל, ארויסגעקראָכען פון דער סכנה, אין וועלכע ער מיט זיינע בני־בית האָבען זיך געפונען אין סמאָלענסק, און האָט, בעזרת השם יתברך, אָנגעיאָגט דעם גענעראל בוגריאַטין מיט זיין חיל, זיינען זיי אװעק קיין וויאזמע.

דעם גאַנצען וועג, וואָס זיי זיינען געפאָהרען האָט דער רבי ארויסגעוויזען גרויס שמחה. ער האָט אונטערגעזונגען אין דער שטיל דעם בעל־שם־טוב'ס נגונ'דעל, וואָס הרב ר' מיכל זלאָטשעווער דעם בעש"ט'ס א תלמיד, האָט איהם, נאָך זייענדיג ביים „מעזריטשער", אויסגעלערנט. ער איז געווען אין א הויכע מדרגה פון חדוה פון דעם, וואָס דער מעזריטשער, ז"ל, האָט איהם געהאָלפען און דערמיט געוויזען, אז ער שטעהט שוין אויף זיין צד...

אז זיי זיינען אָנגעקומען קיין וויאזמע, האָט דער רבי געראַטען גענעראל בוגריאַטין זיך דאָרטען גיט אָפּצושטעלען, נור פאָהרען ווייטער קיין מאָזשייסק, וואו גענעראל טאָלסטאָי מיט זיין חיל האָבען זיך געפונען.

— מיר טאָרען זיך דאָ בשום אופן ניט אָפּשטעלען, — האָט דער ליאדיער צדיק נאָכהער ערקלעהרט זיינע בני־בית, — די געפאַהר פון נאַפּאָלעאָן איז נאָך ניט פאַראיבער. ער האָט שוין סמאָלענסק לאַנג פארנומען און ער וועט זיין באַלד אין וויאזמע.

און כך הוה. אין עטליכע שטונדען שפּעטער, ווי די חבורה האָט פערלאָזען וויאזמע, זיינען נאַפּאָלעאָנ'ס חילות אריין אהין. אָבער דער רבי האָט אָהן סכנות פאָרטגעזעצט זיין רייזע קיין מאָזשייסק.

געוועזען איז דאָס שוין אין מיטען אלול. די ימים נוראים האָבען זיך דערנעהנטערט, און קיינער האָט ניט געוואוסט וואו מען וועט דעם „יום דחיל ונורא" זיין...

און אַז זיי זיינען אָנגעקומען קיין מאָזשייסק, און דער רבי האָט זיך געזעהן מיט'ן גענעראַל טאָלסטאָי, האָט ער בעשלאָסען דאָרטען אויף אַ קורצע ווײַלע זיך אָפּשטעלען.

— איך האָב דאָ עטוואָס דורכצומאַכען — האָט דער רבי געזאָגט — און האָט געבעטען מען זאָל איהם געבען אַ חדר מיוחד. זיין פערלאַנג איז ערפילט געוואָרען. גענעראַל טאָלסטאָי האָט פער־זאָגט, מען זאָל גלייך אָפּגעבען דעם רבי'ן אַ שעהנע הויז מיט אייניגע חדרים.

כאָטש אַלע זיינען געווען מיעד פון דעם שווערען וועג וואָס זיי האָבען דורכגעמאַכט, האָט דער צדיק אַליין ניט ארויסגעוויזען קיין שום מיעדיגקייט. ער האָט אַלעמען געהייסען אָפּעסען, זיך אויסרוהען, און אַליין איז ער אריין אין אַ חדר מיוחד.

— קיינער זאָל מיך ניט וואַגען צו שטערען, — האָט דער ליאַדיער, נ"ע, בעפוילען. — עס קען נעהמען ווי לאַנג, זאָלט איהר ניט ערלויבען קיינעם אריינצוקומען. און דו, מיין זוהן — האָט ער זיך געווענדעט צו זיין עלטערען זוהן ר' דוב'ער (שפּעטער בעקאַנט אונטער דעם נאָמען אדמו"ר האמצעי, דער מיטעלער רבי) — נור דו קום אריין. איך האָב מיט דיר עפּעס צו ריידען.

און זיי זיינען אריינגעגאַנגען.

— הער זיך איין — האָט זיך דער רבי צו איהם געווענדעט, נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך געזעצט — דו זאָלסט וויסען זיין, אַז די מלחמה וואָס נאַפּאָלעאָן פיהרט יעצט אָן, איז אַ גרויסער אומגליק פאַר דעם כלל ישראל, ווארום אידען וועלען חלילה פון דת ארונטער־געהן...

באותה שעה האָט אדמו"ר ר' דובער איינגאַנצען פארגעסען, וואו ער געפינט זיך. איהם האָט זיך געדוכט, אַז ער איז גאָר ניט דעם ליאַדיער'ס אַ זוהן, נור ער איז ר' נפתלי ראָפּשיצער און נעבען איהם זיצט נאָך אַ דריטער — דער „קאָזניצער מגיד" ר' ישראל, נ"ע, ביידע חסידישע גדולים און צדיקים און זיי ביידע האַלטען אַ ויכוח מיט'ן ליאַדיער...

— אָבער — האָט זיך ר' דובער אָפּגערופען — אָבער אידען

וועלען פון דעם האָבען אַ גרויסע ישועה. נאַפּאָלעאָן האָט מבטיח געווען, אַז קוים ער וועט פערנעמען רוסלאַנד, וועט ער געבען אידען אַלע זכיות, אידען וועלען ניט דאַרפען ליידען אַזוי שווער פון גלות, און ביז השי״ת וועט זיך מרחם זיין און ברייננען די גאולה שלמה, די אמת׳ע גאולה־רוחניות. וועלען אידען כאָטש קענען לעבען ווי מענשען. ווי לאַנג נאָך וועט זיך אידיש בלוט גיסען ווי וואַסער? ווי לאַנג נאָך וועלען אידען דאַרפען דורכמאַכען אינקוויזיציעס, כמעלניצקי׳ס און אנדערע אַזעלכע בלוטבעדער? ניין, רבי, איהר זיינט ניט גערעכט!

דער ליאַדיער האָט אַריינגעשטאָפּט זיין האַנד אין דער ברייטער, ווייסער באָרד אריין, האָט פערקאַטשעט זיין יאַרמולקע הויך אויפ׳ן שטערען, און האָט זיך פאַר אַ היבשע ווייַלע פערקלעהרט:

— אָה! — האָט ער פּלוצלונג אויסגערופען — ווען איך וואָלט כאָטש געוואוסט, אַז אידען וועלען האָבען אַ ישועה, וואָלט איך אויך נאָכגעגעבען, כאָטש עס איז אַ צו גרויסע געצאָהלט פאַר אַ חיי־שעה, אָבער מובטחני, אַז אידען וועט דערפון גאָר קיין ישועה ניט אַרויסקומען. נאַפּאָלעאָנ׳ס הבטחה איז ניט ווערט קיין ביטערע ציבעלע! קיינע הבטחות אין אַ צייט פון מלחמה ווערען נאָכדעם ניט געהאַלטען. דער בעזיעגטער קען עס ניט האַלטען. און דער נצחן וויל עס ניט האַלטען...

— אָבער, נאַפּאָלעאָן האָט דאָך פאַרט געשענקט פרייהייט פאַר אַלע פעלקער, און אידען אויך בתוכם. זיין גאַנצע מלחמה איז דאָך נור אַ מלחמת חפש?!..

— ניין, ניין! טויזענד מאָל ניין! — האָט דער רבי מיט גרויס אויפרעגונג אויסגערופען. — עס איז ניט קיין מלחמת חפש. ניט פאַר פרייהייט ווערט די מלחמה געפיהרט, נור פאַר מאַכט... און וואו מאַכט האָט די דעה, דאָרטען קען פאַר אידען קיין ישועה ניט זיין! וויל אידען זיינען געגען מאַכט, איז „מאַכט“ געגען אידען...

— אויסערדעם — האָט דער ליאַדיער מוסיף געווען — איז די גאַנצע מלחמה מעשי־שטן, מען וויל אידען אָוועקנעהמען פון אידישקייט... און וואו אידען פערלירען זייער אידישקייט, דאָרטען זיינען זיי נאָך מעהר אין געפאַהר פון כליה — פערניכטונג הייסט עס...

אין צימער האָט א לענגערע צייט געהערשט א שווערע שטילקייט. ענדליך האָט זיך אדמו"ר ר' דובער ארויסגעכאפט:

— דאָס איז דאָך נור אַן השערה. איהר דענקט אזוי, אָבער מיט וואָס קען מען זיין זיכער, אז אידען וועלען קיין טובה פון דעם ניט האָבען? ווי אזוי קענען מיר נעהמען אויף זיך די אחריות צו דער־ווייטערען פון כלל ישראל א ישועה? מיר אלע דארפען ארבייטען לטובת הכלל און דאָרטען וואו עס ווייזט זיך א ליכטיגער שטראהל אין דער גרויסער פינסטערניש, אהין מוזען מיר זיך ציהען!.. איז אייער גאנצעס לעבען ניט צו פערבעסערען דעם מצב האומה? איז דען ניט די גאנצע שיטה פון בעל־שם־טוב, זכותו יגן, נור צו געבען אידען מעהר יכולות צו לעבען בעסער? זוכען מיר דען ניט ארויסצו־רייסען פונ'ם אידען די עצבות, די ספקות, די פערצווייפלונג? ווילען מיר דען ניט, אז אידען זאָלען האָבען מעהר שמחה, מעהר התלהבות, מעהר בטחון?

— כא־כא־כא! — האָט זיך דער ליאדיער, נ"ע, פונאנדער־געלאכט — געוויס ווילען מיר עס! אָבער מיר ווילען אויך אמונה, דבקות, און התחברות צום רבונו־של־עולם, צום „אין סוף ואין גבול" אָבער דאָרטען וואו פאר א שטיקעלע פעט פלייש, וויל מען ביי דיר די נשמה אוועקרויבען, דאָרטען וואו מען וויל דו זאָלסט פאר חיי־שעה דעם גאנצען לעבען אָפּגעבען, ניין! דאן טאָר מען עס ניט טהאָן... און ווער רעדט נאָך, אז פון דעם שטיקעלע פלייש וועט נור א ביינדעלע בלייבען א הארט אָבגעגריזעט ביינדעלע, מיט וועלכען מען קען זיך נאָך חלילה דערווארגען, דאן טאָר מען עס געוויס און געוויס ניט טהאָן! ניין, ברידער! אויף אידען רוקט זיך אָן א שווערע צייט. ביז יעצט האָבען זיי נאָך אין שווערען גלות געהאט איין טרייסט — די תורה, — און יעצט וויל מען דעם לעצטען וואפען פון אונז אויך צונעהמען...

דער רבי האָט דאָס געזאָגט מיט אזוי פיעל התלהבות, מיט אזוי פיעל הארציגקייט, אז דער צד שכנגדו, האָט זיך ניט איינגע־האלטען און האָט אויסגערופען:

— מיר זיינען מיט אייך בכל נפשנו ובכל לבבנו!... —

און תיכף ומיד האָט זיך דער מיטעלער רבי, נ"ע, דערמאָנט, וואו ער געפינט זיך, און ווער ער איז...

— טאַטע, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען? — האָט ער אויסגע־שריען.

— גאָרנישט, מיין זוהן! איך האָב יעצט געהאַט דעם ערשטען גרויסען געווינס. הרב ר' נפתלי ראָפשיצער און הרב ר' ישראל קאָזני־צער זיינען יעצט מיט אונז!

און גראָדע דאַן האָבען זיך יענע צוויי גרויסע צדיקים ער־קלעהרט פאַר מתנגדים פון נאַפּאָלעאָן!

— דער ליאָדיער איז גערעכט מיט זיינע טענות! — האָבען זיי דאַן ערקלעהרט פאַר זייערע חסידים. — נאַפּאָלעאָן טאָר די מלחמה ניט געווינען...

אָבער דערמיט אַליין איז נאָך קיין גאַנצער געווינס ניט געווען. נאַפּאָלעאָן האָט פאָרטגעזעצט זיין מאַרש טיעפער און טיעפער אין „ראַסיי"...

כאָטש מאָזשייסק איז געווען שטאַרק בעפעסטיגט, און די רוסישע חילות האָבען זיך מכין געווען צו שטעלען זיך געגען שונא ביד חזקה, האָט דער צדיק אָבער מיט זיין ליכטיגע ראיה איינגעזעהן, אַז נאַפּאָלעאָן וועט אויך מאָזשייסק פערנעהמען... ער האָט דערפאַר בעשלאָסען דאָ ניט צו שטעהן, נור פאָהרען ווייטער.

נאָכדעם ווי די חבורה האָט זיך אַ פּאָר וואָכען אויסגערוהט פון דעם שווערען, לאַנגען וועג און זיינען אביסעל געקומען צו זיך פון די פיעלע צרות, וואָס זיי זיינען אויסגעשטאַנען, האָט דער רבי געהייסען זיך ווידער קלייבען אין וועג אריין.

— מיר מוזען יעצט פאָהרען אויפ'ן וועג קיין מאָסקווע! — האָט דער רבי טרויעריג געזאָגט. — דער שונא איז נאָך דערוויילע זעהר שטאַרק... נאַפּאָלעאָן האַלט זיך נאָך פאַר אַ גאַנצען מהות... אמת, די השפעה וואָס ער קריגט דורך דער השתדלות פון די גדולי־הדור, וואָס זיינען אויף זיין צד, איז שטאַרק פאַרקלענערט געוואָרען... צוויי גרויסע „צנורות" פון דער „בוצינא קדישא" זיינען יעצט פאַר

איהם פערשטאפט געווארען... ווארום דאס איז דאך ידוע, אז קיין השפעה קומט ניט פון אויבען, סיידען עס איז דא א התעוררות פון אונטען... און די התעוררות פון ר' נפתלי־ראפשיצער און דעם קאזניצער מגיד, וועלכע איך האב, בעזרת־השם צוגעקראגען, וועט יעצט זיין אויף אונזער צד... אבער כל זמן אלע צדיקים וועלען ניט זיין מיט אונז, מוזען מיר דערווייל פאר איהם אפטרעטען...

— ערשט דאן, ווען קיין השפעה מלמעלה דורך א התעוררות מלמטה וועט פאר איהם ניט זיין — האט דער רבי מוסיף געווען — און ער וועט נור בלייבען ביי זיינע העלפער — סמאל־וכל־כת־דיליה, ימח שמם — דאן וועט ער, אי"ה, כאפען די מפלה...

איינציגע טעג שפעטער, נאך זייער אנקומען קיין מאזשייסק, האבען זיי זיך ווידער געלאזען אין וועג אריין — אין די וועגענער, וואס גענעראל טאלסטאי האט זיי געהייסען געבען.

און כאטש דער הערבסט האט שוין געהאלטען אין אנקומען, די בלעטער פון די בוימער זיינען שוין געל געווארען, און האבען זיך געשאטען מאסענווייז אויף דער ערד, די פויגעלעך האבען אויפגע־הערט צו זינגען זייערע לויב־געזאנגען צום רבונו־דעלמא־כולא, און האבען זיך גענומען גרייטען אין וועג אריין, ערגעץ אין די ווארימע לענדער, די פעלדער זיינען שוין געווען אפגעשניטען און די פויערים האבען זיך געאיילט אריינצונעהמען די תבואה איידער דער שונא וועט אנקומען, דאך איז די פאגאדע געווען אן אויסערגעוועהנליך שעהנע: די זון האט געשיקט אויף דער ערד טויזענדער פון איהרע שטראהלען, וואס האבען געווארימט און בעלויכטען גאטעס וועלטעל. א קליין שטילער ווינטעלע האט מיט פרישקייט געבלאזען אין פנים אריין, און האט געגעבען חיות צו דער פאהרענדער חבורה, וועלכע איז געזעסען פערטרויערט אין די עגלות...

אזוי זיינען זיי געפאהרען א לאנגע צייט, ביז דער רבי, נ"ע, האט געהייסען זיך אפשטעלען.

— דא וועלען מיר דאווענען מנחה! — האט דער רבי געזאגט. מען האט זיך תיכף אפגעשטעלט, און דער עולם־מענער האט זיך גענומען צו דער עבודה...

ביסלעכוויז האָט די זון זיך אָנגעפאַנגען צו זעצן אַלץ מעהר און מעהר, דער בין־השמשות איז אָנגעקומען און דער רבי איז נאָך אַלץ געשטאַנען מיט'ן פּנים צום מזרח און האָט זיך עוסק געווען אין דער תפלה. פון זיינע אויגען, וואָס זיינען געווען געווענדעט צום הימעל, האָבען זיך געגאָסען הייסע, זודיגע טרעהרען. אַלע ווײלע פלעגט זיין גוף אויפטרייסלען, ווי אַ שרעקליכער שוידער וואָלט איהם דורכ־לויפען...

פּלוצלונג האָט דער רבי, נ"ע, זיך אַ קעהר געטהאָן צו דער חבורה, האָט אָוועקגערופען אָן אַ זייט זיין עלטערן זוהן ר' דובער, (שפּעטער אדמו"ר האמצעי) און זיין אייניקעל ר' מנחם־מנדל, (שפּע־טער בעוואוסט אַלס אדמו"ר דער צמח־צדק, נ"ע) און האָט צו זיי אַזוי געזאָגט:

— קינדערלאַך, די לצרה בשעתה, עס איז ניט כדאי יעצט צו רעדען וועגען דעם וואָס עס וועט פּאַסירען, אָבער איך האָב יעצט זעהר שלעכטע נייעס ערהאַלטען... דער בעל־שם־טוב ז"ל האָט מיר יעצט מודיע געווען אַז נאַפּאָלעאָן וועט באַלד מאַזשייסק פערנעהמען... אויב איהר ווילט קענט איהר זיך מיט איהם אַליין אויסריידען... היינטי־געס מאָל האָט ער מיר ערלויבט...

ווי אַ פאַרהאַנג איז פון זייערע אויגען אַראָפּגעפאַלען... זיי האָבען מעהר ניט געזעהן קיין ברייטע אָפּגעשניטענע פעלדער, קיין פערגעלטע בוימער, פון וועלכע עס שיטען זיך פערוויאַנעטע בלעטער— זיי האָבען דערזעהן אַז זיי געפינען זיך אין אַ גרויסען לאַנגען פּאַלאַץ; פון די ווענט האָט געפינקעלט און געשעמערירט, גלייך ווי זיי וואָלטען פון גאָלד און דימאַנטען געמאַכט געוואָרען, אַן אויסערגעוועהנליכע ליכטיגקייט האָט זיך אויסגעשפּרייט איבערן גאַנצען פּלאַץ... פון אַלע זייטען האָבען זיך געטראָגען טויזענדער קולות, וואָס האָבען געקלונגען מיט אַזוי פיעל מתיקות, מיט אַזוי פיעל אהבה, מיט אַזוי פיעל חדוה, אַזש ממש מען האָט געקענט צוגעהן פון זיסקייט... און כאָטש די קולות זיינען געווען אָהן ווערטער, האָט זיך דאָך געפיהלט, אַז דאָס זיינען קולות פון לומדי תורה, קולות וואָס זיינען מסביר הלכות וגמטריות, קולות וואָס פערטייטשען די „תיקו'ס" און „אבעיות",

קולות וואס טראגען זיך ארויס פון דער נשמה פון דער תורה... און די קולות האבען זיך געטראגען פון אלע זייטען, און קיינעם פון די וואס בריינגען ארויס די קולות האט מען ניט געקענט זעהן... דער פאלאץ האט אויסגעזעהן ווי ער וואלט פון קיינעם ניט בעוואהנט געווען, נור פון די שימערענדע ווענט טראגען זיך עפעס ארויס קלאנגען און טענער, וואס פערהילכען די לופט...

די ביידע שפעטערדיגע רביים זיינען געשטאנען פערווירט, זיי האבען איינגאנצען פערגעסען ווער און וואס זיי זיינען, נור ווי בעצויבערטע האבען זיי ארייגעזאפט אין זיך די הייליגע פרעכטיגע טענער, וואס האבען מושך את הלב געווען... זיי האבען זאגאר פער־געסען, אז זיי ווילען רעדען מיט דעם גרויסען מאור־עינים, מיט דעם מיסד פון דער שיטה, איבער וועלכע זיי שטעהען יעצט אוים אזעלכע פורעניות און צרות, נור זיי האבען געהאלטען זייערע אויערען אנגע־שטעלט...

פלוצלונג האבען זיי דערזעהן אן אלטען מאן, מיט א שעהנער לאנגער ווייסער בארד, מיט זעלטענע גוטמוטהיגע אויגען, פון וועלכע עס האט ארויסגעשטראהלט אהבה צו דער גאנצער וועלט, מיט א טייערען זיסען שמייכעל אויף דעם שעהנעם פנים, מיט א הויכען, ברייטען שטערען, פון וועלכען עס האט ארויסגעשטראהלט ממש קרני־אור...

— שלום עליכם! — האט דער אלטער שמייכלענדיג זיך אפגע־רופען — אבער קיין האנד האט ער זיי ניט געגעבען.

זיי זיינען געשטאנען פערווירט און האבען ניט געקענט ענטפערן.

— איהר ווילט מיך גאר ניט פרעגען, האט ער זיך צו זיי ווידער געווענדעט.

— וואס וועט זיין דער סוף פון דער מלחמה? — האבען זיי אויסגעשריען מיט גאר די כחות.

— דאס וועלען מיר נאך זעהן, אבער נאפאלעאן וועט פאר־לויפיג נאך מעהר שטערט פערנעהמען...

— און איך װעל זיך נאך מיט אייך ניט איין מאהל טרעפען
— האט ער מוסיף געװען און איז פערשװאונדען...

און מיט אמאהל האבען זיי זיך צוריק געפונען אויף דעם זעלבען פלאץ אין פעלד, װאו זיי זיינען פריהער געשטאנען.

— איהר זאלט דערװייל װעגען דעם, װאס איהר האט געהערט און געזעהן קיינעם ניט דערצעהלען!—האט דער ליאדיער זיי בעפוילען.

— איך בין שוין אלט, האט ער מוסיף געװען — ומי יודע? װער װייס? היום כאן!... רוח עברה בו... און דערפאר האב איך אייך סומך געװען...—

דער ליאדיער נ"ע, האט שװער אפגעזיפצט און האט געהייסען פאהרען װייטער.

דער ראפשיצער ווייזט זיין כח

צוויי טעג האט געדויערט די נסיעה פון מאזשייסק, ביז דער רבי אדמו"ר ר' שניאור זלמן, ז"י, מיט דער גאנצער חבורה זיינען אנגעקומען בשלום אין טראיצקא־סערגעיעווסק, א שטעדטעל ניט ווייט פון מאסקווע. כאטש דאס מאל איז דער וועג בכלל געווען אהן עיכובים, אלעס איז געגאנגען בכי טוב, דאך איז די חבורה אויסגעשטאנען אביסעל צרות פון די פויערים, וועלכע האבען חוזק געמאכט פון די נוסעים. אין אייניגע פלעצער האט מען אויף זיי אפילו שטיינער געווארפען און נעלאפען זיך שלאגען. זיי, די פויערים, האבען אידען זעהר זעלטען געזעהן, האבען זיי געדענקט, אז עס איז א מצוה אן א אידען זיך נוקם זיין...

אבער דער רבי, נ"ע, האט זיך וועגען דעם ניט געקימערט.

— זאלען זיי! — האט ער צו דער חבורה געזאגט — דאס זיינען „נשמות דאזלין ערטילאי" פראסטע, אונוויסענדע נפשות וואס פערשטעהען ניט און קענען ניט מבחין זיין בין טוב לרע...

מיעדע זיינען זיי אנגעקומען אין טראיצקא־סערגיעווסק. דורך א פקודה, וואס דער ליאדיער, נ"ע, האט מיט זיך געהאט פון גענעראל טאלסטאי, האט מען איהם אפגעגעבען א גרויס הויז, וואו זיי האבען זיך געקענט אויסרוהען און קומען צו זיך.

נאכדעם ווי מען האט זיך איינגעארדענט און אביסעל זיך אויסגערוהט, האט דער רבי, נ"ע, אריינגערופען צו זיך זיין זוהן ר' דובער (אדמו"ר האמצעי, נ"ע) און זיין אייניקעל ר' מנחם מנדל (דער צמח־צדק, ז"י) און האט מיט זיי געהאלטען א לאנגע בעראטונג.

— עס איז שוין קרוב צו ראש־השנה — האט ער געזאגט — דער יום דחיל ונורא דערנעהנטערט זיך... און גראדע דאס יאהר, ווען עס איז דא אזוי פיעל צו טהאן, האבען מיר געמוזט קלעהרען וועגען מציל זיין אונזערע לעבענס... יעצט זיינען מיר שוין, בעזרת השם, אויסער סכנה, ווייל אזוי גיך וועט דער שונא אהער ניט קומען, און מיר מוזען נעהמען טראכטען וועגען יום־טוב.

נאָך אַ לאַנגען שקלא־וטריא האָט דער רבי, נ"ע, בעשלאָסען צו פערבלייבען אין טראָיצקא־סערגיעוווסק איבער די ימים־הנוראים.

— דער אימפּעט, מיט וועלכען נאַפּאָלעאָן האָט ביז יעצט גובר געווען די רוסישע חילות, האָט ער שוין מעהר ניט — האָט דער רבי, ווי צו זיך, געזאָגט — זיין השפּעה איז שטאַרק פאַרקלענערט געוואָרען.

און מען האָט זיך גענומען גרייטען מקבל־צו־זיין דעם יום־הדין.

— זעהר פיעל שטעהט אונז יעצט פאַר דורכצומאַכען — האָט דער צדיק בעמערקט. — היינטיגעס מאָל מוזען מיר געווינען אויף אונזער צד אַלע גדולים פון אונזער שיטה... מיר מוזען איינמאָל פאַר אַלע מאָל זעהן אַז נאַפּאָלעאָן זאָל מעהר ניט קריגען קיין ברעקל השפּעה מלמעלה דורך דער בעמיהונג פון יענע צדיקים... מובטחני, אַז השי"ת וועט אונז העלפען, מיר זאָלען דאָס דורכפיהרען על צד היותר טוב...

עס איז געקומען מוצש"ק פאַר ראש־השנה... אונטער דער צייט זיינען אין טראָיצקא־סערגיעוווסק אָנגעקומען נאָך אידען אנשי־שלומו, וואָס האָבען געוואוסט, אַז דער רבי געפינט זיך דאָרט און האָבען געוואָלט זיין ביי איהם אין די הייליגע טעג.

אַ היבשער עולם אידען האָט זיך צונויפגעזאַמעלט אין דעם חדר, וועלכען דער רבי האָט אָפּגעטהיילט פאַר אַ מקום־תפלה... מיט גרויס יראת הכבוד האָט מען געוואַרט, ווען עס וועט ווערען חצות און מען וועט זיך נעהמען זאָגען „סליחות"...

און דער רבי האָט זיך דאַן געפונען אין זיין חדר מיוחד... קיין בן אדם — האָט ער בעפוילען — זאָל ניט אריינקומען. ער האָט דאָרטען געזאָגט „תהלים"...

כּאָטש זיין חדר איז געווען אָפּגעטהיילט פון דעם חדר, וואו דער עולם האָט זיך געפונען, האָבען דאָך אַלע געהערט, ווי דער צדיק סעהרט וועלטען... דער נגון, מיט וועלכען דער רבי האָט געזאָגט דוד המלך'ס ווערטער און די שווערע האַרצרייסענדע זיפצען זיינען געווען אַזוי דורכגעזאַפּט מיט בקשה און תחנונים, אַז יעדען האָבען זיך געשטעלט טרעהרען אין די אויגען.

אָבער פּלוצלונג איז אַלעס ווי מיט אַמאָל אָפּגעהאַקט געוואָרען.

דער נגון האָט אויפגעהערט, די ווערטער האָבן זיך מעהר ניט געהערט, און אַ שווערע שטילקייט האָט געהערשט אין חדר.

ר' דובער, נ"ע, — דעם ליאדיערס עלטערער זוהן — האָט זיך ווי דערשראָקען. איהם האָט זיך געדוכט, אַז מיט דעם רבי'ן, ז"ל, האָט עפּעס געטראָפען. איהר ווייסט דאָך, פון גרויס דבקות קען מען אַמאָל קומען עד כליות הנפש... ווארום, כידוע, איז דאָך די נשמה אַ ניצוץ פון אין־סוף פון דעם אור־הגנוז, און זי זוכט זיך תמיד באהעפטען צו דעם פּלאַץ, פון וואנען זי קומט... און ווען דער צדיק קומט אין דער מדרגה פון התפשטות הגשמיות לגמרי, קען זיך נאָך די נשמה מתחבר זיין צו איהר הייליגען „שרש".

איבערהויפּט זייט דער רבי, ז"ל, האָט דערצעהלט די מעשה פון זיין חבר ר' אברהם הקדוש, דעם מעזריטשערס, ז"ל, זוהן, הנקרא בין חסידי פוילען „ר' אברהמעלע־מלאך", ווי ער איז איינמאָל שיעור ניט געקומען צו כלית הנפש, האָט ר' דובער אדמו"ר האמצעי תמיד נאָכגעקוקט זיין פּאָטער, ער זאָל אויך ניט קומען צו אַזאַ מדרגה...

וכיון דאתי להכא, וויבאַלד איך האַלט שוין דערביי, וועל איך אייך טאַקע דערצעהלען, וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט.

כידוע, האָט ר' אברהמעלע־מלאך געפּראַוועט זיין דאווגען מיט גרויס דבקות און התלהבות. ניט איינמאָל האָט איהם זיין פּאָטער, דער הייליגער מגיד, אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז אַזאַ מין עבודה איז עלול צו ברייננען עד כלית־הנפש... „לא לתהו בראה", אָבער ער איז זיך געגאַנגען זיין וועג...

איינמאָל, ווען ער האָט זיך אָנגעטהאָן רבינו־תם'ס־תפילין, האָבען די אַנוועזענדע בעמערקט, אַז ער איז פּלוצלונג געוואָרען בלייך ווי וואַקס, די אויגען האָט ער פערגלאָצט, זיין גאַנצער גוף האָט זיך גענומען טרייסלען, און באַלד איז ער אומגעפאַלען... אַלע זיינען גע־וואָרען דערשראָקען אויף טויט.

— כאַפּט גיך אַרונטער די תפילין פון איהם! — האָט זיך דערהערט דעם הייליגען מגיד'ס קול...

ווען מען האָט אַזוי געטהאָן, איז ער באַלד געקומען צו זיך.

—והחכמה תחיה! —האָט ר׳ אברהמעלע אויסגערופען. —אבי מורי האָט מיר פערהאַלטען אויף דעם עולם מיט א קלוגער המצאה...

לויט ווי ער האָט נאָכהער דערצעהלט, האָט ער געהאַלטען ביים פסוק „ואהבת את ה׳ אלהיך" — זאָלסט ליעבען דיין גאָט, האָט ער זיך דערמאָנט, וואָס דער זוהר־הקדוש זאָגט, אז מען דאַרף ליעב האָבען קודשא ברוך הוא מיט דערזעלבער ליעבע ווי אברהם אבינו האָט איהם ליעב געהאַט, „ומאן דקאים בהאי אהבה" — און ווער עס קען דערגרייכען צו אזא הויכער מדרגה פון ליעבע צום רבונו של עולם, „אתקשר בעלמא עלאה" — קען ער זיך ממש צונויפבינדען מיט די העכערע וועלטען... בעת מעשה האָט ער געקראָגען אזוי פיעל התלהבות, אז ער האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון התפשטות הגשמיות...

זייט ר׳ דובער האָט די מעשה געהערט, פלעגט ער זיך אָן דעם דערמאָנען יעדעס מאָל, ווען דער רבי, ז״ל, פלעגט זיך צו שטאַרק פאַר־דבקה׳נען. ניט קיין וואונדער, וואָס ער האָט זיך אזוי דערשראָקען, ווען ער האָט דערהערט, אז דער נגון אין רבי׳ס חדר האָט אזוי פּלוצלונג אויפגעהערט.

א ווײַלע איז ער געשטאַנען, און האָט ניט געקענט גומר על דעתו זיין, וואָס צו טהאָן, אָבער ענדליך האָט ער זיך מיט א קלאַפּענדען הארץ געלאָזט צום רבינ׳ס חדר. פּאַמעליך האָט ער די טהיר געעפענט. איז אריין אינוועניג, און — איז געבליבען שטעהן פערגאַפט...

דער גאַנצער חדר איז געווען אָנגעפילט מיט א גרויסער ליכ־טיגקייט, ממש ווי די זון וואָלט דאָרט געשיינט און ארויסגעשטראַהלט פון יעדען ווינקעלע... אין חדר זיינען געזעסען דריי מענשען. אויף זייערע פּנים׳ר איז געווען אויסגעגאָסען אָן אויסערגעוועהנליכע הייליגקייט, און זיי זיינען געווען שקוע במחשבותיהם.

צוויי האָט ער דערקענט. דאָס זיינען געווען: דער איש האלקים ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, ז״י, און זיין אייגענער פאָטער. דעם דריטען דריטען האָט נאָך קיינמאָל ניט געווען...

א ווײַלע איז פאָאיבער אין שווייגען. ענדליך האָט זיך דער דריטער ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף:

— דאָס איז א צו גרויסע פאַרערונג — האָט ער שטיל

ארויסגערעדט — מיר קענען נור זיי העלפען, און אין העכסטען פאַל אן עצה געבען, אָבער בעפוילען, ווי אזוי יענער זאָל דענקען, מיט וועמען ער זאָל שטעהן, און נעגען וועמען ער זאָל ארויסטרעטען — דאָס קענען מיר ניט. די בחירה איז איבערגעגעבען געוואָרען צום מענשען אליין... און כל זמן דער מענש לעבט, איז ער בעל־הבית איבער זיין מח!...

— אָבער רבי — האָט דער ליאַדיער מיט היץ אויסגערופען — איהר קענט זיך דאָך מיט זיי אוים־טענה'ן, זיי זיינען דאָך אייערע תלמידים!...

— דאָס יאָ — האָט דער אַלטער, וועלכער איז געווען ניט קיין אנדערער, ווי דער הייליגער מגיד ממעזריטש, ז"ל, געזאָגט — דאָס זעהסטו, יאָ... אָבער עס שטעהט: „ובחרת"... די ברירה איז ביי זיי...

דער ליאַדיער האָט אראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ. ער האָט דערזעהן, אז קיין תקיפות געהען דאָ ניט... אויב יענע צדיקים זיינען איינגע־שפּאַרט, קען מען ניט העלפען...

— ווייסטו — האָט דער בעל־שם ארויסגערעדט — אויב זיי, וועלכע שטעהען פאַר נאפּאלעאָן, וועלען בלייבען איינגעשפּאַרט, וועסטו מוזען זעהן מיט זיי זיך דורכצומיטלען... פיעלייכט וועט איהר צווישען זיך קומען צו א פשרה... מיר קענען פּאַרלויפיג מיט זיי זיך דורכריידען, און זעהן, ווי עס האלט. אגב איז שוין נאָך „חצות", דער עולם וואַרט דאָרט אויף סליחות...

באותה שעה איז אלעס פערשוואונדען. אין דעם חדר האָט נור געברענט דאָס קליינע ליכטעל, און דער ליאַדיער איז געזעסען דעם קאָפּ מיעף אריינגעבויגען, און פון זיינע אויגען זיינען געפלאָסען גרויסע, ביטערע טרעהרען...

— אבי מורי — האָט ר' דובער ניט מיט זיין קול אויסגערופען — צייט צו געהן צו סליחות!...

דער ליאַדיער האָט זיך פאַמעליך אויפגעהויבען און מיט טרויע־ר־לענדע קניה, האָט ער זיך געלאָזען צום עולם, וועלכער האָט מיט אונגע־דולד געוואַרט אויפ'ן צדיק מען זאָל אָנהויבען זאָגען סליחות...

דער נאָנצער עולם האָט זיך אויפגעשטעלט מיט גרויס יראת־הכבוד. ווען דער רבי איז אריינגעקומען, אין בעגלייטונג פון זיין זוהן, שפּעטער בעוואוסט אלס „דער מיטעלער רבי ר׳ דוב בער.“

אין דעם חדר, וואו היינטיגעס מאָל איז דעם ליאָדיער, ז״ל, אויסגעקומען צו האלטען ראש־השנה ווייט אוועק פון דעם כלל ישראל, האָט געהערשט א שווערע שטילקייט... יעדער האָט געוואוסט און געפיהלט די עת צרה, אין וועלכע ער און צוזאמען מיט איהם כל־ישראל געפינען זיך... אמת, דער שונא — נאפּאָלעאָן, האָט זיך נאָך געפונען ווייט אוועק פון טראָיצקא־סערגיעווסק, וואו די חבורה האָט זיך געפונען, אָבער די סכנה איז נאָך געווען גרעסער ווי פריהער... ווארום וויסען דארפט איהר, אז אָט דער נפש, וועלכער איז עולה־למעלה געווען מיט דער הילף פון דער סטרא־אחרא, ימח שמה, האָט געטריבען די רוסישע חילות אלץ נעהנטער און נעהנטער צו מאָסקווע.

ווען דער ליאָדיער האָט אויף א ווייל בעטראכט דאָס ביסעלע אידען, וואָס זיינען געשטאַנען מיט ציטערניש, און זיינען געווען גרייט אָנצופאנגען די תפלות, האָט ער טרויעריג ארונטערגעלאָזט דעם קאָפּ. האָט ער זיך דערמאָנט אָן דער גרויסער עדה, וואָס פלעגט זיך צונויפקומען דאָרטען אין ליאָדי? האָט ער געטראכט וועגען די פיעלע נסיונות, וואָס זיינען אויסגעפאלען אויף זיין גורל? האָט ער געדענקט וועגען זיינע צאן קדשים, וועלכע זיינען געבליבען אָהן א מנהיג אין רשות פון אָט די פראַנצויזישע חיילות, וואָס האָבען גע־רודפ׳ט אלעם וואָס שמעקט מיט דת און אמונה? ווער ווייס און ווער קען עס זאָגען?!... טרעהרען שטעלען זיך אין די אויגען, ווען מען דערמאָנט זיך אָן יענע צייטען...

— צייט אָנצוהויבען! — האָט דער רבי שטיל ארויסגערעדט און איז אוועק אין א ווינקעל און האָט זיך געשטעלט מיט׳ן פּנים צום וואנד...

איינער פון דער חבורה האָט זיך געשטעלט אלס חזן און האָט אין דער הויך אָנגעהויבען זאָגען „אשרי“... א שרעקליכער הארצרייסענדער געוויין האָט פערהילכט דאָס קליינע פויערשע הייזעל, וועלכעס האָט זוכה געווען, אז דער ליאָדיער צדיק זאָל דאָרטען זאָגען סליחות...

דער עולם האט מיט א צובראכענע הארץ געזאגט די תפלות, און דער רבי אליין איז געשטאנען אין זיין ווינקעל. קיין ווארט האט מען פון זיין פה־הקדוש ניט געהערט... קיין בעוועגונג, קיין ריהר האט מען פון איהם ניט געזעהן, ער איז געשטאנען שטיל, ממש ווי ער וואלט געווען ערגעץ אין אן אנדער־עולם...

עס איז אוועק באלד א שטונדע, דער עולם האט געזאגט די תפלות מיט גרויס כונה, מיט גרויס דבקות, התלהבות און מתיקות, ווי פאר אנשי שלומנו פאסט, נור וואו ער, דער צדיק, האלט, האט מען ניט געקענט וויסען...

נור אט האט מען דערגרייכט דעם „שמע־קולנו". דער חזן האט שוין געוואלט אויסשרייען אין דער הויך דעם ערשטען פסוק. פלוצלונג האט דער רבי זיך א קעהר געטהאן און האט א מאך געטהאן מיט דער האנד, אז מען זאל ווארטען...

אלע זיינען געבליבען שטיל און האבען נור אנגעשטעלט די אויגען אויף איהם, ז"ל. ביי יעדען האט שטארק געקלאפט דאס הארץ. מען האט פערשטאנען, אז עפעס וועט דא פארקומען אזעלכעס, וואס עין לא ראתה...

און עס זיינען קוים איינינע מינוט דורכגעגאנגען, ווי דער גאנצער חדר איז מיט אמאל העל בעלויכטען געווארען. און די ליכטיג־קייט האט זיך אלץ מעהר און מעהר פערשטארקט, ממש כאור החמה שבעתים... די מתפללים האבען ניט געקענט אויסהאלטען די שטארקע ליכטיגקייט און זיינען געווען געצוואונגען צו פערמאכען די אויגען... און אין חדר התפלה האט גענומען בלאזען א פריש ווינטעלע, גלייך ווי די טהירען און פענסטער וואלטען געעפענט געווארען... א ציטערניש האט ארומגעכאפט די מתפללים... כאטש מען האט קיינעם ניט געזעהן, האט מען דאך געפיהלט, אז אימיצער איז אריינגעקומען...

איינינע מינוטען זיינען פערביי אין שווייגען... ענדליך האט דער רבי הויך אויסגערופען...

— חזן מתפלל!... — מען זאל פארטזעצען די סליחות, הייסט עס.

— שמע קולנו — הער זיך איין צו אונזער שטימע — האט

דער חזן אויסגערופען הויך, און אלע האבען מיט גרוים געוויין איהם נאכגעזאגט.

און אז עס איז געקומען צום פסוק: „אל תשליכנו מלפניך, ורוח קדשך אל תקח ממנו“, האט דער ליאדיער, ז"ל, עס ארויסגעזאגט הויך, מיט אזא מין טרויעריג קול, אין וועלכען עס האט זיך געהערט אזוי פיעל בקשה אזוי פיעל צער און דאך האט עס געקלונגען מיט בטחון און דבקות, אז די מתפללים האבען געפיהלט, ווי עס געהט זיי אוים די כחות פון מתיקות...

און דער רבי, ז"ל, האט איבערגעזאגט נאכאמאל און נאכאמאל, און האט שטארק מכון געווען די ווערטער „ורוח קדשך“, און יעדעס מאל, ווען ער האט איבערגעזאגט דעם פסוק, אלץ מעהר און מעהר האט אין זיין קול געקלונגען די בקשה פון רחמים...

און עס האט זיך געדוכט, אז ניט א דערוואקסענער מענש, נור א קליין קינד שטעהט לעבען זיין פאטער און בעט זיך ביי איהם מיט זיין דין קינדערש קול'כעל:— טאטעניו, איך בין דאך דיין קינד, האב מיטלייד מיט מיר! שטראף מיך ניט אזוי שווער איך בעט דיך, טאטעניו, דערוועק אין דיר דיין פאטערליכע ליעבע און העלף מיר!... העלף מיר!...

און דער עולם האט פערגעסען, וואו זיי זיינען און ווער זיי זיינען, נור מיט אפענע מיילער זיינען זיי געשטאנען און צוגעהערט זיך, און יעדען פון זיי האט זיך געוואלט הויך אויסשרייען אין דער הויך: „ר' איד, האט רחמנות אויף אייער קינד!“...

נור אט איז ער, ז"ל, אנטשוויגען געווארען... עס איז אוועק א ווײלע און נאך א ווײלע... אלע שטעהען ווי פערגאפטע... קיינעם עפענט זיך ניט דאס מויל צו זאגען ווייטער... דער חזן שטעהט ביים עמוד, און ווייס ניט וואו ער האלט... און די ליכטיגקייט הויבט אן ביסלעכווייז צו פערשווינדען... דיקע שאטענס נעהמען זיך אויסציהען איבערן חדר. דער קליינער שיין, וואס שטראהלט ארום פון די ברע־נענדע לעמפלעך, ווערט אויך אלץ טונקעלער און טונקעלער. אט נאך א ווײלע און נאך א ווײלע און דאכט זיך, זיי וועלען זיך פערלעשען... און ער, ז"ל, אליין שטעהט און, קענטיג, ער ציטערט... דער גוף טרייסעלט איהם אויף, אזוי ווי ער וואלט געפיהלט א שטארקע קעלט...

מיט אמאל האט דער רבי זיך א קעהר געטהאן און אנגעוויזען דעם חזן מיט דער האנד, ווי איינער זאגט: זאג ווייטער. און מיט א שרעקליכען הארצרייסענדען געשריי האט דער צדיק זיך גענומען צום צווייטען פסוק:

— אל תשליכנו לעת זקנה — פערווארף מיך ניט אויף דער עלטער, ככלות כחנו אל תעזבנו — ווען עס ענדיגען זיך די כחות, פערלאז מיך ניט...

און דער רבי האט עס אויסגעזאגט מיט גאר אן אנדער קול... מען האט געזעהן בחוש, אז דא שטעהט אן אלטער, ארימער איד נעבען טהיר און בעט זיך: לאזט מיך אריין, אין דרויסען איז קאלט, איך געה אין צוריסענע קליידער, הענד און פיס זיינען מיר פערפרא־רען, איך בין הונגעריג... עפענט פאר מיר די טהיר! לאזט זיך מיר כאטש אנווארימען, ווי גאט איז אייך ליעב!...

און די הייליגע ווערטער גיסען זיך פון זיין מויל אהן אן אויפהער, גלייך ווי דארטען שלאפט מען... אדער אין הויז זיצען מענשען מיט פערשטיינערטע הערצער...

און די ווערטער האבען זיך עטליכע מאל איבערגע'חזר'ט יעדעס מאל אלץ שטילער און שטילער, גלייך ווי דער בעטער וואלט געזעהן, אז עס איז אומזיסט זיין בעטען, נור טרעהרען, הייסע טרעהרען גיסען זיך פון די אויגען... טרעהרען אויף דעם אומגליק, און טרעהרען אויף די זינד פון דער מענשהייט.

און דער רבי איז שטיל געווארען. יעדערען האט זיך ממש, דאס הארץ אבגעריסען.

ניך, אפכאפענדיג האט מען דערענדיגט די סליחות... אז מען האט זיך אומגעקוקט, וואו דער רבי איז געשטאנען, האט מען געזעהן ווי די טרעהרען האבען נאס געמאכט זיינע מלבושים און טראפענס האבען געקאפעט אויף דער פאדלאגע...

— דער שונא האט נאך תקיפות! — האט דער רבי ארויס־געָרעדט צו זיינע מקורבים... מיר מוזען זעהן, וואס דער יום דחיל ונורא וועט ברענגען... די סליחות זיינען ניט גאר עולה יפה געווען...

דעמזועלבען מוצאי שבת קודש, ווען דער ליאדיער האט זיך מכין געווען צו געהן זאגען סליחות, איז זיך הרב ר׳ מנחם מנדל רומאנאווער, איינער פון די תלמידי בעל־שם־טוב, געזעסען מיט זיינע חסידים און געפראוועט מלוה־מלכה אויף גאר א געהויבענעם אופן... ממש ווי פאר א אונזעריגען פאסט...

איהר ווייסט דאך מסתמא, אז ביי מלוה־מלכה זאגט דער רבי פאר זיינע חסידים תורה. אויך דער רומאנאווער האט זיך נוהג געווען צו זאגען א דבר חסידות פאר׳ן עולם... און דאן האט ער ערקלעהרט זעהר א טיעפען ענין... עס איז דאך געווען ערב סליחות זאגען, דארף מען דאך דעם עולם מתעורר זיין צו תשובה, האט ער מסתמא גערעדט מענינא דיומא...

פלוצלונג איז ער א ווײלע שטיל געווארען, און טאקע באלד האט ער זיך אפגערופען צו זיינע חסידים כהאי־לשנא...

— און איך בין מיט׳ן ליאדיער ניט מסכים!... נאפאלעאן דארף געווינען די מלחמה, ווארום דעם כלל ישראל וועט דערפון אויס־קומען א ישועה... איהר מוזט אלע מתפלל זיין פאר זיין נצחון... —

און תיכף ומיד איז ער ווידער איבערגעגאנגען צו דער תורה וואס ער האט געזאגט...

באותה שעה האט ר׳ נפתלי ראפשיצער, וועלכער איז אויך געזעסען מיט זיינע חסידים און געפראוועט מלוה־מלכה, גלייך מפסיק געווען זיין למוד החסידות, און האט ניט מיט זיין קול אויסגערופען.

— הייסט דעם קוטשער שפאנען די פערד, איך מוז גלייך פאהרען!...

ביי די חסידים איז געווארען א גרויסע מהומה... יעדער האט פערשטאנען, אז עס איז געשעהן עפעס שלא כדרך הטבע... אבער, אז דער רבי הייסט, איז דאך ניט שייך, לאזען זיך די ראפשיצער חסידים מיט גרויס געלאף אין הויף, און רגע כמימרא זיינען שוין געווען געשפאנט די פערד...

— אויב איך וועל ניט זיין כחצות — צוריק, וועט איהר זאגען סליחות אהן מיר... —

און ער האט זיך אויפגעזעצט אויף דער עגלה... דער קוטשער האט גענומען אנטרייבען די פערד, און באלד איז דער ראפשיצער

פערשוואונדען אין דער פינסטערניש פון זיינע חסידים, וועלכע זיינען געשטאַנען אויפ'ן הויף נבהל ונשתומים...

און גלייך ווי ער איז נאָר ארויסגעפאָהרען הינטער'ן שטאָדט, האָט ער בעפוילען דעם קוטשער אוועקלייגען די לייצעס, און זעצען זיך מיט'ן פנים צו איהם... און די פערד האָבען זיך געלאָזט לויפען מיט גרויס אימפעט... מען האָט נור געזעהן, ווי בוימער, די בערג און טהאָלען לויפען פערביי געשווינדט און פערשווינדען אין הינטערגרונד...

ר' מנחם מנדל רומאַנאָווער האָט קוים פערענדיגט זיין מאמר, ערשט די טהיר האָט זיך ברייט געעפענט, און דער ראָפּשיצער צדיק איז אריין...

— תנו כבוד לתורה! — האָט דער רומאַנאָווער אויסגערופען און האָט זיך געלאָזט מקבל פנים זיין דעם חשוב'ען גאַסט...

נאָכ'ן געבען דעם „שלום-עליכם" האָט דער רומאַנאָווער גאַנץ קאַלטבלוטיג זיך אַ פרעג געטהאָן:

— ראָפּשיצער צדיק, וואָס איז די איילעניש? —

— וכי כלום להתפלל אנו צריכים על נצחונו של נאפּאָלעאָן,— צי דארפען מיר נאָך מתפלל זיין אז נאפּאָלעאָן זאָל מנצח זיין, כדי שתתגבר הכפירה בעולם — אום די כפירה און אפּיקורסות זאָל זיך שטאַרקען אויף דער וועלט? — האָט הרב ר' נפתלי מיט האַסט אויסגערופען...

—ולדעתך —האָט ר' מנחם מענדל איהם געפרעגט —און דו דענקסט דען אז ער וועט ניט מנצח זיין? —

— רומאַנאָווער צדיק! — האָט דער ראָפּשיצער מיט גרויס אויפרעגונג געפרעגט: זאָגט מיר איך בעט אייך, וואָס פאַר אַ זכות האָט נאפּאָלעאָן ער זאָל מנצח זיין. מיט וואָס קענען מיר ערוואַרטען, אז אָט דער אָנגעשטעלטער פון דער סטרא אחרא, וועט ברענגען ישועות פאַר די אידען?... האָבען שוין אחינו בני ישראל אַ סך געקראָגען פון אַזעלכע הבטחות?... בפרט נאָך, אז אָט דער מלך געהט איינ־נעהמען די וועלט, כדי צו פערניכטען דעם דת!... אָה, איהר נעמט אויף זיך אַ צו גרויסע אחריות... —

ר' מנחם מנדל האָט זיך פערטראַכט. ביידע גדולים זיינען א היבשע ווײַלע געשטאַנען שקוע במחשבותם... אין הויז האָט גע־הערשט א שווערע שטילקייט... קיינער פון די חסידים האָט ניט געסמייעט א וואָרט אויסצורעדען... זיי האָבען געזעהן, אז דאָ קומט פאָר א שווערער טיעפער וכוח... און זיי האָבען געוואָרט צו זעהן, וואָס פון דעם וועט אַרויסקומען...

ענדליך האָט מנחם מנדל אַריבערגעפיהרט מיט דער האַנד איבער די אויגען, און האָט שטיל אַרויסגערעדט:

— ער מוז מנצח זיין! און בכלל איז זיין שר אין די הויכע עולמות זעהר שטאַרק!... —

— נו, געוויס! — האָט איהם דער ראָפּשיצער איבערגעשלאָגען, איהר און די איבעריגע תלמידים פון אונזער שיטה, גיבען איהם אזא גרויסע השפעה, מוז ער דאָך זיין שטאַרק... אָבער איך פרעג אייך, ווי אזוי וועט איהר זיך קענען פאַרענטפערען, ווען די אידען וועלען פערלירען זייער גרויסען בטחון, זייער שטאַרקע אמונה, און וועלען דערפאַר אפילו קיין צוגעוואָרפענעם ביינדעל ניט קריגען? —

—איך וויל ניט —האָט ער שטיל פאַרטגעזעצט —איך וויל ניט אייך בעטען אזוי פיעל, דאָס איהר זאָלט זיך שטעלען געגען איהם, נור העלפען איהם, דאָס דאַרפט איהר ניט... ווען אונז וועט געראָטען צו פאַרשטאָפּען אלע צנורות פון דער בוצינא קדישא, דאַן וועט זיין שר ממילא פאַלען...

ר' מנחם מנדל ז"ל האָט אַראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ...

— זעהר א שווערע זאַך בעטסטו ביי מיר... נאָך די סליחות, וועל איך דיר געבען א תשובה...—

— ניין, האָט דער ראָפּשיצער ז"ל ניט נאָכגעלאָזען — איך וויל קריגען אייער הבטחה, אז איהר וועט מקים זיין מיין בקשה גלייך אויפ'ן אָרט...—

— אָה, דער ליאַדיער, דער ליאַדיער! — האָט ער שטיל אַרויסגערעדט. ער האָט דיך ממשיך געווען אויף זיין צד...

—אָבער איהר מוזט דאָך צוגעבען, אז ער איז גערעכט?! — האָט ר' נפתלי ז"ל מיט התלהבות אויסגערופען...

— נו, דאָס ווייס איך ניט... נור גוט! זאָל זיין ווי דו זאָגסט... איך בין דיר מבטיח, אז איך וועל מיך אין דער מחלקה ניט מישען... —

ר׳ נפתלי ראָפּשיצער האָט אויפגעלעבט... מיט גרויס פרייד האָט ער זיך געזעגענט מיט׳ן רומאנאָווער צדיק, און ארויסגעהענדיג, האָט ער מיט חדוה צו זיך אליין געמורמעלט:

— נאָך א צנורת פערשטאָפּט!.. נאָך א צנורת פערשטאָפּט!..

— אָבער דעם ליאָדיער וועל איך מכח דעם ניט מודיע זיין ביז ערב ראש־השנה... זאָל ער דערווייל טהאָן, וואָס ער קען...

און אז מען האָט זיך געדאַרפט שטעלען צו סליחות, איז דער גרויסער ראָפּשיצער צדיק אריינגעקומען צו זיינע חסידים, וועלכע האָבען אויף איהם מיט שרעק און ציטערניש געוואָרט...

— אלעס איז בכי טוב! — האָט ער מודיע געווען, און זיי געהייסען אָנפאַנגען די סליחות...

דער אָנהויב פון סוף

ערב ראש־השנה פאַרנאַכט איז דער ליאַדיער אין בעגלייטונג פון זיינע בני־בית, אַריינגעקומען אין דעם חדר, וואָס מען האָט קובע געווען פאַר א מקום־תפלה. א גאַנץ קליינער עולם איז דאָרטען געווען, אָבער די יעניגע פון אנשי־שלומנו, וואָס האָבען געהאַט די זכיה צו זיין דעם דאָזיגען הייליגען און שרעקליכען יום־טוב מיט'ן צדיק צוזאַמען, זיינען מסתמא מיט צובראָכענע הערצער געזעסען און געזאָגט תהלים וואַרטענדיג, אַז דער רבי זאָל אַריינקומען.

אַלע האָבען מיט גרויס יראת־הכבוד זיך אויפגעשטעלט, ווען ער איז אַריינגעקומען. מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ, מיט שנעלע טריט האָט דער צדיק זיך געלאָזען צו דעם טישעל אין מזרח־וואַנט, וואָס מען האָט פאַר איהם אָנגעגרייט, אַנשטאָט א שטענדער...

די זון האָט זיך גענומען זעצען. פינסטערע שווערע שאָטענס האָבען זיך אָנגעפאַנגען אויסצושפּרייטען איבער דעם קליינעם חדר, וואָס איז געווען בעלויכטען פון א פּאָר חלב'נע ליכטלעך... א שווערע געדריקטע מרה־שחורה איז בעפאַלען די מתפללים. אַנשטאָט, וואָס אנשי־שלומנו פלעגען אַלע מאָל מקבל זיין דעם יום־הדין מיט שמחה, ווייל יעדער איז געווען בטוח, אַז דער „קונה עבדיו בדין" איז דאָך סוף כל סוף אַן „אב חנון ורחום" — א דערבאַרמיגער פאָטער, און וועט זיין פאָלק ישראל, חלילה, ניט פערלאָזען, איז יעצט אַלעמען בעפאַלען א שרעקליכער פּחד... א קלייניגקייט? אַזא עת צרה אויף אידען!.. דער קטרוג איז דאָך, מסתמא גרויס, נו, ווער ווייס, וואָס עס וועט זיין?... טאָמער, לא יעלה ולא יבוא, וועט דער שטן חלילה, מנצח זיין דעם מליץ יושר? נו, שטעלט זיך פאַר, האָט מען שוין געזאָגט די הייליגע טרייסטענדע ווערטער פון אונזער גרויסען דוד המלך מיט א שטאַרק צובראָכענעם געמיטה...

און ער, דער צדיק אַליין, איז געשטאַנען מיט'ן פּנים צו דער וואַנט, און קיין קול, קיין וואָרט האָט מען פון זיין פּה הקדוש ניט

נעהערט... אפילו קיין ריהר, קיין סמן פון בעוועגען זיך האט מען נים געקענט בעמערקען...

די זון איז פערגאנגען... די שאטענס, וואס האבען זיך אויס־געשפרייט אין חדר, זיינען אלץ גרעסער און גרעסער געווארען... די קליינע חלב'נע ליכטלעך האבען זיך געשמאלצען און געצאנקט... די אימה און דער פחד אין די הערצער פון די אנוועזענדע איז געווארען אלץ גרעסער, אלץ שטארקער... נים ווילענדיג האט דער עולם אנגע־פאנגען צו וויינען אויפ'ן קול, און ביסלעכווייז איז דער מקום־תפלה פערוואנדעלט געווארען אין א שרעקליכען הארצרייסענדען עמק־הבכא... אלטע בכבוד'יגע אידען, וועלכע זיינען תמיד געווען מלא שמחה, דצה וחדוה, האבען געקלאגט ווי קליינע קינדער, וועלכע ווערען געשלאגען פאר זייער שטיפען...

עס איז אוועק א שעה, א צווייטע, און קיינער האט זיך נים דערמאנט, אז עס איז שוין צייט צו דאוונען מעריב, אז מען דארף שוין אנהויבען עפעס צו טהאן אין דעם גרויסען שווערען משפט, וואס הויבט זיך אן...

דער צדיק איז נאך אלץ געשטאנען שקוע במחשבותיו... ער האט געמאכט אלע הכנות פאר דער תפלה וואס דארף זיך אנהויבען... ענדליך האט ער זיך אומגעקעהרט צום עולם מיט'ן פנים און האט בעפוילען, מען זאל זיך שטעלען דאוונען. אלע האבען זיך אומגעקוקט, און האבען דערזעהן, ווי פון זיינע אויגען גיסען זיך גרויסע טראפענס טרעהרען... און זיין גאנצער קערפער ציטערט... אויף זיין פנים איז געווען אויסגעגאסען א גאנצע וועלט מיט ליידען...

ביים אנבליק פון רבי'ן האבען אלע אויפגעציטערט. יעדער האט געקענט בעמערקען, וואס פאר שווערע שרעקליכע ענוים דער גדול־הדור מאכט דורך... ממש א שטיק הארץ האט יעדען זיך אפגע־ריסען...

— היינט וועט דאוונען פאר'ן עמוד ר' ישראל קאזיק — האט דער רבי שטיל געזאגט...

און אז דער רבי הייסט, איז דאך נים שייך... ר' ישראל

קאזיק, דעם רבינ'ס שוואָגער, האָט זיך געשטעלט ביים עמוד און האָט אָנגעפאַנגען די תפלות...

און כאָטש ר' ישראל קאזיק האָט קיינמאָל פאַר'ן עמוד ניט געדאַווענט, ווייל ער האָט קיין כלי נגינה ניט געהאַט, האָט ער דאָך דיעזען מאָל געזאָגט די תפלות מיט אַזאַ מין מתיקות, אַז ממש די כחות זיינען אויסגעגאַנגען...

און דער רבי האָט געדאַווענט הויך אויפ'ן קול... יעדעס וואָרט האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט גרויס התלהבות, מיט גרויס דבקות, האָט געפּאַטש מיט די הענד, האָט זיך געוואָרפען אויף אַלע זייטען, און געזאָגט האָט ער די תפלות אין אַזאַ תרעומות'דיגען טאָן, גלייך ווי ער וואָלט זיך אויס-טענה'ן מיט דעם רבונו דעלמא כולא...

פּלוצלונג איז דער רבי שטיל געבליבען... אַלע זיינען געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און האָבען געוואַרט... כאָטש קיין לאַנגע צייט האָט דער רבי דאָס מאָל די מתפּללים ניט פאַרהאַלטען, האָט זיך דאָך יעדען געדוכט, אַז עס פערלויפט אַ גאַנצע אייביגקייט. יעדע סעקונדע האָט זיך געצויגען ווי שטונדען. מען האָט געפיהלט, אַז יעצט איז דער רבי גאָר אין אַנדערע עולמות, וואו עס ווערט בעשלאָסען דער עתיד פון כלל-ישראל און אויך פון דער גאַנצער וועלט...

ענדליך האָט זיך דער רבי ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף און האָט ווידער זיך גענומען צו די תפלות... נור עס האָט אויסגעזעהן, ווי ער וואָלט גאָר אַן אַנדערער געוואָרען... די ווערטער, וואָס האָבען זיך געשאָטען פון זיין פה הקדוש, האָבען געקלונגען מיט אַזוי פיעל שמחה, מיט אַזאַ מין מתיקות, אַז מען האָט פּשוט געפיהלט, אַז ישועה קרובה לבוא... אַלע האָבען ווי אויפגעלעבט... אַ נייע נשמה האָט דער צדיק זיי אַלעמען אַריינגעזעצט...

כאָטש קיינער האָט ניט געוואוסט, וואָס אַזוינס האָט פּאַסירט, וואָס פאַר אַ שנוי לטובה דער רבי האָט בעמערקט, אָבער דאָך זיינען אַלע געוועזען בטוח, אַז עס וועט זיין בכי טוב...

די צווייטע העלפט תפלות איז שוין געגאַנגען אויף גאָר אַן אַנדער נוסח... עפּעס האָט מען זיך צוריקגעקעהרט אויף דעם אַלטען שטיינער

פון עבודה... אמת, אין דער גרויסער שמונה־עשרה, וואו מען איז מודיע דער וועלט, אז השם יתברך, איז לובש בבגדי דין, און ער ווערט כביכול בבחינת מלך יושב על כסא משפט, האבען זיך אנשי־שלומנו אלע מאל נוהג געווען צו פערגיסען דמעות שליש, אבער די טרעהרען זיינען שוין גאר אנדערע געווען... עס זיינען ניט געווען קיין טרעהרען אויף א גוטען צעטעל, דאס זיינען געווען די טרעהרען, וואס חסידים פערגיסען על גלות השכינה... טרעהרען מיט א בקשה אויף התגלות האלהות דורך די גאולה רוחניות... דאס זיינען געווען טרעהרען, וואס בעטען זיך ביי דעם אדון כל, ער זאל ברייננגען די וועלט צו דער מדרגה פון „ויראוך כל המעשים" — זאלען אלע פאר דיר מורא האבען... און דוקא א מורא מתוך אהבה... ניט ווי א קנעכט האט מורא פאר זיין האר, נור ווי א גוט ליעב קינד, האט דרך ארץ און מורא פאר זיין טאטען... „וישתחוו לפניך כל הברואים" — זיי זאלען זיך בוקען פאר דיר אלע בעשעפענישען — ווינט דער חסיד... און טאקע מלוך על כל העולם כלו בכבודך, קעניג איבער דער גאנצער וועלט... זאל די וועלט דיך אנערקענען און זעהן דיין גרויסקייט... שיק זיי אריין א יכולת, זיי זאלען דיך קענען בענעהמען און פער־שטעהן... און והופע בהדר גאון עוזיך... — שיין פאר דער גאנצער וועלט מיט דיין אמת'ען פראכט און מאכט... וכדומה נאך אזעלכע זאכען אויף וועלכע אן אמת'ר חסיד ווינט ראש השנה ביינאכט... און די טרעהרען זיינען דמעות מתוך אהבה, מתוך יראה...

און אז מען האט שוין געענדיגט דאוונען מעריב, האט דער רבי צוגערופען צו זיך זיינע מקורבים און האט זיי געזאגט כהאי לשנא:

— כאטש קיין גרוים שנוי לטוב איז נאך לפי שעה ניט פארגעקומען, נור אז אזא גרויסע השפעה ווי פון ר' מנחם מנדל רומא־נאווער איז פון נאפאלעאנען פערמיעדען געווארען, דאס אליין איז פאר מיר די גרעסטע בשורה טובה... ר' נפתלי ראפשיצער האט עס מיר היינט מגלה געווען... אם ירצה השם מארגען וועלען מיר זעהן, וואס עס וועט ווייטער זיין... נור כפי הנראה, הויבט זיך שוין אן די מפלה פון דעם שטן...

דער לובלינער פערשפיעלט

ראש השנה פאר תקיעות... דער גרויסער עולם חסידים איז געשטאַנען אין שוהל, און מיט גרויס אימה פאַר דעם יושב על כסא־משפט און מיט גרויס יראת הכבוד פאַר דעם גרויסען צדיק ר׳ יעקב יצחק מלובלין, ז״ל, איינער פון תלמידי שיטת בעל־שם־טוב, וואָס האָט מפיץ געווען די לעהרע פון חסידות צווישען אנשי פוילען, האָבען אַלע געוואַרט, מען זאָל אָנהויבען די תקיעות...

און געוואוסט האָט מען, אַז ער, דער „לובלינער", ז״ל, איז ממש מרעיש־עולם מיט זיינע שברים און תרועות... ווען ער זאָגט דעם „יהי־רצון", איז ער עולה אין די היכלות העליונים און איז דאַן בבחינת „צדיק גוזר והקב״ה מקיים" — דאָס הייסט, אַז ער קען אַלעס אויספיהרען...

עס איז אַוועק אַ היבשע ווײַלע, און דער לובלינער, ז״ל, זעהט זיך נאָך ניט. ער איז דאָך אַוועק זיך טובל זיין, איידער ער וועט אָנפאַנגען די עבודה פון תקיעות שופר... אָבער תמיד פלעגט עס איהם נעהמען אַ האַלבע שעה, דריי פיערטעל שעה, און דאָ איז אַוועק אַ שעה, אַ צווייטע — און ער איז נאָך ניט צוריקגעקומען.

דער עולם ווערט אומרוהיג. מען קוקט זיך איבער איינער מיט דעם אַנדערען און מען שאָקעלט מיט'ן קאָפּ. מען פערשטעהט, אַז, מסתמא, איז דאָרטען אויבען עפּעס אַזעלכעס, וואָס מען דאַרף זיך שטאַרק שטעלען קעגען דעם. אַנדערע קריגען אַ הרהור תשובה אפילו אויף חטאים, וואָס מען וויים ניט צי מען איז לגמרי בעגאַנגען... אַנדערע נעהמען זיך דערווייל צו תהלים און מען זאָגט געשמאַק די ווערטער...

ערשט ווען עס זיינען פערלאָפען איבער צוויי שעה, איז דער לובלינער צדיק אַריינגעקומען... זיין קאָפּ האָט ער געהאַלטען איינגע־בויגען, די ליכטיגע אויגען, וואָס האָבען תמיד געשיינט מיט אהבה און חמלה צו דער גאַנצער וועלט, האָט ער געהאַלטען געווענדעט צו דער ערד, און זיין קערפּער האָט איהם אָפּט אויפגעטרייסעלט...

די חסידים האבען זיך דערשראקען. זיי האבען געזעהן בחוש, אז מסתמא איז שוין היינט דארטען אין די עולמות העליונים ניט גאר מהודר'דיג...

— מסתמא א גרויסער קטרוג אויף דעם פאלק ישראל! — האבען זיך אלע געקלעהרט... — א קליינינגקייט היינטיגעס־יאהר!.. עס איז דאך א עת מלחמה!...

פאמעליך האט דער לובלינער צדיק ר' יעקב־יצחק זיך גענומען אנטהאן זיין קיטעל... די הענד האבען איהם בשעת־מעשה שטארק געציטערט... און מיט דעם קאפ האט ער געשאקעלט, ווי קענטיג, ער האט א ויכוח מיט אימיצען, און האלט זיך ביי דאס זייניגע, און זאגט, אז ער וועט ניט נאכגעבען...

אנגעטהאן זיך דעם טלית, מיט דער גרויסער זילבערנער עטרה, האט ער זיך מיט געלאסענע טריט געלאזט צום בעלעמער אנצופאנגען דעם סדר התקיעות...

פון אנפאנג איז אלעס געגאנגען, ווי עס געהער צו זיין... מען האט געזאגט זיעבען מאל דעם „למנצח", מען האט נאכגעזאגט די פסוקים „קרע־שטן", דער לובלינער, ז"י, האט געמאכט די ברכות, און האט זיך גענומען צום שופר...

— תקיעה! — האט דעם צדיק'ס פארזאגער אויסגערופען.

דער לובלינער, ז"ל, האט געוואלט ארויסלאזען די תקיעה, אבער ניט פון ארט... דער שופר האט זיך איינגע'עקשנ'ט און שווייגט. דער צדיק פרובירט נאכאמאל און נאכאמאל, אבער עס געהט ניט... און דא האלט דער פארזאגער אין איין שרייען :: „תקיעה", „תקיעה"...

פלוצלונג האט דער לובלינער אוועקגעלעגט דעם שופר אויפ'ן טיש פון בעלעמער, האט אריבערגעצויגען דעם טלית העט אריבער איבער'ן קאפ און איז שטיל געווארען...

אלע מתפללים זיינען געבליבען ווי פערשטיינערט, נור דאס הארץ אינוועניג קלאפט ווי מיט האמערס... יעדער איינער זעהט און פיהלט, אז דא קומט פאר זאכען, וואס זיינען העכער פון שכל... אבער וואס אזוינס איז געשעהן, ווייס קיינער ניט...

און דער צדיק, ז"ל, האָט דערווייל בעקומען עלית נשמה...
ער האָט זיך אוועקגעלאָזען אין היכל הפנימי אויסצוגעפינען, וואָס איז דער עכוב אזוי שטארק דעם יאָהר... און נאָך מעהר איז ער געווען פערוואונדערט, ווייל ער האָט בעת טבילה געזעהן, אז קיין גרויסער קטרוג אויף אידען איז דאָס יאָהר נישטאָ... ווארום, עס איז דאָך, כידוע, געווען א יאָהר פון צרות, נאַפּאָלעאָן האָט דאָך געהאַט פערנומען גאַנץ פּוילען, און די אידען האָבען ניט געוואוסט, צו עס וועט זיין לטובה פאַר זיי דער שנוי אין דער מלכות, האָבען זיי דאָס גאַנצע יאָהר חוזר בתשובה געווען, טאָ פארוואָס זאָל זיין אזא עכוב אין תקיעת שופר?...

— היתכן?... האָט ער זיך געקלעהרט, וואָס איז דאָ גע־שעהן?.. מען מוז עס אויסגעפינען!.. צי דען האָט דער „ליטוואַק", וועלכער האָט מיט מיר איינגעטענה'ט, איך זאָל איבערגעהן אויף זיין צד, מיר אזא „שפּיצעל" אָפּגעטהאָן?...

און אַז ער איז דאָרטען געקומען, האָט ער דעם ערשטען געטראָפען דעם מעזריטשער מגיד.

— וואָס איז געשעהן? — האָט ער גיך א פרעג געטהאָן.

דער מעזריטשער האָט א שמייכעל געטהאָן...

— דו האָסט בעת טבילה געהאַלטען אין דיין מחשבה צו די תקיעות זיך איינשטעלען פאַר נאַפּאָלעאָנען, און דער „ליטוואַק" וויל עס ניט ליידען.

— אָבער איך האָב פערשטאַנען, אז דאָ האַנדעלט זיך וועגען דעם, וואָס דער ליאַדיער שטעהט געגען נאַפּאָלעאָן, וועלכער איז נור אויסען צו ברענגען גוטעס בעד כלל ישראל. אָט האָט ער פערנומען ארצות פּוילען, בעגעהט ער זיך דען מיט די אידען שלעכט? מה רעש? וואָס וויל ער דער ליטוואַק?...

— אָבער דער ליאַדיער האַלט, אַז דאָס פערבעסערען פון דעם מצב האומה וועט ניט ברענגען אזא טובה, ווי עס קען ברענגען א רעה צו דעם דת...

— יעדער איינער האט רעכט צו דענקען, ווי ער וויל — האט רער לובלינער אויסגערופען. איך בלייב פעסט ביי דאס מיינינג. נאפאלעאן מוז און וועט גובר זיין...

באותה שעה, האט דער ליאדיער צדיק אדמו"ר ר' שניאור זלמן זיך גענומען צו דער עבודה פון „מוסף". מיט גרויס התלהבות און דבקות האט ער זיך גענומען זאגען די הייליגע תפלות... און דערביי האט ער ממש געארבייט מעשים... ער האט געפאטשט מיט די הענד, זיך געווארפען אויף אלע זייטען... האט געקלאפט דעם קאפ אן דער וואנד, און די יחידי סגולה, וואס האבען זיך דאן געפונען אין טראיצקא־סערגיעווסק, וואו דער רבי, ז"ל, איז פערוואגעלט געווארען, האבען נאכהער דערצעהלט, אז קיינמאל האט ער אזא התלהבות ניט ארויס־געוויזען בשעת התפלה...

— הערסט, מיט וואס פאר א צובראכען הארץ דער „ליטוואק" בעט אויף נאפאלעאנ'ס מפלה? — האט דער הייליגער מגיד א פרעג געטהאן דעם „לובלינער".

— איך וויל צו אלעם ערשטען משלים זיין דעם סדר התקיעות — האט דער לובלינער צדיק ארויסגערעדט... — ניט יעצט איז די צייט פאר ויכוחים... איך וויים, אז פיעלע מפיצי התורה דחסידות זיינען אויף זיין צד, אבער זיי ווייסען ניט אדער ווילען ניט וויסען, אז אידען האבען שוין געליטען די והותר... און אויב עס איז נאך ניט באה שעתה של גאולה... טא זאל זיין א ישועה לפי שעה...

— דאס קען ניט זיין! — האט דער מעזריטשער קאלט ארויסגערעדט... — דו מיט דיין עקשנות האסטו נור געהאלפען נאפאלעאנען ער זאל איינגעהמען מאסקווע... אבער אין דער צייט, וואס דו האסט זיך מעכב געווען אין די תקיעות איז נגזר געווארען, אז נאפאלעאן זאל די מלחמה פערלירען...

און אז דער לובלינער איז צוריק אויפ'ן עולם השפל אראפ, האט ער שוין ניט געהאט ברעה משפיע צו זיין אויף נאפאלעאנען, און דאן זיינען די תקיעות געגאנגען כנהוג...

און אחר־התפלה האָט דער ליאַדיער, ז״ל, צונערופען זיינע מקורבים און האָט זיי געזאָגט כהאי לשנא: *)

— היינט בעת מיין תפלה, האָב איך געזעהן, אז דאָרטען אויבען איז געוואָרען א שנוי לטוב... אונזערע וועלען בייקומען!... ער, דער שונא, וועט טאַקע פערנעמען מאָסקווע, אָבער קיין תקומה וועט ער נים האָבען... ורוח והצלה יעמוד לנו... כן נכתב למעלה היום — אזוי, הייסט עס, האָט מען דאָרטען אין די עולמות העליונים אַנגעשריבען...

מיט גרויס שמחה האָבען אנשי ביתו אויפגענומען די גרויסע בשורה, און צום ערשטען מאָל נאָכ׳ן פערלאָזען זייער שטאָדט —ליאַדי, האָבען זיי געגעסען און געטרונקען בכי טוב, און צום ערשטען מאָל האָבען זיי זיך ריכטיג משמח געווען...

*) די ווערטער ווערען געבראַכט אין אַ בריעף וואָס דעם ליאַדיער׳ס זוהן ר׳ דובער, שפּעטער בעוואוסט אַלס דער „מיטעלער־רבי״, האָט געשריבען צו ר׳ משה ז״ל, מווילנא.

א ווייטער קוק

כאטש דער רבי ז"ל האט נאך געדענקט אריבערצושטעהן אין טראיצקא־סערגיעווסק אויך יום כפור, האט ער אבער נאך ראש השנה געמוזט זיין פלאן ענדערען.

געווען איז עס אויף מארגען נאך ראש־השנה צום־גדליהו. דער רבי ז"ל האט זיך דעם גאנצען טאג עוסק געווען בתורה ועבודה... איהר ווייסט דאך מסתמא, אז אין דיעזען טאג דארף מען מתקן זיין א סך פגימות... דער גאנצער תענית איז דאך כדי לתקן את הפגם, וואס בני דורו של גדליהו האבען געמאכט...

געווען איז עס שוין פארנאכט. דער רבי האט אקארשט גע־ענדיגט תפילת מנחה און האט שוין געוואלט אנהויבען תפילת־ערבית, ווארום, וויסען דארפט איהר, אז די עבודה פון מנחה פלעגט ביי איהם ז"ל נעהמען זעהר לאנג, און ס'איז שוין געווען צייט צו דאווענען מעריב.

פלוצלונג האט, דער רבי אויסגעציטערט... ער האט דערזעהן א גאסט אויף וועלכען ער האט זיך גאר ניט געריכט... דאס איז געווען זיין חבר אין „נגלה" און רבי אין „נסתר" הרב הקדוש בעוואוסט צווישען די חסידים פון פוילען מיט'ן נאמען „ר' אברהמ'על מלאך" ז"ל...

כידוע האט ער דעם נאמען „מלאך" געקראגען דערפאר, וואס ער האט זיך לגמרי אויסגעטהאן פון אלע גשמיות'דיגע זאכען. על פי חסידות האט עס געהייסען, אז ער האט דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון התפשטות הגשמיות, און דערפאר איז ער בבחינת „מלאך"... אבער מיט דעם „ליאדיער" ז"ל איז ער געווען ניט גאר שוה־בשוה משום מעשה שהיה... בעת דיביידע עמודי התורה האבען צוזאמען געלערנט, האט דער ליאדיער ז"ל, זיך ערלויבט אריינצובריינגען אין דעם חדר, וואו זיי האבען געלערנט א דבר אוכל, ווייל דער רבי ז"ל האט א גאנצען טאג ניט געגעסען. ווען זיין חבר ר' אברהמעלע מלאך

האָט דאָס דערזעהן, האָט ער אויפגעהערט מיט איהם צו לערנען צוזאַמען.

— אז ער האָט געקענט אריינברייננגען אין מיין גן־עדן א דבר גשמי, ווייל איך ניט לערנען מעהר מיט איהם צוזאמען — האָט ער ערקלעהרט צו זיין פאָטער, רבינו הגדול המגיד ממעזריטש, ווען ער האָט איהם געפרעגט, פאַרוואָס ער האָט פאראיבעל אויף זיין חבר.

און כאָטש בפקודת הרב המגיד ממעזריטש, האָבען זיי ווידער־צוזאמען געלערענט, און אחר פטירת המגיד, איז דער ליאדיער ז״ל נאָך פאַרבליבען מיט ר׳ אברהמעלע מלאך איבער א יאָהר און געלערנט פון איהם נסתר, דאָך האָט המלאך הקדוש זיך צו איהם ניט געוויזען די גאַנצע צייט, וואָס דער ליאדיער ז״ל איז געווען א שרוי בצער... ער האָט ניט געקענט פערגעסען, וואָס זיין חבר האָט איהם דאָן געטהאָן.

ווי איבעראַשט איז ער געוואָרען, ווען ער האָט איהם דערזעהן. ער איז מיט גרויס האַסט אויפגעשטאַנען און האָט איהם דערלאַנגט שלום־עליכם.

— איך וויל נור דיר פרעגען — האָט דער „מלאך" איהם געזאָגט — נאָכדעם ווי ער האָט מושיב שלום געווען — האָסט שוין פאַרענדיגט אינגאַנצען דיין קליינעם גרויסען ספר?... (דאָס האָט ער געמיינט דעם „תניא").

דער רבי האָט זיך פאַרקלעהרט. די שאלה איז געווען פאַר איהם א גרויסע חידה. —

— נו, יאָ! — האָט ער פאָרטגעזעצט — דאָס איז א קונץ. אריינשטעלען אזא גרויסען גאָט אין אזא קליינעם ספר׳ל דארף מען קענען!.. —

דער רבי האָט אויפגעלעבט. מיט גרויס פרייד האָט ער איהם אָנגעכאַפּט פאַר׳ן האַנד...

— אָט דאָס פאַרשטעהסטו איז דער פשט פון צדיק ה׳ בכל דרכיו. הקב״ה צדיק למעלה און ר׳ שניאור זלמן צדיק למטה... גאָט, הייסט עס, איז א צדיק אין דער הויך, און ר׳ שניאור זלמן איז א צדיק אויף דער וועלט... —

ערשט יעצט האָט דער רבי ז"ל פערשטאַנען, אז דער חבר זיינער איז איהם מוחל במחילה גמורה פאר דעם, וואָס ער האָט איהם אמאָל מצער געווען... ער האָט ממש אויפגעלעבט, אין זיין פנים איז פערשוואונדען יעדען שיין פון עצבות, וואָס די נסיעה האָט איהם געבראַכט.

— אָבער אידען וועלען בלייבען אידען! — האָט דער רבי ז"ל מיט'ן גאַנצען כח אויסגעשריען — נאַפּאָלעאָן האָט די מלחמה פארשפּיעלט...—

— אָבער גאָר גלאַט וועט דיר דער נצחון ניט אָנקומען — האָט הרב ר' אברהמעלע מלאך אויסגערופען.

—איך בין מוכן ומזומן צו בעצאָהלען מיט אַלעם! — האָט דער ליאַדיער מיט זיין גאַנצען הארצען געזאָגט. — אפילו מיט מיין עולם הבא. אפילו מיט דעם גן עדן. איך דאַרף ניט גאָט'ס גן עדן. איך וויל ניט זיין עולם הבא, איך וויל נור איהם אליין!...*)

דער חבר זיינער האָט א שמייכעל געטהאָן.

— יאָ, איך האָב זיך ניט מיט דיר וואָס צו שעהמען אויף יענעם עולם — האָט ער מיט צופרידענהייט אויסגערופען. כל זמן דו האָסט זיך געפונען לעבען פעסעל, און דער צאַפּען איז געוועזען אָפען, האָסטו געצאַפּט... מיר דוכט, אז דו האָסט די גערדיכטע אינגאַנצען ארויסגענומען... וואָס איז געווען — איז געווען. דערוויל זאָלסטו וויסען, אז נאַפּאָלעאָן דערנעהנטערט זיך צו דיר מיט זיין גאַנצען חיל, און פערבלייבען דאָ, איז א גרויסע סכנה. איך וואָלט דיר געראַטען זאָלסט עוקר זיין פון דאַנען. געדענק, אז גרינג וועט דיר דער נצחון ניט אראָפּ!...

און ער איז פערשוואונדען.

א היבשע ווייִלע איז דער „ליאַדיער" געזעסען שקוע במחשבותיו. ער האָט מיט זיין ליכטיגער ראיה געזעהן, אז די וואָרנונג, וואָס זיין

---

*) דיעזע ווערטער, זאָגען חסידים, האָט דערצעהלט דער צמח־צדק, ז"ל, אין נאָמען פון זיין זיידען דעם בעל־התניא.

חבר האָט איהם געגעבען, איז ניט קיין אומזיסטע, און ער וועט פאַר זיין עקשנות שטאַרק בעצאָהלען...

ענדליך האָט ער זיך פאַמעליך אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ, און געלאָזט זיך צו זיינע בני־ביתו.

— מיר מוזען פון דאַנען עוקר זיין — האָט ער זיי שטיל ערקלעהרט — זייט זיך מכין צו דער נסיעה!

אַלע זיינען שוין געווען געוואוינט צו אַזעלכע בעפעהלען. מען האָט גלייך צונויפגעפּאַקט די עטליכע קלומקעס, וואָס זיי האָבען מיט זיך געהאַט, און בעקומענדיג וועגענער פון גראַף טאָלסטאָי, האָבען זיי זיך געלאָזט אין וועג אריין.

די נסיעה איז זיי גאַנץ שווער געפאַלען. די נאַכט איז געווען אַ פינסטערע און אַ קאַלטע, שווערע וואָלקענס האָבען דעם הימעל בעדעקט און אַ שניידענדער ווינט האָט דורכגענומען יעדענס ביינער... יעדער איינער איז געזעסען פערטיעפט אין זיינע מחשבות... די שטענדיגע נסיעות האָבען זיי אויסגעמאַטערט. כאָטש קיין שטאַרקע עצבות האָט קיינער צו זיך ניט דערלאָזען, אָבער דאָך איז יעדערען געווען שווער אויפ'ן הארצען.

— אַזאַ לאַנגע צייט, ווי מען שלעפּט זיך פון איין אָרט צום אנדערען, און השם יתברך ווייס, ווי לאַנג מען וועט נאָך דאַרפען אַזוי נע ונד זיין — האָט יעדער ביי זיך געקלעהרט.

אָבער גאָר אנדערע מחשבות האָבען דעם רבי'ן ז"ל בעהערשט. ער האָט עטליכע מאָהל דורכגעטראַכט דעם שמועס, וואָס זיין חבר ר' אברהם הקדוש והטהור האָט מיט איהם גערעדט. קיין זאַך האָט איהם ניט אַזוי געאַרט, ווי די שאלה, צי ער האָט שוין זיין „תניא" פערענדיגט...

— צי האָט ער מיר ניט געגעבען אָנצוהערעניש, אַז איך האָב שוין מיין ארבייט אויף דעם עולם השפל אָפּגעטהאָן?... דאַכט זיך, דעם „תניא" האָב איך שוין לאַנג, לאַנג פערענדיגט, ער ווייסט עס דאָך געוויס!.. טאָ וואָס זאָל די שאלה בעדייטען? —

וואָס ווייטער און ווייטער איז איהם אַלץ קלאָהרער געוואָרען, אַז דיזע שאלה איז אַ שטאַרקע אָנצוהערעניש... אָבער דאָך האָט איהם

זעהר שטארק הנאה געטהאָן, וואָס דער חבר זיינער האָט זיך צו איהם באוויזען. ערשטענס, האָט ער איהם אזוי לאַנג ניט געזעהן, און צווייטענס, האָט ער איהם געוויזען, אז ער האָט איהם מוחל געווען אויף זיין פעהלער, וואָס ער איז בעגאַנגען...

א גאַנצע נאכט האָט זיך די חבורה געשלעפּט אויף דעם שווערען וועג...

— מיר וועלען פאָהרען קיין יוריעוו, וואָס געפינט זיך זיבעציג ווירסט פון וולאדימיר, — האָט דער רבי ערקלעהרט צו זיינע מקורבים — דאָרטען וועלען מיר שטעהען שבת־שובה, און דאַן וועלען מיר פאָהרען קיין וולאדימיר, וואו מיר וועלען א״יה פערברייינגען יום־כפּור.

„שבת־שובה", האָבען זיי געהאַלטען אין יוריעוו און אויף מאָרגען זיינען זיי אָפּגעפאָהרען קיין וולאדימיר.

— דאָ וועלען מיר זיך אָפּשטעלען אויף איבער יום כפּור — האָט דער רבי געזאָגט — ווארום, כאָטש די מלחמה מיט נאפּאָלעאָנען האָבען מיר בעזרת השי״ת געוואונען, און ער איז נדון געוואָרען לכליה, דאָך האָבען מיר דיעזען יום־כפּור זעהר פיעל דורך צו מאכען. מיין חבר ר׳ אברהם, האָט עס מיר צעוויסען געגעבען...

די חבורה האָט זיך איינגעאָרדענט אין א הויז, וואָס זיי האָבען געדונגען ביי א פּויער, און האָבען אָנגעפאַנגען זיך צו גרייטען צו דעם קומענדען יום־הדין.

אויף מאָרגען אין דערפריה, ווען דער רבי האָט זיך אקאָרשט געשטעלט דאַווענען און האָט קוים אָנגעטהאָן טלית ותפילין, ערשט, עס האָט זיך דערהערט א גוואַלדיגער טומעל אין דרויסען, דעם רבינ׳ס ז״ל עלטערער זוהן ר׳ דובער איז גיך אַרויסגעלאָפען זעהן, וואָס עס טומעלט זיך אזוי, און ער האָט בעמערקט, ווי גאַנצע מחנות רוסישע חילות לויפען אָהן אָרדנונג, די אָפיציערען לויפען נאָך זיי און די צומישונג אין זייערע רייהען איז אַן אויסערגעוועהנליכע. אדמו״ר ר׳ דוב׳ער האָט פערשטאַנען, אז עפּעס שרעקליכעס האָט פּאַסירט... מיט גרויס מיה און מאַטערניש איז איהם געלונגען צו דערשלאָגען זיך צו איינעם פון די אנשי חיל, און אויספרעגען, וואָס איז דאָס אזא מהומה אין מיטען דרינען.

— מאָסקווע איז גענומען געוואָרען! — האָט יענער איהם געזאָגט. ניט טויט ניט לעבעדיג איז ער אריינגעלאָפען צוריק אין הויז אריין, און איז צוגעלאָפען צו זיין פאָטער דעם רבי'ן ז"ל, און האָט גאָר זיינע כחות אויסגעשריען:

— אבי מורי, דו האָסט אונז מבטיח געווען, אז נאַפּאָלעאָן וועט פערניכטעט ווערען, און זעהסטו, אָט האָט מען מיר איבער־געגעבען, אז מאָסקווע איז געפאַלען...—

אָבער דער ליאדיער ז"ל האָט נור אַ שמייכעל געטהאָן.

— דאָס איז זיין לעצטער געווינס! — ער האָט גענומען מאָסקווע מיט'ן לובלינער'ס כח... אָבער אָט אזוי ווי דו זעהסט מיך יעצט אין טלית ותפילין, און דו ווייסט דאָך, אז איך האָב אין מיין לעבען קיין שקר ניט געזאָגט, זאָג איך דיר, אז מעהר וועט נאַפּאָלעאָן קיין תקומה ניט האָבען... יעצט האָט ער מעהר קיין ברעקעל השפעה פון די צנורות דלעילא... מעהר פון זיינע נצחונות וועלען מיר שוין איהם ניט הערען... אלעס איז שוין בבחינת טוב... —

און ער האָט זיך גענומען צו דער עבודה מיט שמחה און התלהבות... דער שטענדיגער צער, וואָס איז אויף זיין פּנים געלעגען די גאַנצע צייט, זייט זיי האָבען עוקר געווען פון ליאדי, איז פער־שוואונדען. אויף דעם רבי'ן איז געוועזען אויסגעגאָסען אַ ים פון חדוה און פון שמחה...

אַ לענגערע צייט איז פערגאַנגען. דער רבי ז"ל איז געשטאַנען מיט'ן פּנים צום וואַנט און האָט זיך עוסק געווען אין תפלה, פּלוצלונג האָט ער אויפגעציטערט מיט'ן גאַנצען גוף און האָט זיך אַ טרייסעל געטהאָן, ווי אויף צו פאַלען. זיין אייניקעל ר' מנחם־מנדל, (צמח־צדק ז"ל), וועלכער איז אויך געווען אין זעלבען חדר, און האָט אויך מיט גרויס דבקות און התלהבות זיך עוסק געווען אין דער עבודה, האָט עס בעמערקט. שנעל איז ער צוגעלאָפען צום רבי'ן און האָט איהם אונטערגעכאַפּט, ער זאָל ניט אומפאַלען.

באַלד זיינען אַלע בני בית אריינגעלאָפען, און עס איז געוואָ־רען אַ געוויין און אַ געשריי... אַ ווייַלע איז פערביי אין גרויס טומעל, ענדליך אָבער האָט דער רבי ז"ל אָנגעפאַנגען קומען צו זיך.

— א שלעכטע בשורה! א שלעכטע בשורה! — האט ער שטיל ארויסגערעדט. — דער בעל־שם־טוב הקדוש זצ"ל האט מיר יעצט געלאזט וויסען, אז גאנץ ווייס־רוסלאנד וועט פערוויסט ווערען... און אידען וועלען שטארק ליידען...

אלע האבען ארונטערגעלאזט די קעפ און האבען געשוויגען... וואס האבען זיי דען געקענט זאגען אין דער דאזיגער טרויעריגער מינוט?...

— יא! — האט דער רבי נאך א לאנגען שווייגען געזאגט — איך וועל אייך מגלה זיין דעם סוד, פארוואס ווייס רוסלאנד וועט יעצט אזוי שווער ליידען, ווען נאפאלעאן מיט זיינע חילות וועלען אנטלויפען פון רוסלאנד.

— זעהר א שווערען חטא זיינען די אידען בעגאנגען דורך דעם פושע באלהי ישראל שבתי צבי, ימח שמו. ער, וועלכער האט אזוי פערפיהרט דאס פאלק, אז אין די עולמות העליונים האט זיך געטהאן מעשים... א קליינינקייט, אזא מין מכשול ר"ל!... אין יענער צייט איז אויף די אידען נגזר געווארען, אז זיי זאלען דערפאר בעצאהלען און שווער בעצאהלען. יעצט איז געקומען די צייט פון דעם... ווייל וביום פקדי ופקדתי... אין דער צייט פון א מלחמה אדער א מהומה אויף דער וועלט, ווען אלע ליידען פון דעם שונא און די אידען אויך בתוכם, דאןווארפט דער רבונו של עולם ארויף אויף די אידען אביסעל א שווערערע שטראף ווי אויף די אומות העולם און דערמיט רעכענט ער זיך שוין פאר די אנגעקליבענע חטאים פון פריהער. ווען נאפאלעאן, וועלכער איז בבחינת שטן, האט איינגענומען אזוי פיעל שטעדט פון רוסלאנד, און איז דורכגעגאנגען דורך ווייס־רוסלאנד האבען, לדאבון לבנו, די אידען זעהר שטארק געליטען און דערפאר האט די פמליה של מעלה געוואלט היינטיגען ראש־השנה דן זיין, אז בשובתו, ווען ער וועט צוריק אנטלויפען פון רוסלאנד, זאל ער געהן דורך אן אנדער וועג, היינו. דורך קליין רוסלאנד, און די חורבנות וואס ער וועט דארטען אנמאכען זאל זיין אן עונש אויך אויף די אידען פון יענער געגענד.

— אבער דער מלאך מליץ האט זיך איינגעשטעלט:

— סטייטש! — האט ער געטענה'ט — נאך ווינציג האבען

די אידען פון רוסלאנד געליטען אין די גזירה פון ת"ח ות"ט, ווען אידיש בלוט האט זיך געגאסען טייכענווייז, ווען יעדער מערדער האט געפייניגט און האט אנגעטהאן די גרעסטע צרות צו אידען, ווען אזוי פיעל לעבענס זיינען אומגעקומען. און ווען די שארית הפליטה זאל אויך יעצט א צווייטען שרעקליכען חורבן דורכמאכען, וועלען זיי עס געווים ניט אריבערטראגען!.. ובכן האט ער געבעטען, מען זאל יענע געגענדען לאזען צו רוה...

—האט זיך ביי די פמליה של מעלה אנגעהויבען א שטארקער ויכוח, און נאך לאנג קלעהרען איז געבליבען, אז נאפאלעאן זאל זיך צוריקקעהרען אויף דעמזעלבען וועג, דורך וועלכען ער איז געקומען. די שטראף אויף קליין רוסלאנד און פוילען איז אפגעלעגט געווארען ביז אן אנדערע גרויסע מהומה וועט דארט פארקומען... —

אז די בני ביתו האבען עס דערהערט, האבען זיי זיך שרעקליך צעוויינט. דאס איז געווען א בשורה רעה בתוך בשורה רעה... און מעהר פון אלעמען האט געוויינט זיין זוהן אדמו"ר ר' דובער... ער האט זיך ניט געקענט איינשטילען בשום אופן.

דער ליאדיער, נ"ע, האט זיך פאמעליך אויפגעהויבען, איז צוגעגאנגען צו איהם און האט איהם ארומגענומען.

— וויין ניט! — האט ער מיט דברים רכים געזאגט — גזרה היא מלפניו און מען דארף עס מקבל זיין. אבער איין זאך זאג איך דיר. כן אזכה לראות בביאת משיח צדקנו, — מיר אלע זאלען אזוי זיך זוכה זיין צו זעהן ווי משיח וועט קומען, ווי גיך מיר וועלען הערען בשורות טובות פון דער מפלה פון אונזערע שונאים. זיין מפלה וועט זיין אזוי גרויס שאין נפילה מטה הימנה... ער וועט ניט נור אנטלויפען מיט בזיונות, נור ער וועט נאך לויפען אהן ברויט און אהן וואסער... אה, שרעקליך, שרעקליך וועט ער בעצאהלען פאר זיינע נצחנות עד עכשו...—

מיט גרויס מיה און מיט פיעל דברים היוצאים מן הלב איז דעם רבי'ן ז"ל געלונגען איינצושטילען די חבורה, און אלע האבען זיך גענומען גרייטען מקבל צו זיין דעם הייליגען יום כפור...

די לאנגע נסיעה

דעם גאנצען יום־כפור האט דער צדיק אדמו״ר ר׳ שניאור זלמן מליאדי, ז״ל, פערבראכט אין גרוים געוויין... כאטש ער האט שוין געהאט געוואוסט אויף זיכער, אז די מפלה אויף נאפאלעאנען מיט זיינע חילות וועט בקרוב קומען, און כאטש די גזרה אויפ׳ן אידישען דת איז נאך ראש־השנה בטל געווארען, האט אבער דער רבי, ז״ל, דיזען יום־כפור זיך מתעסק געווען אין תפלה, חוץ־מדרך־הטבע. זיינע קולות און זיין געוויין זענען געווען אזוי הארצרייסענד, אז אלע אנוועזענדע האבען געפיהלט, ווי עס געהען זיי אוים די כחות... האט ער שוין געפיהלט און געוואוסט, אז דאס איז דער לעצטער יום־כפור, וואס איהם קומט אוים צו זיין אויפ׳ן עולם התחתון? אדער האט ער געדארפט מתקן זיין עפעס אין די עולמות העליונים? דאס, טייערינקע, קען איך ניט זאגען.

גלייך נאך מעריב, מוצאי יום־כפור, ווען זיין זוהן אדמו״ר ר׳ דובער ז״ל, האט איהם גוט יום־טוב געבעטען, האט ער זיך ניט געקענט איינהאלטען און האט דעם פאטער, נ״ע, געפרעגט דאריבער, אבער דער צדיק האט איהם גענטפערט שלא ממין הטענה: „נאכ׳ן אפפאס־טען ווועלען מיר, אם ירצה השם, אפפאהרען פון דאנען. ערשט יעצט הויבט זיך אונזער רייזע אן. אבער מיר מוזען זיך פארזארגען מיט גוטע ווארימע קליידער״...

און ער האט מיט ליעבע צוגעדריקט צו זיך זיין יורש־עצר.

— זיי וויסען, אז איך האב צו „נעילה״ געזעהן, אז נאפאלעאן איז נידון געווארען אומצוקומען דורך קעלט. מדה כנגד מדה. ער האט געוואלט די וועלט אפקיהלען פון דת, וועט ער דורך קעלט אויסגע־פראהרען ווערען. ער האט געוואלט פארקלענערען די ווארימקייט, וואס געפינט זיך אין דער נשמה, ער האט געוואלט אויסלעשען דעם פונק פון דעם חלק אלוה ממעל, וועלכע זוכט באהעפטונג צו איהר שרש, דערפאר וועט ער קיין פונק ווארימקייט ניט קריגען...

און שטילערהייד האָט ער מוסיף געווען:

— הכנה צריכה כונה... —אז מען גרייט זיך דאַרף מען האָבען כונה...

אדמו׳ר ר׳ דובער האָט די לעצטע ווערטער אָנגענומען, אַלס המשך פון דעם פריהעריגען שמועס, אַז מען דאַרף זעהן איינצושאַפען זיך מיט גוטע ווארימע קליידער, אָבער ניט דאָס האָט דער רבי, ז״ל, געמיינט... ערשט אין איניגע מאָנאַטען שפּעטער, האָט ער זיך דערוואוסט, וואָס דער רבי, ז״ל, האָט געמיינט מיט די לעצטע דריי ווערטער...

גלייך נאָך יום־כפור האָט זיך די חבורה ווידער געלאָזט אין וועג אריין. פון וולאַדימיר האָט דער רבי, ז״ל געלאָזט זיך קיין אָסאַ. דאָרטען האָבען זיי פערבראַכט דעם סכות, און גלייך נאָכדעם האָבען זיי זיך ווידער געלאָזט אין וועג אריין. זיי זיינען דורכגעפאָהרען גאַנץ ריאַזאַנער, טאַמבאָווער, אוראַלער גובערניעס, גאַנצע צוועלף הונדערט וויאָרסט. די רייזע האָט זיי געדויערט ארום צוויי מאָנאַטען. וואָס ווייטער זיי זיינען געפאָהרען, אַלץ מעהר און מעהר האָט זיך אָנגעפאַנגען צו שטאַרקען דער ווינטער. די קעלט איז געוואָרען אונערטרעגליך. זעהר אָפט האָט געשאָטען אַ גרויסער שניי, און ניט איין מאָל איז דער חבורה אויסגעקומען צו ליידען גרויסע שווערע נסיונות. עס זיינען געווען טעג, ווען מען האָט ניט געקענט קריגען אפילו אַ שטיקעל ברויט, אָדער אַביסעל וואַסער; זעהר אָפט איז זיי אויסגעקומען צו נעכטיגען אין די פּויערישע קליינע הייזקעלעך, וואו אַ שטיקענדער רויך פּלעגט זיי ממש אויסעסען די אויגען. זיי פּלעגען שלאָפען אויף דער הוילער ערד. אָבער די נוסעים האָבען אַלעס מקבל באהבה געווען. יעדער איינער האָט געפיהלט, אַז באַלד, באַלד וועט די מלחמה זיך ענדיגען, נאַפּאָלעאָן וועט כאַפּען זיין מפּלה, די פראַנצויזישע חילות וועלען זיך אָפּטראָגען פון רוסלאַנד און זיי וועלען זיך קענען אומקעהרען צוריק אין זייער מקום מושבתם — ליאַדי.

ארום ראש חדש כסלו איז די חבורה אָנגעקומען קיין קורסק. דאָ האָט דער רבי, ז״ל, בעשלאָסען אָפּצושטעלען זיך אויף אַ קורצער צייט, מחמת צוויי זאַכען, ערשטענס, האָט די גרויסע צדיקת אשת

אדמו״ר ר׳ דובער געבאָרען אַ בן זכר, און צווייטענס, האָט דער רבי געוואָלט דאָ וואַרטען, ביז ער וועט קריגען די ערשטע ידיעה פון נאפאָלעאָנ׳ס מפלה.

— נעכטען האָב איך געקראָגען צו וויסען — האָט דער רבי, נ״ע, געזאָגט — אַז נאפאָלעאָנ׳ס גזר־דין האָט זיך אָנגעפאַנגען... איך מוז דאָ בלייבען און וואַרטען, ביז מיר וועלען קריגען אַ קלאָהרע ידיעה, ווי אַזוי מיר האַלטען מיט דעם רשע... און אַז אַלעס וועט געהן בכי טוב — האָט ער מיט שמחה מוסיף געווען — וועלען מיר דאָ אי״ה, פּראַווען „י״ט כסלו״ כדבעי, און איך וועל אייך טאַקע דערצעהלען אַ מעשה־נפלא פון מיין רבין בוצינא קדישא מאור ענים דער מעזריטשער מגיד ר׳ דובער, זצ״ל...

עס האָט ניט לאַנג גענומען און די חבורה, וועלכע האָט מיט זיך געהאַט אַ בעפעהל פון גענעראַל טאָלסטאָי, האָט דורך דער הילף פון קורסקער גובערנאַטאָר, געקראָגען אַ גרויסע הויז, וואו זיי האָבען זיך איינגעאָרדענט, און האָבען זיך גענומען אויסרוהען פון דעם שווערען וועג וואָס זיי האָבען דורכגעמאַכט...

אין צוויי טעג שפּעטער איז אָנגעקומען אַ שטאַפעט פון גענע־ראַל טאָלסטאָי, וועלכער האָט אין קורצע ווערטער איבערגעגעבען די נייעס, אַז אין פערלויף פון די לעצטע פיער טעג, האַלטען די רוסען אין איין טרייבען די פראַנצויזישע חילות צוריק פון מאָסקווע.

די שמחה, וואָס האָט זיך ביים רבי׳ן אין דירת ארעי אָפּגעטהאָן, קען איך אייך ניט דערצעהלען. די בשורה איז גראַדע אָנגעקומען, ווען די חבורה האָט זיך מכין געווען צו דעם ברית פון דעם ניי־געבאָרענעם זוהן. שוין אַ לאַנגע צייט האָט דער רבי, ז״ל, זיך אַזוי שטאַרק ניט משמח געווען, ווי אין יענעם טאָג. ער האָט צו דעם ברית געטאַנצט, געזונגען און געשפרונגען.

—זה היום! — האָט ער געשריען — אַט אויף דעם טאָג האָב איך געוואַרט בכליון עינים. יעצט בין איך בטוח, אַז דאָס פאָלק ישראל וועט בלייבען אידען!... און אַז ישראל איז ישראל, איז קודשא בריך הוא, זייער פאָטער...

דער ברית איז געפייערט געוואָרען מיט׳ן קנאַק, ווי פאַר אנשי שלומנו פּאַסט...

אין א פּאָר טעג שפּעטער זיינען זיי אָפּגעפאָהרען פון קורסק, און זיינען אָנגעקומען אין דאָרף „פּייעני“ סומסקער אויעזד, קורסקער גובערניע.

— דאָ וועלען מיר זיך אָפּשטעלען אויף א לענגערע צייט — האָט דער רבי טרויעריגליך געזאָגט...

זיי האָבען אָפּגעדונגען א הויז ביי א רייכען פּויער, און האָבען זיך דאָרטען בעזעצט.

— מאָרגען אָבענד — האָט דער רבי געזאָגט — וועט זיין אור ליום י"ט כסלו. היינט האָב איך געקראָגען א ידיעה, אז דער שונא האָט געהאַט א שרעקליכע מפּלה נעבען קראַסנע, און מען יאָגט איהם ווי א כלב... דערפאַר וועלען מיר פּראַווען אונזער יום־טוב (דאָס איז דער טאָג, ווען דער ליאַדיער, ז"ל, איז בעפרייט געוואָרען פון קרעפּאָסט) מיט גרויס שמחה... גרייט אַלעס צו אויף מאָרגען.

י"ט כסלו אין פּייעני

—...וואָס א טאָג ווייטער, זיינען די ידיעות וועגן נאפּאָלעאָנ'ס מפּלה געוואָרען אַלץ מעהר און מעהר ערפרייהענדע. געיאָגט פון די רוסישע חילות, דערשלאָגען פון די שווערע שרעקליכע קעלטען, אויסגעמוטשעט פון הונגער און פון דאָרשט, איז נאפּאָלעאָן געלאָפען אויפ'ן וועג צוריק פון רוסלאנד, איבערלאָזענדיג הונדערטע טויזענדע פון זיינע סאָלדאטען טוידט פון הונגער און שווערד.

און אין דאָרף „פּייעני", וואו דער הייליגער צדיק אדמו"ר ר' שניאור זלמן מליאדי האָט זיך אויפגעהאלטען מיט דער גאנצער חבורה, איז געווען ליהודים'דיג. זיי זיינען געווען ממש אין דער בחינה פון „והעיר שושן צהלה ושמחה"... ווארום זיי האָבען זיך דאָס אביסעלע אָנגעליטען אויף דער לאנגער נסיעה, וואָס זיי האָבען דורכגעמאכט פון ליאדי ביז פּייעני.

אָבער די אמת'ע שמחה האָט מען געפּראַוועט י"ט כסלו...

וואָרום וויסען דאָרף מען, אַז דיעזער יום־טוב איז ביים רבי'ן אין הויז תמיד געפּראַוועט געוואָרען מיט גרויס פּאראד, בפרט נאָך אין דעם יאָהר, ווען מען האָט דערלעבט בקו החיים והשלום צו פּראַוועז דעם טאָג, אין וועלכען דער רבי, ז"ל, איז בעפרייט געוואָרען פון תפיסה; און מען האָט נאָך געזעהען, ווי דער שטן, ימח שמו, האָט נאָך זיין לעצטע שפּיעל פערלאָרען, איז די שמחה געווים געווען גרויס... משקה איז געווען לרוב, און חברה האָבען געלעבט א טאָג. דער רבי, ז"ל, אָבער פלעגט זיך תמיד נוהג זיין צו קומען שפּעט צו דער שמחה, נאָכדעם, ווי ער פלעגט א לענגערע צייט פערברייינגען ביי זיך אין חדר אין התבודדות... אויך היינטיגעס מאָל האָט ער זיין מנהג ניט משנה געווען, און איז געווען עד חצות ביי זיך אין חדר. ערשט נאָך האלבער נאכט איז דער צדיק ארויס פון זיין חדר מיוחד, און האָט זיך מתדבק געווען צו דער גאנצער חבורה...

ווען דער רבי איז אריינגעקומען, האָבען זיך אַלע אויפגעשטעלט

מיט גרויס יראת הכבוד און האָבען געוואַרט, ביז דער רבי, ז"ל, האָט פערנומען זיין פּלאַץ.

א ווײַלע האָט אין חדר געהערשט א שטילקייט. ענדליך האָט דער רבי זיך אָפּגערופען:

— אזוי ווי היינט איז דער יאָהרצייט פון מיין הייליגען רבי'ן אדמו"ר ר' דוב-בער, המכונה המגיד ממעזריטש, ז"ל, וועל איך אייך דערצעהלען א ספור נפלא, וואָס האָט געטראָפען, ווען איך בין נאָך געווען א מתאבק בעפר רגליו...

כידוע, האָב איך די גאַנצע צייט געלערנט צוזאַמען מיט דעם רבינ'ס, ז"ל, זוהן ר' אברהם הקדוש, ז"ל, (המכונה אברהמ'לע מלאך).

איינמאָל א פריהמאָרגען, ערב שבת קודש, ווען מיר האָבען צוזאַמען זיך מתעסק געווען אין זעהר א טיעפען ענין, ערשט איך הער אין צווייטען חדר טראָגט זיך א שרעקליכער האַרצרייסענדער געוויין... און די קולות, קענטיג, קומען אַרויס פון א לב נשבר ונדכה, פון א מענשען, וואָס שטעהט עד שערי מות, און זוכט צו רעטען זיין לעבען.

— לאָזט מיר אַריין צום הייליגען רבי'ן! — בעט זיך דער קול — נור ער קען מיר ראַטעווען פון טויט!

און דער משמש פלטיאל, וואָס שטעהט ביים רבינ'ס טהיר, האַלט זיך ביי דאָס זייניגע:

— ניין! איהר קענט דעם רבין ניט זעהן!

און דאָ מיין חבר ר' אברהם הקדוש, וועלכער איז געווען זעהר פערטיעפט אין דעם ענין, און האָט משמעות, דעם שרעקליכען געוויין ניט געהערט, האַלט אין ריידען וועגען דעמזעלבען ענין מיט גרויס התלהבות, ווי תמיד.

איך וויל זיך ווייטער אַריינטהאָן אין די הייליגע דבורים, אָבער איך פיהל, ווי אָט יענער קול דרינגט אַריין אין מיין נשמה, און וואַרפט אַרויף אויף מיר א מין עצבות. איך פּרוביר פערטהאָן זיך, פערקלערען זיך, אָבער איך פיהל אינוועניג טיעף אין מיר, ווי דער קול בעט זיך ביי מיר: „איהר מוזט מיר העלפען צוקומען צום רבין! א אידישע נשמה איז אין סכנה!... איהר מוזט, איהר מוזט"!...

איך האָב מפסיק געווען דעם למוד, און בין אַריין אין צווייטען

חדר, ערשט איך זעה א אשה שטעהט לעבען פלטיאל'ן און רייסט זיך ממש די האָר פון קאָפּ...

— איך וועל ניט אוועק פון דאַנען, ביז איך וועל ניט זעהן דעם הייליגען רבי'ן, איהר מעגט מיט מיר טהאָן, וואָס איהר ווילט, אָט דאָ וועל איך שטעהן און וויינען און קלאָגען, ביז דער הייליגער רבי וועט אויסהערען מיין צובראָכענעם געמיטה...

ווען איך בין נעהנטער צוגעקומען, האָב איך דערקענט, אז דאָס איז דיזעלביגע אשה, וועלכע פלעגט אָפט בעדינען די תלמידים פון אונזער רבי'ן מיט אויסוואַשען די וועש, די זאָקען וכדומה. איך האָב געוואוסט, אז זי איז אַן אלמנה, און האָט נור א בן־יחיד אויף וועלכען מען האָט געזאָגט, אז ער איז א גרויסער מתמיד און וואַקסט צו זיין א למדן.

— עפּעס איז געשעהן מיט איהר בן־יחיד! — איז מיר ארויף אויף דער מחשבה.

איך בין גלייך צו צו איהר און זי געפרעגט, וואָס אזעלכעס האָט פּאַסירט.

— מיין קינד, מיין אויג אין קאָפּ! — האָט זי זיך נאָך מעהר צושריען.

— איז קראַנק? — האָב איך זי געפרעגט.

— נאָך ערגער, נאָך ערגער! — האָט זי דורך טרעהרען קוים ארויסגערעדט.

— געשטאָרבען? — האָב איך זי ווידער געפרעגט.

— אָה ניין! — האָט זי אָנגעפאַנגען צו קלאָגען — ווען ער וואָלט געשטאָרבען וואָלט איך אזוי פערצווייפעלט ניט געווען. איך גלויב, אז ווען מען שטאַרבט, איז עס גאָט'ס ווילען — און מען טאָר ניט קלאָגען, אָבער מיך האָט געטראָפען א גרעסער אומגליק! מיין בן־יחיד איז אוועק אין א שלעכטען וועג... זיעבעצעהן יאָהר האָב איך זיך מקריב געווען פאַר מיין קינד, איך האָב נור פאַר איהם געלעבט, און יעצט איז ער אריינגעפאַלען אין די הענד פון דער טומאה! אוי רבונו של עולם, רבונו של עולם!

און ווידער האָט זי אָנגעפאַנגען צו וויינען און צו קלאָגען...

מיט גרויס מיהע איז מיר געלונגען צו דערוויסען זיך, אז איהר בן־יחיד האָט זיך דורך אַ מעשה־שהיה געטראָפען מיט אַ גלח, און יענער האָט איהם איינגערעדט „ממיר־צו־זיין" זיך, און יעצט געפינט ער זיך אין קלויסטער...

איך האָב געוואוסט, אז די פרוי איז אַ אשה כשרה און איהר קינד איז געווען אַ וואָויל אינגעל, האָב איך זיך איינגעשטעלט פאַר איהר און געראַטען פּלטיאל'ן, ער זאָל זי צולאָזען צום רבי'ן...

— דברי הרב ודברי התלמיד, דברי מי נשמעים? — האָט ער מיר געזאָגט. ווענען זאָל איך פאָלגען אייך, צו דעם רבי'ן? — דער רבי איז תמיד אַ חלוש, און יעצט פיהלט ער זיך זעהר שלעכט, ער האָט דערום געגעבען אַ בעפעהל, קיינעם ניט צוצולאָזען יהיה מי שיהיה...

איך האָב געוואוסט, אַז מיט פּלטיאל'ן קען מען גאָרניט מאַכען, און בין דערפאַר געפאַלען אויף אַן המצאה.

פּלטיאל פלעגט זיך נוהג זיין ערב שבת קודם חצות היום צו געהן אין מרחץ אריין, און דאַן פלעגט ביים רבינ'ס טהיר זיך שטעלען איינער פון די תלמידים. איך האָב דערפאַר די אידענע אָפּגערופען אָן אַ זייט, און געהייסען זי קומען פּונקט 12 אזייגער, דאַן וועל איך איהר צולאָזען צום רבי'ן. זי איז באַלד אוועק.

איך האָב אָבגעוואַרט, ביז פּלטיאל איז אוועק אין מרחץ, און איך האָב זיך געשטעלט ביים טהיר פון רבינ'ס חדר. פּונקט צוועלף אזייגער איז די אשה ווידער געקומען...

— שטעהט איהר דאָ, — האָב איך צו איהר געזאָגט — און איך וועל אַריין צום רבי'ן אין חדר, און איהם זאָגען וועגען אייך.

די אלמנה האָט ממש אויפגעלעבט.

— איך בין זיכער, אז דער רבי קען מיר העלפען! — האָט זי אויפגעטאַנצט פאַר שמחה, וואָס איך געה מעלדען דעם רבי'ן וועגען איהר, און פון איהרע אויגען האָט זיך געגאָסען ביטערע טרעהרען...

איך בין אריין צום רבי'ן ז"ל, און האב איהם דערצעהלט וועגען דער אשה, ווי איהר בן יחיד, — א וואויל אינגעל, — איז אריינגע־פאלען צו דער טומאה אין די הענד אריין און געפינט זיך אין א קלויסטער.

דער רבי האט שטארק פערקנייטשט דעם שטערען, האט פער־מאכט די אויגען און האט זיך פערטראכט. בדחילו ורעימא בין איך געשטאנען און געווארט.

— געה און זאג דער אשה — האט דער מאור־עינים הרב המגיד ז"ל געזאגט — אז זי זאל געהן אהיים און הש"ית וועט העלפען...

אין א ווײלע ארום איז דער רבי ארויסגעקומען אין גרויסען זאל, וואו מיר תלמידים האבען זיך געפונען, האט זיך אוועקגעזעצט, און האט אנגעפאנגען זאגען תורה.

און די תלמידים פלעגען זיך נוהג זיין ערב שבת נאך חצות היום אנצוטהאן זיך ווייסע בגדים לכבוד שבת, אבער ווען דער הייליגער מגיד פלעגט אונז זאגען תורה, פלעגען מיר ניט געהן אין די ווייסע בגדים.

און אז מיר האבען דערהערט, דאס דער מגיד ז"ל נעהמט זיך זאגען תורה, האבען אלע גיך אראפגעכאפט פון זיך די ווייסע בגדים, און זיך גענומען אײנהערען די הייליגע דבורים.

— ונפש אחת כי תחטא — און אז א אידישע נשמה וועט זינדיגען, — האט דער רבי אנגעפאנגען, — אבער ווי קומט עס אז א אידישע נשמה זאל גאר זינדיגען? —

און מיט גרויס התלהבות האט דער מגיד הקדוש ז"ל זיך גענומען אויסטייטשען, אז א אידישע נשמה קען זיך, און מוז זיך צוריקקעהרען דורך תשובה צו דעם רבונו של עולם...

ארום א האלבע שעה האט ער גערעדט, דאן איז ער ווידער אריין צו זיך אין חדר. אלע תלמידים זיינען געווען שטארק פערוואונדערט, ווייל דער מעזריטשער ז"ל פלעגט אין דיעזער צייט קיינמאל ניט זאגען קיין תורה פאר די תלמידים.

אין א ווײַלע אַרום איז ער ווידער אַרויס פון זײַן חדר, און האָט נאָכאַמאָל גענומען דרש'נען אויף דעם זעלבען פסוק. ווידער האָבען די תלמידים אויסגעטהאָן זייערע ווייסע מלבושים, און זיך צוגעהערט צום ענין, און נאָך גרעסער איז דער וואונדער געווען. וואָרום ווי קומט עס אין מיט'ן דרינען, ער זאָל זאָגען תורה און גראָדע וועגען דעם זעלבען פסוק?

אָפּגעזאָגט דעם דרוש, איז ער ווידער אַרײַן צוריק אין זײַן חדר מיוחד. עס איז אָבער קוים אַ שטונדע אַוועק, ערשט דער רבי קומט אַרויס צום דריטען מאָל און נעהמט זיך ווידער זאָגען תורה, און ווידער אויפ'ן פסוק „ונפש כי תחטא"... אין אַ פּאָר מינוטען שפּעטער, האָט פּלוצלונג אויסגעבראָכען אַ שרעקליכער שטורם ווינט. וואָלקענס שטויב האָט זיך געטראָגען אין דער לופטען... הימעל און ערד האָבען זיך אויסגעמישט. און דער ווינט האָט שרעקליך געפייפט און געהוזשעט, און וואָס מעהר דער רבי פאַרטיעפט זיך אין זײַן תורה, אַלץ גרעסער ווערט דער שטורם, אַלץ שטאַרקער בלאָזט דער ווינט, און אַלץ גרעסערע וואָלקענס שטויב הויבען זיך אויף פון דער ערד, און טראָגען זיך אין דער לופטען...

מיר, תלמידים זיצען פערווירט און פערשטעהען ניט, וואָס דאָ קומט פאָר. מען זעהט בחוש, אַז דעם רבינ'ס פּנים ווערט אַלץ פרעהליכער, און וואָס מעהר דער ווינט אויף דרויסען שטאַרקט זיך, אַלץ ברייטער ווערט דער שמייכעל אויף זיינע הייליגע ליפּען...

אינמיטען דרינען דערהערען מיר אַ שטאַרקען קלאַפּ נעבען פענסטער, ווי אימיצער וואָלט פון ווינט פערטראָגען געוואָרען, און זיך אָנגעקלאַפּט אָן וואַנט...

— גיך, געה אַרויס! — האָט דער מעזריטשער ז"ל מיר בעפוילען, — און נעהם דעם בחור, וואָס שטעהט ביים טהיר, און פיהר איהם צו זיין מוטער!..— און באותה שעה האָט ער אויפגעהערט צו זאָגען תורה...

איך בין אַרויסגעגאַנגען, ערשט איך זעה — דער בחור פון יענער אלמנה שטעהט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ, אָנגעשפּאַרט נעבען וואַנט און וויינט מיט ביטערע טרעהרען. איך האָב איהם אָנגענומען פאַר'ן האַנד:

— קום צו דיין מאַמען ! — האָב איך איהם געזאָגט.

מיר האָבען זיך געלאָזט געהן, און וואָס ווייטער מיר זיינען געגאַנגען, אַלץ מעהר האָט דער ווינט נאָכגעלאָזען. ווידער האָט די זון געשיינט, און אַלעס ארום האָט געבליהט, גלייך ווי עס וואָלט אַזאַ ווירבעל־שטורם גאָר ניט געווען...

ווי קומסטו אַהער ? — האָב איך איהם געפרעגט.

דער בחור'ל האָט זיך שטאַרק פונאַנדערגעוויינט, און האָט מיר אַט וואָס דערצעהלט:

— איך בין געווען פערשפּאַרט אין קלויסטער אויפ'ן דריטען שטאָק. מען האָט מיר געגעבען עסען און טרינקען לרוב, נור ארויסגעהן האָט מען מיר ניט ערלויבט. איך בין שוין געווען צופרידען זיך צו שמד'ן. נור היינט — אַזייגער איינס נאָכמיטאָג, איז מיר פּלוצלונג איינגעפאַלען אַ מחשבה: סטייטש ? ווי קום איך דאָס צו טהאָן אַזאַ נבלה ? איך בין דאָך אַ אידיש קינד, מיט אַ אידישער נשמה, האָב דאָך אַזוי פיעל געלערנט, און צום סוף געה איך טהאָן אַזאַ מיאוסע מעשה... און דער פּסוק „ונפש כי תחטא", האָט ווי געשוועבט פאַר מיינע אויגען... אַ וואָסער האַלבע שעה האָב איך געדענקט איך וועל משוגע ווערען פון חרטה, און האָב בעשלאָסען צו אַנטלויפען און צוריק אומקעהרען זיך צו מיין מוטער.

איך האָב געוואָלט עפענען די טהיר און ארויס, גראַדע איז מיר אַנטקעגען געקומען דער גלח. משמעות, ער האָט דערקענט אויף מיר אַ שנוי, וואָרים ער האָט מיר אָנגעכאַפּט פאַר'ן האַנד און צוריק אין חדר אריינגעפיהרט. דערצו האָט ער מיר געגעבען אַ גלעזעל משקה, איז פון מיר דער אומעט אַוועק, און איך בין פערבליבען.

נור קוים איז אַ האַלבע שטונדע אַוועק, ערשט איך הער אין די אויערען קלינגען מיר ווידער די ווערטער „ונפש כי תחטא", און אַ גוואַלדיגע חרטה כאַפּט מיך אַרום. דאָס האַרץ האָט מיר גענומען זעהר שטאַרק קלאַפּען, און ניט אָפּגעבענדיג קיין חשבון בין איך ארויסגעלאָפען. נור דער גלח, האָט גראַדע בעמערקט, ווי איך לויף, האָט ער ארויסגעשיקט זיין דיענער, און יענער האָט מיך מיט גוואַלד אומגעקעהרט צוריק אין מיין חדר...

דער גלח איז אריינגעקומען, און האָט מיר גענומען מיט זיסע ריידעלעך איינשמועסען, איך זאָל זיך ממיר זיין. דערצו האָט ער מיר נאָכאמאָל מכבד געווען מיט משקה און האָט געבראַכט אַ פיעדעל, און האָט זיך געזעצט שפּיעלען. און וואָס מעהר ער האָט געשפּיעלט, אַלץ מעהר בין איך פעסטער געוואָרען און מיין ערשטען בעשלוס צו פער־בלייבען מיט איהם, און ממיר זיין זיך... און די טענער, וואָס זיינען פון זיין פיעדעל אַרויסגעגאַנגען, האָבען צו מיר אַזוי זיס, אַזוי שעהן געקלונגען, אַז איך האָב פערגעסען, ווער און וואו איך בין...

אַ גאַנצע שטונדע איז אַוועק. מיט אַ מאָל האָב איך צום דריטען מאָל דערהערט די ווערטער: „ונפש כי תחטא“... פון איין זייט גיסען זיך די זעלטענע טענער פון פידעלע פול מיט תאוה, מיט ברען, מיט יצר הרע און רופען מיך צו פערלאָזען דעם אל חי; און פון דער אַנדער זייט רעדט אויס אַ ליבהאַרציגע שטימע: „מען טאָר ניט פערוואַרפען דעם גלויבען פון די עלטערן, מען טאָר ניט יאָגען זיך נאָך פרעמדען גליק, און נאָך פרעמדען כבוד“... און וואָס העכער עס קלינגען מיר אין די אויערען די טענער פון פיעדעלע, אַלץ מעהר און מעהר דרינגען אַריין אין מיין מח די ווערטער פון דער אונבעקאַנטער שטימע...

און דער גלח, קענטיג, פיהלט וואָס אין מיר קומט פאָר, ווארום ער נעהמט אַלץ שפּיעלען העכער און זיסער. די טענער רייסען זיך אַרויס פון פיעדעל, דרינגען אַריין אין מיין האַרצען און פילען עס אָן מיט תאוה, מיט עזות, מיט כפירה... און דאָך קלאַפּען מיר אין קאָפּ די ווערטער פון דער אונבעקאַנטער שטימע: אַ אידישע נשמה מוז אידיש פערבלייבען...

מיט האסט האָב איך זיך אַ הויב געטהאָן, און אַ לאָז געטהאָן צום טהיר. אָבער דער גלח האָט נאָר געשמייכעלט, וואָרום די טהיר, ווי עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט איז געווען פאַרשלאָסען.

איך האָב גענומען אַרומלויפען איבער'ן צימער. די קולות פון דער פיעדעלע און די שטימע פון דעם אומבעקאַנטען שטאַרקען זיך אַלץ מעהר און מעהר... נור אָט בין איך געבליבען שטעהן ביים פענסטער, וועלכעס איז גראָדע געווען אָפען, און מיט אַמאָל איז מיר אַריין אַ מחשבה אין קאָפּ: „בעסער גע'הרג'ט ווערען, איידער ממיר צו זיין

זיך!״ איך האָב קיין צייט ניט געקלעהרט און בין ארויסגעשפּרונגען דורכ׳ן פענסטער, אויסשרייענדיג בשעת מעשה: „זאָל מיין טוידט זיין א כפּרה פאר מיינע זינד!״

און ווי איך בין נור ארויסגעשפּרונגען, האָט מיך פּלוצים א נעהם געטהאָן א שרעקליכער שטורם ווינט, און איך האָב דערפיהלט, ווי איך פליה אין דער לופטען... איך ווייס ניט ווי לאנג עס האָט געדויערט, אין די אויגען איז מיר געווען פינסטער. דער קאָפּ האָט מיר געשווינדעלט, דאָס הארץ האָט געקלאפּט, און די געדאנקען האָבען אין מיר זיך געמישט, נור אז איך האָב געעפענט מיינע אויגען, האָב איך דערזעהן, ווי איך שטעה לעבען דעם הייליגען רבינ׳ס פענסטער...

דאָס האָט מיר דער בחור׳ל דערצעהלט — האָט דער ליאדיער ז״ל פארענדיגט — און אזוי ארום קענט איהר זעהן דעם הייליגען מגיד׳ס כח, זכותו יגן עלינו...

3-טע טהייל

הסתלקות הרב

ווי אזוי אַ צדיק שטאַרבט

לעגענדעס וועגן דעם טויט פון ליאַדיער רבי'ן

די מעהרסטע מעשה'לאַך דערצעהלט פון מיין
רבי'ן אין די ווינטערדיגע נעכט. מאַנכע
געהערט פון אַנדערע חסידים

די ערשטע הכנות

אין א קליין דערפעל אין קורסקער גובערניע, סומסקער אויעזד, — מיט'ן נאָמען „פייעני", וועלכעס איז בעשטאַנען אינגאַנצען פון עטליכע קליינע האַלב איינגעפאַלענע פויערשע הייזקעס, האָט זיך אויפגעהאַלטען א קליינע חבורה אידען, צווישען וועלכע עס איז אויך געווען דער גרויסער צדיק, דער חסידישער מנהיג אדמו"ר ר' שניאור זלמן מליאַדי. מיט גרויס מיה און מאַטערניש האָט זיך אָט די חבורה פון דרייסיג פאַרשוינען אהין דערשלאָגען. געווען איז עס אין מיטען חדש כסלו שנת תק"עג, אין דעם יאָהר, ווען דער פראַנצויזישער קיסר נאַפאָלעאָן האָט געהאַלטען אין צוריקציהען זיך פון רוסלאַנד. דער ווינטער האָט זיך דאַן געשטעלט זעהר שווער, און די קעלטען זיינען געווען אויסערגעוועהנליכע. מען האָט ניט געקענט פאָהרען און געהן צוליעב די פאַרשנייטע וועגען, עס איז געווען שווער צו בעזאָרגען זיך מיט כשר'ע מאכלים, און די חבורה האָט זיך געמוזט בעגנוגענען מיט ברויט, קאַרטאָפליעס און נאָך אַזעלכע שפייזען.

עס זיינען פאַרלאָפען עטליכע טעג זייט די חבורה איז דאָרט אָנגעקומען. יעדער איינער איז געווען כמעט נידערשלאָגען פון די שווערע ליידען. דער ליאַדיער צדיק האָט די מעהרסטע צייט פערבראַכט אין התבודדות... זעהר זעלטען פלעגט ער ארויסקומען פון זיין חדר מיוחד צו זיינע בני בית. דער איינציגער, וועלכער פלעגט אריינקומען צו איהם, איז געווען זיין אייניקעל, דער זוהן פון זיין פערשטאָרבענער טאָכטער מרת דבורה-לאה, וועלכע האָט זיך מקריב געווען פאַר איהר פאָטער (וועגען דעם וועל איך אייך נאָך אַמאָל דערצעהלען. מובטחני, אַז איהר וועט אויפשטעלען מויל און אויערען!) מנחם מנדל ז"ל, וואָס איז נאָכהער בעוואוסט געוואָרען אין דער וועלט אַלס דער „צמח צדק". ער איז געווען דער יעניגער, וועלכער האָט זוכה געווען צו האָבען די ערלויבניש איהם צו בעזוכען. אָבער אויך ער האָט גענאַרפט מודיע זיין דורך אָנקלאַפען, איידער ער איז אריינגעקומען.

אויף דער פראגע פון זיינע מקורבים, ווארום איז ער אזוי צע־טראָגען, פלעגט דער ליאדיער ז"ל ענטפערען, אז ער ליידעט זעהר פיעל פון דער שלעכטער לאגע, אין וועלכער זיי געפינען זיך — און ער פלעגט דערביי טרויעריג א שמייכעל טהאָן...

כ"ד כסלו האָט דער ליאדיער ז"ל פלוצלונג פעראָרדענט, אז מען זאָל אין זיין חדר אריינשטעלען נאָך צוויי בענקלאָך... דאָס איז אפילו געווען א חידוש פאר די בני בית, אָבער איבערפרעגען איהם צו וואָס ער דאַרף עס, האָט קיינער נים געוואָלט.. זיין בעפעהל איז פינקטליך אויסגעפיהרט געוואָרען.

געוועזען איז עס אין א פארנאכט. א שרעקליכע קעלט האָט געהערשט אין הייזעל, די גאַנצע חבורה האָט זיך געפונען אין א שלעכטער שטימונג. אלע זיינען געזעסען ארום דעם גרויסען הילצער־נעם טיש, איינגעקוטעט אין וואָס נור זיי האָבען געקענט, און האָבען געפיהרט צווישען זיך א שטילען שמועס. יעדע ווײלע האָט אן אנדערער אויפגעציטערט פון קעלט, און אין דרויסען האָט זיך ממש געטהאָן מעשים... — א שווערער שניידענדער ווינט האָט געפייפט און גע־וואָיעט... קופּעס שניי האָבען זיך געטראָגען אין דער לופטען און האָבען פערשאָטען די טהיר און די פענסטער... מינוטענווייז האָט זיך געהערט א קלינגענדער קרעכץ פון די ארומיגע הייזער, וואָס האָבען געטרעשטשעט פון דער שווערער קעלט.

ווי לאַנג וועלען מיר זיך דאָ פארהאַלטען? —האָט דעם רבינ'ס עלטערער זוהן אדמו"ר ר' דובער געזאָגט — וואָס איז די פעולה פון וואַרטען? גלייך ווי דער דרויסען וועט ווערען אביסעל שעהנער דאַרפען מיר פון דאַנען אוועק. מיר מוזען זיך דורכריידען מיט אונזער פאָטער זאָל לעבען און בעטען איהם, ער זאָל געבען זיין הסכמה אויף דעם.

אלע האָבען געשוויגען. און וואָס האָבען זיי דען געקענט זאָגען? יעדער איינער האָט דאַן געזעהען בחוש, אז פערבלייבען לענגער אין „פייעני" קען מען נים...

— ווייסט איהר וואָס! — האָט ער פאַרטגעזעצט, איך וועל זיך טאָקע דורכשמועסען מיט אדוני אָבי מורי תיכף ומיד.

ער האָט זיך אויפגעהויבען, איז צוגעגאַנגען צום טהיר פון דעם

חדר, וואו דער רבי ז"ל האָט זיך געפונען, און האָט אָנגעקלאַפּט, אָבער קיין ענטפער איז ניט געקומען. ער האָט אַ צווייטען מאָהל אָנגעקלאַפּט, אָבער אויך דאָס מאָל האָט ער קיין תשובה ניט געקראָגען. ער האָט אָנגעפאַנגען צו קלאַפּען העכער און אָפטער, — אין קול ואין עונה.

אַ מאָדנע שרעק האָט איהם אָנגעכאַפּט. פערשיעדענע מחשבות זיינען דורך זיין מח דורכגעלאָפען. „אולי איז ער חלילה ניט בקו הבריאה? אָדער עפּעס אַנדערש האָט זיך מיט איהם געטראָפען?" ער האָט ביי זיך בעשלאָסען אַריינצוגעהן און זעהן, וואָס מיט דעם רבי ז"ל האָט פּאַסירט.

גיך האָט ער די טהיר געעפענט און איז אַריין, פערמאַכענדיג הינטער זיך די טהיר. אָבער דאָ איז ער געבליבען שטעהן ווי אַ צוגע־שמיעדטער אויף זיין פּלאַץ... דאָס קליין חדר'ל האָט זיך איהם אויסגעדוכט אַזוי גרויס, אַזוי ברייט, און איז געווען אָנגעפיהלט מיט אַ זעלטענער שעהנער ליכטיגקייט... און די ליכטיגקייט איז ניט געקומען פון אויסוועניג, נור האָט אַרויסגעשטראַהלט פון די צוויי גרויסע ספרים, וואָס זיינען געלעגען אָפען אויף דעם טישעל... אַרום טישעל זיינען געזעסען דריי מענשען מיט גראָהע בערד, מיט שטראַה־לענדע ליכטיגע פּנים'ער, מיט גוטע ליעבענדע אויגען און זיינען געווען פערטיעפט אין אַ געשפּרעך...

— אית מאן דרחים ליה לקב"ה — עס זיינען דאָ אַזעלכע, וואָס האָבען ליעב גאָט דערפאַר וואָס זיי זיינען רייך, לעבען לאַנג, האָבען גוטע קינדער, — אָבער ווען זיי וואָלטען ניט געהאַט אַלעס גוטעס — י ה י ש נ י א ל י ה ו ל א ר ח י ם ל י ה כלל — וואָלטען זיי איהם ניט ליעב געהאַט — דאָס איז גאָר קיין אהבה ניט!... אמת'ע ליעבע איז „דהוה בתרין סטרין בין בדינא בין בטיבו" — ווען מען האָט ליעב גאָט אפילו ווען מען וויים, אַז מען דאַרף פערלאָזען דעם עולם" — האָט איינער אַרויסגערעדט, וועל־כער איז געווען ניט קיין אַנדערער, ווי דער מעזריטשער, ז"ל — ומאן דקאים בהאי אהבה, אתקשר בעלמא עלאה — און דער יעניגער, וועלכער קען אַזוי ליעב האָבען געהערט צו די העכערע וועלטען... דאָס איז דער סוד פון מיתה בנשיקא...

אדמו״ר ר׳ דובער איז דעם מאמר אזוי געפעלען געוואָרען, דאָס ער האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען און האָט אויסגערופען:
— דאָס הייסט געזאָגט!...

און גלייך ווי ער האָט דאָס נור אויסגערעדט, איז מיט אמאָל די גאַנצע ליכטיגקייט פערשוואונדען... דער רבי האָט זיך אויפגע־שטעלט.

— וואָס טהוסטו דאָ? — האָט ער אויסגערופען.

— איך בין געקומען פרעגען, ווי לאַנג נאָך וועלען מיר דאָ שטעהן און ליידען אַזעלכע סגופים... ווארום זאָלען מיר דאָ זיצען אין קעלט, אומקומען פון הונגער, לאָמיר בעסער פאָהרען פון דאַנען.

— און וואו קענען מיר דען יעצט פאָהרען? — האָט דער ליאדיער טרויעריג געזאָגט.

— מיר קענען פאָהרען, לאָמיר זאָגען, קיין קרעמענטשוג, פּאָלטאַוער גובערניע. די שטאָדט איז אַ גרויסע, עס געפינט זיך דאָרט אַ אידישע קהלה, און בעזרת השם יתברך, וועלען מיר קענען זיך דאָרטען איינאָרדענען.

דער רבי האָט זיך אָפּגעזיפצעט. אַ היבשע ווײַלע איז ער געשטאַנען פערטראַכט. אַ פּאָר ברייטע קנייטשען האָט זיך איבערגע־צויגען איבער זיין ליכטיגען פּנים...

— נו, מיינטוועגען — האָט ער שטיל אַרויסגערעדט — קענט איהר פאָהרען אפילו קיין קרעמענטשוג, מה איכפּת לי, וואָס אַארט עס מיך? אָבער מיר קענען ניט פאָהרען אַלע צוזאַמען. עס איז ווינטער צייט, דאָס פאָהרען איז פערבונדען מיט מסירות נפש און סכנות נפשות... בעסער פאָהר דו צו אַהין, זעה צו בעזאָרגען זיך פריהער מיט אַ דירה, און דאַן וועלען מיר פאָהרען. איך גלויב אָבער, אַז פאַר מיר איז „האָדיץ״ אויך אַ פיינער פּלאַץ... אָבער פאָהר לשלום וה׳ יצליח דרכיך...

ווען דער אדמו״ר ר׳ דובער איז אַרויסגעגאַנגען, האָט ער ניט געקענט פערשטעהן, וואָס זאָל דער צדיק האָבען געמיינט מיט „האָדיץ״, דאַכט זיך, אַז דאָס איז אַ קליין שטעדטעל, קיין אנשי שלומנו זיינען דאָרט נישטאָ, צו וואָס האָט ער אַלזאָ, געמיינט מיט האָדיץ?

אָבער ערשט אין אַ מאָנאַט שפּעטער ווען דער מאור עינים איז נסתלק געוואָרען און איז געבראַכט געוואָרען אל משכן כבודו אין האָדיץ, דאַן ערשט האָט ער פערשטאַנען, וואָס דער רבי האָט מיט דעם וואָרט „האָדיץ" געמיינט...

אויף מאָרגען, האָט דעם רבינ'ס עלטערער זוהן פאַרלאָזען פּייעני, און איז אָפּגעפאָהרען קיין קרעמענטשוג צו בעזאָרגען פאַר דער חבורה אַ דירה...

ווען ער איז אַרוים פון הויז, האָט דער רבי אַ שמייכעל געטהאָן.

—האָט ער ניט געזאָלט מיר נעכטען שטערען — האָט ער געזאָגט—אָהן אַן ערלויבניש האָט ער אין מיין חדר ניט געדאַרפט אריין, און דערפאַר וועט ער ניט קענען זיין ביי מיר, ווען איך וועל דאַרפען געהן אין וועג אריין...

ווען אדמו"ר ר' דובער איז געקומען צוריק פון קרעמענטשוג, האָט ער שוין דעם רבי'ן ניט געטראָפען...

אן רבינ'ס גארטעל

...און די שרעקליכע קעלטען, צו וועלכע נאפאלעאנס חילות זענען נים געוואוינט געווען, האבען געצוואונגען דעם שונא זיך אפצוטראגען אלץ ווייטער און ווייטער פון רוסלאנד, אויף דעמזעלבען וועג, דורך וועלכען ער איז געקומען. אבער ווען די ידיעות האבען דער־גרייכט צו דעם ליאדיער צדיק ר' שניאור זלמן, האט מען געזעהן בחוש, אז אויף זיין הייליג פנים ווייזט זיך א חוט של עצבות... האט דער גדול בישראל שוין געוואוסט, אז אין דעם טאג, ווען נאפאלעאן וועט ארויסטרעטען פון רוסלאנד, וועט ער פערלאזען דעם עולם השפל? אדער איז איהם געווען שווער צו פרעהען זיך מיט דער ידיעה, אז טויזענדער און טויזענדער פון אנשי חיל, וועלכע זענען דאך סוף כל סוף נים שולדיג אין דער מלחמה, קומען אום מעשי־שטן? האט איהם פערדראסען, וואס די גרויסע האפנונגען, וועלכע די אידען פון פוילען האבען געלעגט אויף נאפאלעאנס נצחונות ווערען צורונען בחלום־יעוף? דאס זיינען שאלות, וואס בלייבען הענגען ברומו של עולם... איינס איז זיכער, אז וואס א טאג ווייטער, האט זיך דער רבי ז"ל אלץ מעהר דערווייטערט פון זיינע בני־בית, און פלעגט זיין צייט פערברענגען ביי זיך אין חדר...

דריי וואכען זענען פערלאפען, זייט די חבורה האט זיך געפונען אין „פייעני". דאס געלד וואס די הייליגע משפחה האט מיט זיך גענומען, ווען זי איז אנטלאפען פון ליאדי, איז שוין לאנג געווען צוקראכען. נאר הגביר המפורסם ר' יצחק זעלווער, ע"ה, וועלכער איז אויך אנטלאפען געווארען פון שטאדט, ווען נאפאלעאנס חילות זענען דארט געקומען, און איז צוגעשטאנען צו דער חבורה, ווען זיי זענען אנגעקומען קיין פייעני, האט צוגעשטעלט אלע הצטרכות... ער, דער גביר, איז דאך געווען איינער פון די פייערדיגסטע חסידים פון ליאדיער ז"ל...

אין געווען איז דאס עשרה בטבת. כאטש דער רבי ז"ל איז נים געווען קיין מחמיר בנוגע תעניתים, ווארום ער האט געהאלטען, אז

עיקר הכנעת הלב איז דורך פערטיעפען זיך אין דער הויכקייט און גרויסקייט פון דעם בורא ברוך הוא און אדרבא דאָס פאַסטען שטערט גאָר זעהר פיעל... נאָר דאָס איז אַלץ בנוגע פאַסטען אַלס תשובה; אָבער די תעניתים, וואָס זענען איינגעשטעלט און אָנגענומען מקדמונים האָט דער רבי זעהר שטאַרק מקפיד געווען, מען זאָל זיי אָפּהיטען... און דערפאַר איז דער גאַנצער טאָג פערגאַנגען ווי אין א תענית טאָג... מען האָט געפאַסט, געזאָגט די סליחות, און פערבראַכט דעם גאַנצען טאָג אין תורה און תפלה.

פאַרנאַכט, ווען דער רבי האָט אריינגערופען צו זיך זיינע מקורבים צו תפלת מנחה בצבור, האָט ר' יצחק זעלווער בעשלאָסען צו פרעגען דעם רבי'ן ז"ל: מה יהיה שכרו? — דאָס הייסט, וואָס פאַר א שכר וועט ער האָבען דערפאַר, וואָס ער האַלט אוים די גאַנצע חבורה...

און זאָגען וועל איך אייך, אז ער האָט פאַר דיעזע שאלה שפּעטער גוט בעצאָהלט. כפי איך וועל אייך דערצעהלען, אָבער באותה שעה האָט ער באשלאָסען צו פרעגען וועגען דעם רבי'ן.

גלייך ווי מען האָט געענדיגט מנחה און דער רבי האָט געטהאָן א מאַך מיט דער האַנט, אז מען זאָל פערלאָזען זיין חדר, האָט זיך הגביר ר' יצחק זעלווער אָפּגערוקט אביסעל, כדי די איבעריגע זאָלען ארויסגעהן פריהער, און ווען ער איז געבליבען דער לעצטער ארויסצו־געהן, האָט ער זיך א שטעל געגעבען און האָט א פרעג געטהאָן:

— אדוני מורי ורבי, וואָס וועט זיין מיין שכר פאַר מיין אויפהאַלטען אייער חבורה?

ברייטע קנייטשען האָבען זיך איבער דעם רבינ'ס פּנים אויסגעצויגען... ער האָט אויפגעציטערט מיט זיין גאַנצען קערפּער... א וויילע איז דער רבי ז"ל געשטאַנען שטיל, און די אויגען האָט ער געהאַלטען צו דער ערד. ענדליך האָט ער שטיל זיך אָפּגערופען:

— איך בין דיר מבטיח, אז דו וועסט האָבען עולם־הבא!..—

אין תוך כדי דבור, האָט זיך גענומען אין חדר אריינגיסען העלע ליכטיגע שטראַהלען, וועלכע האָבען גענומען ארויסשיינען פון

די ווענט, פון פּאָטאָלאָק, פון פּאָדלאָגע... און די שטראַהלען זענען געוואָרען אַלץ מעהר שעהנער, בלענדענדער, פייערדיגער... אין אייניגע סעקונדען איז דער חדר געווען אָנגעפיהלט מיט אַ זעלטען אויסערגעֿוועהנליכער ליכטיגקייט...

ר' יצחק זעלוּוער האָט דערפיהלט, ווי די אויגען פאַנגען איהם אָן וועה צו טהאָן פון דער אויסערגעוועהנליכער ליכטיגקייט. גיך האָט ער זיך גענומען לאָזען צום טהיר אויף אַרויסצוגעהן, אָבער דער רבי האָט איהם שנעל אָנגעכאַפּט ביים האַנט! — שטעה דאָ! — האָט דער ליאַדיער ז"ל בעפוילען — יעצט איז צו שפּעט אַרויסצוגעהן... ר' יצחק זעלוּוער האָט זיך אָפּגעשטעלט. הענט און פיס האָבען איהם געטרייסעלט און די צייהנער האָבען זיך אין איהם געקלאַפּט פון גרויס שרעק, ווארום ער האָט דערזעהן, אַז ער געפינט זיך עפּעס ניט אין דעם זעלבען פּלאַץ, וואו ער איז מיט אַ קליין ווײַלע צוריק געשטאַנען...

ער האָט געוואָלט אויסשרייען, בעטען ביים רבי'ן ער זאָל איהם אַרויסלאָזען צו די איבעריגע, ווייל ער האָט פערשטאַנען, אַז דאָ געהט געשעהן איבערנאַטירליכע זאַכען, אָבער זיין לשון האָט איהם ממש אָפּגענומען... ער האָט איין וואָרט ניט געקענט אַרויסברענגען...

דער רבי האָט דערזעהן, ווי ער וואַרפט זיך אַזוי שטאַרק פון שרעק, איז ער צוגעגאַנגען, האָט איהם אָנגענומען פאַר'ן האַנט, האָט איהם צוגעפיהרט צו אַ בענקעל און געהייסען איהם זיך זעצען.

— אָט דאָ הינטער מיר וועסטו זיצען! — האָט דער רבי הויך אויף אַ קול איהם געזאָגט — האַלט זיך אָן אָן דעם שפּיץ פון מיין גאַרטעל... הערען אַלעס וועסטו ניט, אָבער זעהען מעגסטו...

דער רבי האָט קוים די דבורים געענדיגט, ערשט אַ צייטיגע טהיר האָט זיך געעפענט, און אַ יונגערמאַן פון אַ יאָהר עטליכע און דרייסיג איז פּאַמעליך אַריינגעקומען... ער איז געווען אָנגעטהאָן אין גאַנץ ווייסע זיידענע קליידער... זיין פּנים האָט געלויכטען, ממש ווי די זון. די אויגען האָבען געוואָרפען מיט בליצען, אָבער אין זיין קוק איז געווען אויסגעגאָסען אַ ים מיט אהבה, מיט רחמים און חמלה... ווען ער איז אַריינגעקומען, האָט דער רבי ז"ל זיך אויפגעשטעלט מיט גרויס יראת הכבוד...

א קוק געבענדיג אויף דעם אורח, וועלכער האָט מעהר אויסגעזעהן אַלס מלאך ווי מענש, האָט דער אונגעבעטענער בייוואָהנער ר׳ יצחק נאָך מעהר זיך דערשראָקען אָבער ער האָט אַלץ געהאַלטען פעסט אָן דעם ברעג גאַרטעל, ווי דער רבי האָט איהם געזאָגט.

— שלום עליכם רבי מורי! — האָט דער רבי הויך אויסגערופען.

— שלום עליכם! — האָט דער יונגערמאַן שטאַלץ געענטפערט... מיט שטילע טריט איז ער צוגעגאַנגען צום טיש, וואָס איז אין מיטען חדר געשטאַנען און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף א בענקעל...

און ר׳ יצחק האָט דערפיהלט, אַז אַן אונגעוועהנליכער שמועס ווערט יעצט געפיהרט, וואָרים, כאָטש ער האָט די קלאַנגען פון די ווערטער ניט געהערט, האָט ער דאָך פערשטאַנען, אַז דער אורח רעדט, ווייל ער האָט בעוועגט מיט די ליפען, און פון זיין מויל האָבען זיך געשאָטען פונקען, ממש גרויסע פונקען...

א גאַנצע שטונדע איז פאַראיבער... פּלוצלונג האָט דער גביר דערפיהלט, ווי איהם איז פינסטער געוואָרען אין די אויגען, דאָס האַרץ האָט איהם אָנגעפאַנגען שנעל צו קלאַפּען, ווי עס וואָלט געוואָלט ארויסשפּרינגען פון ברוסט, דער אָטהעם איז איהם פערשוואונדען, און איהם האָט זיך געדוכט ווי ער פליהט עפּעס אראָפּ, אראָפּ אין דער שאול תחתיה...

ווען ער איז צו זיך געקומען, האָט ער דערזעהן, אַז ער געפינט זיך אין פינסטערען חדר, וואָס איז נאָר פון א קליין חלב׳נע ליכט בעלויכטען. פון אָנפאַנג האָט ער ניט געוואוסט וואו ער געפינט זיך, ווי ער הייסט און וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט. ביסלעכווייז האָט ער גענומען קומען צו זיך און האָט זיך דערמאָנט אַלעס וואָס מיט איהם איז פאָרגעקומען. ער האָט גענומען זיך ארומקוקען, און האָט דערקענט, אַז ער איז אין דעמזעלבען חדר, וואו ער האָט געדאַוונט מנחה...

— וואו איז דער רבי? — איז איהם דורכגעלאָפען א מחשבה.

— איך בין דאָ! — האָט ער דערהערט דעם רבין׳ס קול, וועלכער איז הינטער איהם געשטאַנען.

— וואָס האָט פּאַסירט ? — האָט ער קוים געקענט אויסרעדען.

— האָסט ניט געזאָלט אָפּלאָזען דעם גאַרטעל ! — האָט דער ליאַדיער ז"ל פּאַמעליך איהם געענטפערט. איך האָב דאָך דיר אָנגעזאָגט, אז דו זאָלסט זיך אָנהאַלטען פעסט אָן גאַרטעל. אָבער דו האָסט מיין פּקודה ניט געפאָלגט. און דערפאַר ביסטו געפאַלען אין חלשות !..

— אָבער דערפאַר האָסטו זוכה געווען צו זעהן דעם אר"י הקדוש ז"ל — האָט דער רבי מיט אַ שמייכעל צוגעגעבען.

ערשט יעצט האָט דער גביר אַ צווייטען מאָל געחלשט...

שפּעטער, ווען דער רבי איז נסתלק געוואָרען, און אדמו"ר ר' דובער האָט ממלא געווען זיין פּלאַץ, און דערוויסענדיג זיך, וואָס מיט ר' יצחק זעלווער איז פאָרגעקומען, האָט ער געהאַט שטאַרקע הקפדה, פאַר דער שאלה, און דורך דיעזער הקפדה, איז ר' יצחק זעלווער פאַר־אָרימט געוואָרען... ער האָט זיינע לעצטע פאַר יאָהר פערבראַכט ביים אדמו"ר ר' דובער אין הויז וואו ער האָט אויך געקראָגען זיינע מזונות...

דעם „צמח-צדק׳ס" חלום

אין דערזועלבער צייט, ווען אדמו״ר ר׳ שניאור זלמן מליאדי, האט געפּראוועט ביי זיך אין חדר התבודדות, האט די גאנצע חבורה געוואָרט מיט אונגעדולד ,אז ר׳ דובער, דעם רבינ׳ס עלטערער זוהן (אדמו״ר האמצעי), זאָל זיך שוין אומקעהרען צוריק פון זיין נסיעה אין קרעמענטשוג, וואו ער איז געפאָהרען אפּזוכען א דירה פאַר זיי, און זיי זאָלען שוין קענען פּטור ווערען פון די גרויסע צרות, וואָס זיי זיינען אין „פּייעני" אויסגעשטאַנען. די שרעקליכע קעלטען האָבען זיך זעהר שווער אָפּגערופען אויף יעדען איינציגען. כמעט אַלע האָבען זיך ניט געפיהלט בקו הבריאה.

און געווען איז עס י׳ח טבת שנת תק"עג. א גאַנצען טאָג האָט זיך ר׳ מנחם - מנדל (צמח-צדק) געפיהלט ניט גוט. די ביינער האָבען איהם עפּעס געבראָכען, דער קאָפּ האָט איהם וועה געטהאָן, און ער האָט געפיהלט היים און קאַלט אין אַלע אברים. פאַרנאַכט האָט ער געקראָגען היץ, און האָט זיך געמוזט צולעגען אין בעט... עס איז געוואָרען א שטיקעל מהומה. חברה האָבען זיך דערשראָקען, וואָרום אויסגעמאַטערט איז ער געווען, האָבען זיי מורא געהאַט, ער זאָל, חלילה, ניט שטאַרק קראַנק ווערען.

— אפשר לאָזען וויסען דעם צדיק? — האָבען זיי איהם געפרעגט.

— ניין, מ׳דאַרף איהם ניט מצער זיין — האָט ער זיי בעפוילען — עס וועט פאָראיבער. אָט לאָזט מיר אליין. ביז מאָרגען אי"ה וועט אַלעס זיין גוט. —

א היבשע ווײַלע איז ער געלעגען, אָבער ענדליך האָט ער דערפיהלט א מין שוואַכקייט, די אויגען האָבען זיך איהם גענומען פער-מאַכען און איהם האָט זיך געדוכט, ווי ער שוועבט, שוועבט הויך ווייט, ווייט אוועק...

און פּלוצלונג האָט זיך איהם אויסגעוויזען, ווי אַן אַלטער מאַן,

מיט אַ לאַנגער שניי־ווייסער באָרד, מיט אַ אויסערגעוועהנליכען פּנים, ממש די שכינה רוהט אויף איהם, האָט איהם אָנגענומען פאַר'ן האנד...

— קום! — האָט דער זקן צו איהם געזאָגט, — שוין צייט מתפלל זיין...

און דער אַלטער געהט פאָראויס, און ער, ר' מנחם־מנדל, געהט איהם נאָך. ער פיהרט איהם אויף אַ גלאַטען, ברייטען, אויסגעטראָטע־נעם וועג... און פוןביידע זייטען וועג וואַקסען שעהנע הויכע בוימער, מיט טייערע גרינע בלעטער, וועלכע גיבען אַרוים פון זיך אַ זעלטענעם ריח־נחוח... און די בוימער, דוכט זיך איהם, שאָקלען זיך און בעוועגען זיך רעגעלמעסיג נאָכ'ן טאַקט פון דעם אַלטענס טריט... און זייערע צווייגען זיינען אויסגעבויגען אין איין זייט — צום אַלטען צו... און ווען דער אַלטער וואַרפט זיין בליק אויף אַ בוים, לעבט דער בוים אויף, ער ווערט גרין, פריש, און קריגט ממש אַ נייע נשמה, ווי די בליקען פון דעם אַלטען מאַן וואָלטען אריינגעגעבען אַ רוח־אלקים אין יעדען בוים... אָבער מאָדנע, אויך דער אַלטער קלייבט נחת פון די בוימער... אז ער זעהט אַ בוים וואַקסט, גרינט, איז פריש, צווייגענהאַפטיג, בעוועגט זיך רעגעלמעסיג, און ציהט השפעה פון זיינע בליקען, האָט ער דערפון נחת־רוח... איהם טהוט הנאה, וואָס ער גיט כח און לעבע־דיגקייט צו די בוימער...

און דער אַלטער האַלט איהם פעסט פאַר'ן האנד און געהט פאָראויס, ער רעדט ניט קיין וואָרט, קוקט זיך ניט אום אויף איהם, נור געהט זיך זיין וועג. און איהם דוכט זיך, אז אויך צווישען איהם און דעם אַלטען בעגלייטער זיינעם ציהען זיך געהיימע ניט בעמערק־באַרע פעדעם, וואָס קניפּען איהם צו אָט דעם אונבעקאַנטען וועג־ווייזער, אז צווישען איהם און דעם אַלטען איז עפּעס דאָ אַ געמיינזאַמער כח, וואָס האַלט זיי צוזאַמען. און אין האַרצען פיהלט ער אַ שטאַרקע ליעבשאַפט צו איהם.

אַ לאַנגע צייט האָט ער איהם געפיהרט, ביז זיי זיינען צוגעקומען צו אַ שעהנעם פּאַלאַץ, וועלכער איז געשטאַנען אויף אַ הויכען באַרג.

— אָט דאָ וועלען מיר מתפלל זיין! — האָט דער אונבעקאַנ־טער זיך געווענדעט צו ר' מנחם־מנדל'ן — קום אריין אינוויינינ!

דער אלטער האט געעפענט א טהיר און זיי זיינען אריינגע־קומען. א אויסערגעוועהנליכע ליכטיגקייט, כאור החמה שבעתים, האט איהם א גלאנץ געטהאן אין די אויגען. פון די ווענט האט געבלאנקט און געפינקעלט, אזוי ווי טויזענדער סאמאראגדען און רובינען וואלטען אין זיי געווען אריינגעזעצט... און דער חדר אין וועלכען זיי זיינען אריינגעקומען איז געווען זעהר א גרויסער, עס זיינען דארטען געווען אויסגעשטעלט טויזענדער בענק, אבער קיין בן־אדם איז דארטען ניט געווען. עס האט געהערשט א זעלטענע הייליגע שטילקייט. און כאטש עס האט זיך ניט געהערט קיין פיפס, קיין שארך. קיין ריהר, קיין בעוועגונג, דאך האט זיך געפיהלט לעבען... דעם „צמח־צדק" ז"ל האט זיך גערוכט, אז די שיינענדע שטראהלען זיינען עפעס ניט קיין פשוט'ע, נאר זיי שימערען, פינקלען און טאנצען מיט א מאדנע חדוה און שמחה, ווי זיי וואלטען געדרעהט זיך אין א התלהבות'דיגען רקוד'ל, ווי חסידים אמאהל ביי זיין זיידען ביי א מלוה־מלכה פלעגען עס טהאן.

— קום אהין! אט דארטען צום טיש! — האט דער אלטער ווידער געזאגט, און האט איהם אנגענומען פאר'ן האנד און געפיהרט איבער'ן חדר צו א טיש, וואס איז געשטאנען הארט לעבען צווייטען וואנט...

ווי פערוואונדערט איז ער געווארען, ווען ער האט דערזעהן אויפ'ן טיש א ספר־תורה, וועלכע איז געלעגען אין א זיידען־מענטעלע מיט א שעהנעם כתר, קינסטלעריש אויסגעהעפט... שוין א לאנגע צייט האט ער אזא מאדנע שטיקעל ארבייט ניט געזעהן. ער איז געבליבען שטעהן פערגאפט...

— ווער האט אזא שעהן מענטעלע געמאכט? — האט ער אויסגערופען.

אבער אז ער האט קיין ענטפער ניט געקראגען, האט ער זיך אומגעקוקט, און ער האט דערזעהן, אז ער איז גאר אליין אין חדר... דער אלטער איז געווען פערשוואונדען.

— וואו בין איך דא? — האט ער אויסגעשריען.

און פלוצלונג האט ער דערפיהלט, ווי אין חדר האט גענומען בלאזען א קאלט ווינטעל, און וואס ווייטער איז דאס ווינטעל געווארען

שטאַרקער, שטורמדיגער... עס איז שוין ניט געווען קיין ווינטעל, נור אַ שטאַרקער, קאַלטער בייזער ווינט. און מיט יעדער רגע ווערט עס אַלץ מעהר צאָרענדיגער, שטורמישער, שרעקליכער... און וואָס מעהר דער ווינט שטאַרקט זיך, אַלץ מעהר פאַנגען זיך אָן די שיינענדע שטראַהלען אויסצולעשען, און אַ מורא'דיגע גערדיכטע פינסטערניש רוקט זיך אָן אין חדר...

און דער ווינט בלאָזט אין איין זייט אויף דעם וועג צו דער ספר־תורה, גלייך ווי עפּעס אַ געהיימע האַנט וויל די ספר תורה אויס־כאַפּען און אוועקבלאָזען...

אַ שרעקליכער פּחד האָט איהם אַרומגעכאַפּט... הענט און פיס האָבען אָנגעפאַנגען צו טרייסלען. ער האָט פערגעסען וואו און וואָס ער איז, ער האָט פערגעסען, אַז אַן אַלטער אונבעקאַנטער מאַן האָט איהם געבראַכט אין אַ אונבעוואוסטען פּלאַץ, נור אַ געפיהל האָט איהם בעהערשט: „מען מוז פערהיטען די ספר־תורה!"

און אַז דער ווינט איז געוואָרען אויסערגעוועהנליך שטאַרק, און האָט שוין גענומען מיט כח שטופּען די ספר־תורה, האָט ער זיך מיט אימפּעט געלאָזען זי פערהאַלטען. אָבער ער איז שוין געווען שפּעט. אין דערזעלבער מינוט, ווען ער האָט שוין געוואָלט זי אַ כאַפּ טהאָן, האָט אַ בלאָז געטהאָן דער ווינט מיט אַ שרעקליכען כח און די ספר־תורה איז אַראָפּגעפאַלען...

אַ האַרצרייסענדער געשריי האָט זיך אַרויסגעריסען פון דער טיפעניש פון זיין האַרצען. עס איז איהם פינסטער געוואָרען אין די אויגען, דאָס האַרץ האָט איהם אָנגעפאַנגען שרעקליך צו קלאַפּען, און אַ שוויים האָט איהם אַרויסגעשלאָגען פון גאַנצען גוף... ער האָט זיך געוואָלט ריהרען פון אָרט, אָבער ער האָט ניט געקענט. ער האָט געוואָלט לויפען אויפהויבען די ספר־תורה, אָבער די הענט און פיס האָבען איהם ווי אָבגענומען...

אַ מינוט איז פערביי, אָבער איהם האָט זיך געדאַכט, ווי עס וואָלט פערגאַנגען אַן אייביגקייט.

ענדליך האָט ער זיך געשטאַרקט, און מיט גאָר זיינע כחות איז ער צוגעלאָפען און האָט אויפגעהויבען די ספר־תורה, אין דער זעלבער

רגע האָט דער ווינט נאָכגעלאָזען, די פינסטערניש איז פערשוואונדען און ווידער האָט פון די וועגט אָנגעפאנגען ארויסצושטראהלען א זעלטענע שעהנע ליכטיגקייט...

—געלויבט איז השם־יתברך! —האָט ער מיט זיין גאנצען כח אויסגעשריען — און האָט געעפענט די אויגען...

לעבען איהם איז געשטאנען זיין זיידע, דער צדיק אדמו"ר ר' שניאור זלמן, און א ליעבער שמייכעל האָט זיך ברייט אויסגעגאָסען איבער זיין שעהנעם פנים...

נו, — דו האָסט די ספר־תורה אויפגעהויבען? — האָט ער שטיל צו זיין אייניקעל געזאָגט...

— וואו בין איך געווען? — האָט אדמו"ר ר' מנחם־מנדל געפרעגט.

— דאָס איז א סוד. אָבער א דאנק גאָט. יעצט וויים איך, אז דו וועסט ווערט זיין מיין אָרט צו פערנעהמען...

— און ווער איז יענער אלטער געווען? —

—נו,—דו האָסט די ספר־תורה אויפגעהויבען? —האָט ער זענען געווען אויפ'ן וועג קיין מאָסקווע, און איך האָב דיך פאָרגעשטעלט דעמזעלבען אלטען מאַן?...

—דער בעל־שם־טוב! — האָט שטיל געמורמעלט אדמו"ר ר' מנחם־מנדל... יאָ, יעצט וויים איך... טאקע דערזעלבער.

— אָבער ווי אזוי האָב איך איהם דאָס גלייך ניט דערקענט? — האָט ער שטיל געפרעגט, נאָך אלץ ניט קענענדיג קומען צו זיך.

— אם ירצה השם, אין א וואָך ארום, וועסטו אלעס, אליין פערשטעהן, און יעצט שלאָף זיך אוים און האָב א רפואה שלמה...—

און תיכף ־ ומיד איז דער שפעטערדיגער גרויסער רבי איינגע־שלאָפען מיט א זיסען אנגענעהמען שלאָף...

ווי אזוי אַ צדיק שטאַרבט

געווען איז עס דינסטאָג י"ט טבת שנת תקע"ג. די גאַנצע חבורה, וועלכע האָט זיך געפונען אין „פייעני", וואו דער ביטערער מזל האָט זיי פערטריבען, האָט מיט גרויס יראת־הכבוד געוואַרט, אַז דער צדיק־הדור אדמו"ר ר' שניאור זלמן מליאַדי, זאָל אַרויסקומען פון זיין חדר מיוחד, וואו ער פלעגט גאַנצע טעג פערברייינגען אין יחידות און התבודדות, און זאָל ווי אימער עפּעס נעהמען אין מויל אריין, כדי צו בענשען מיט אַ מזומן „נברך לאלהנו", ווי ער האָט זיך תמיד נוהג געווען צו טהאָן.

אָבער, אַז עס איז אַוועק אַ שטונדע, אַ צווייטע, און דער רבי, ז"ל, איז ניט אַרויסגעקומען, האָט מען זיך גענומען בעאונרוהיגען, ווייל מען האָט געוואוסט, אַז ער, ז"ל, איז זעהר פּינקטליך. נאָך אַ לאַנגען ישוב־הדעת איז ביי אַלעמען געבליבען, אַז זיין אייניקעל ר' מנחם מנדל (צמח צדק) זאָל געהן און איהם דערמאָנען, אַז עס איז שוין צייט צו נעהמען עפּעס אין זיין הייליגען מויל אַריין...

אדמו"ר ר' מנחם מנדל, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז דער ליאַדיער וויל ניט ליידען, ווען מען שטערט איהם אין זיין התבודדות, האָט דאָך גענומען אויף זיך די שליחות, און האָט שטיל אָנגעקלאַפּט אין טיהר פון דעם חדר, וואו דער צדיק האָט זיך געפונען.

ווי דערשראָקען איז ער געוואָרען, ווען ער האָט קיין ענטפער ניט בעקומען. ער האָט פּרובירט אָנקלאַפּען העכער, אָבער אויך דאָס מאָל איז קיין תשובה ניט געקומען.

דער צמח־צדק איז אַ ווײַלע געשטאַנען און האָט זיך ניט געקענט קיין עצה געבען, וואָס צו טהאָן, אָבער ענדליך, האָט ער שטיל געעפענט די טהיר און איז אַריינגעגאַנגען.

הענד און פיס האָבען איהם גענומען ציטערן, ווען ער האָט דערזעהן, אַז דער רבי ליגט אין בעט, די אויגען האַלב פערגלאָצט צו דער סטעליע און פון זיין מויל שלאָגט אַ גרינליכע שוים...

— אדוני זקני מורי! — איז דער אייניקעל זיינער צו איהם צוגעלאָפען — וואָס אזוינס איז געשעהן?!

דער רבי, ז"ל, האָט זיך אַ קעהר געטהאָן צום צמח־צדק.

— שאַ! — האָט ער שטיל געזאָגט — שאַ! אַ, דאָס ביסטו? זעהר גוט! זאָג מיר וואָס זעהסטו דאָרט אויבען?

ר' מנחם מנדל האָט שנעל אויפגעהויבען זיינע אויגען צו דער סטעליע, אָבער ער האָט קיין אויסערגעוועהנליכעס ניט בעמערקט.

— אבי זקני! — האָט ער פאַרשעהמט גענטפערט — איך זעה גאָרנישט, אויסער דעם באַלקען.

— זעהסטו, און איך זעה ניט קיין באַלקען. איך זעה נור דעם חיות און די רוחניות וואָס געפינט זיך אין יעדער זאַך. דעם כח האלקי, וועלכער איז מחיה ומהוה אַלעס וואָס געפינט זיך און עקזיסטירט אויף דעם עולם השפל... איך זעה נור די געטליכע קראַפט, וואָס גיט די מעגליכקייט יעדער זאַך זי זאָל אויפהאַלטען איהר קיום און ניט פונאַנדערפאַלען זיך אויף איהרע יסודות. פון וועלכע זי איז צוזאַמענגעשטעלט... אָט, אדרבא, הויב אויף דיינע אויגען און קוק...

און ווידער האָט דער יונגער ר' מנחם מנדל זיינע אויגען צום באַלקען געווענדעט... און איהם האָט זיך געדוכט, אז אָט אין דעם באַלקען, אויף דער סטעליע, איבעראַל זעהט ער דינע קליינע ליכטיגע פונקען, וואָס שלענגלען זיך, ציהען זיך, בעהעפטען זיך איינע מיט די אַנדערע און בילדען אויסטערליש שעהנע פלעמלעך, וועלכע בויגען זיך, בעוועגען זיך, שפּרייטען זיך אוים און דרינגען דורך אין יעדען טהיילכעל פון דעם האָלץ, און די פלעמלעך זיינען ניט קיין בעזונדערע איינציגע פונקען, נור זיינען אַלע צוזאַמען איין ליכטינגער גרויסער, לאַנגער שטראַהל, וואָס ציהט זיך פון דער הויך ווייט, ווייט ערגעץ פון אויבען. און די שטראַהלען פון יעדער זאַך, וואָס אין חדר געפינט זיך, וואָס ווייטער, וואָס העכער זיי ציהען זיך, אַלץ נעהנטער ווערען זיי מיט די אַנדערע ביז זיי בעהעפטען זיך, מישען זיך אוים און בילדען אַ גרויסע, שעהנע ליכט, וועלכער ציהט זיך הויך, הויך אַזש אין הימעל אריין.

— שעהן!.. זעהר שעהן!.. וואונדערבאַר!.. האָבען זיינע ליפּען געשעפּטשעט.. און ווידער האָט ער זיינע אויגען צו זיין ליעבען

זיידען געווענדעט. און אַ שרעקליכער האַרצרייסענדער געשריי האָט זיך פון זיינע ליפּען אַרויסגעריסען:

— מה היום מיומים? — האָט ער מיט גאַר זיינע כחות אויסגערופען.

— מיין קינד! — האָט דער רבי שטיל מיט ליעבשאַפט אויסגערופען — מיין רבי און חבר ר׳ אברהם הקדוש (ר׳ אברהמעלע מלאך) איז גערעכט געווען. איך מוז בעצאָהלען... אין דעם טאָג, ווען נאַפּאָלעאָן וועט אַרויסטרעטען פון דער רוסישער גרענעץ וועל איך אייך פערלאָזען... אראלים נצחו, און איך ווער פאַרבעטען אין דער ישיבה של מעלה...

דאָס האַרץ פון דעם צוקונפטיגען צמח־צדק האָט זיך פאַרקוועטשט ווען ער האָט די ווערטער דערהערט. ער האָט פערשטאַנען, אַז יעצט איז געקומען די צייט, ווען ער וועט זיך מיט זיין ליעבען טייערן זיידען דאַרפען געזעגענען... צוויי גרויסע טרעהרען האָבען זיך פון זיינע אויגען אַרויסגעריסען, און האָבען זיך געקייקעלט איבער זיין שעהנעם ליכטיגען פנים... דער רבי, ז״ל, האָט עס בעמערקט...

— ניין! — האָט ער שטיל אַרויסגערעדט — פאַר אַ צוקונפטיגען מנהיג פון אנשי שלומנו פאַסט עס ניט! איך, קינד מיינס, האָב אויף דעם עולם מיינס שוין אָפּגעטהאָן... יעצט מוז מען געהן... אָבער דערווייל מאַך קיין טומעל ניט... עס וועט נאָך נעהמען אייניגע טעג. נאַפּאָלעאָן איז יעצט לעבען קאָוונע. איידער ער וועט אַריבער דעם פּרייסישען גרענעץ, וועט נאָך נעהמען פינף טעג...

— אָבער, די בני־בית וואַרטען דאָך אויף אייך. וואָס זאָל איך זיי זאָגען?

— זאָג זיי, אַז איך פיהל ניט בקו הבריאָה און דערפאַר קען איך צו זיי ניט אַרויסגעהן... און וויסען זאָלסטו, אַז די דברים גשמיים עקזיסטירען שוין מעהר ניט פאַר מיר... איך דאַרף גאָרנישט... יעצט וועסטו שוין פערברייינגען דיין צייט אָט דאָ ביי מיר אין חדר... און די בני בית וועל איך אַריינרופען, ווען איך וועל עס געפינען פאַר נויטיג. יעצט געה!

אַ דערציטערטער, איז אדמו״ר ר׳ מנחם מנדל פון דעם חדר אַרויס.

— דער זיידע פיהלט ניט גוט — קען ער דערפאר צו אייך ניט ארויסקומען, אבער ער האט בעפוילען קיינער, אויסער מיך, זאל צו איהם ניט אריינקומען, ביז ער וועט נאך אייך שיקען רופען.

די ווערטער האט ער געזאגט מיט אזא שטילען טרויערינען קול, דאס אלע האבען באלד פערשטאנען, אז דא איז עפעס ניט גלאט. א שרעקליכער געוויין האט פערקלונגען דאס הויז. עס איז געווארען א גוואלטיגע אויסערגעוועהנליכע מהומה, ווי צומישטע האבען זיי זיך געלאזט לויפען איבער'ן צימער, שרייענדיג און ליארמענדיג. מיט גרויס מיה און אנשטרענגונג איז איהם קוים געלונגען זיי אביסעל איינ־שטילען...

———— : : ————

פינף טעג זיינען פאראיבער. א שרעקליכער טרויער האט ארומגעכאפט דאס קליינע דארפישע הייזקע... יעדער איינער האט געפיהלט און פערשטאנען, אז אט באלד, באלד און עטוואס שרעקליכעס וועט געשעהן. א פינסטערע מרה שחורה האט זיך אויסגעצויגען אויף יעדענס פנים... קיינער האט צום אנדערן קיין ווארט ניט גערעדט. מען איז נור געזעסען אין די ווינקעלעך און געקוקט בכליון עינים, אז ר' מנחם מנדל זאל ארויסקומען און זאגען, וואס דער רבי טהוט...

און דער רבי אליין איז געלעגען אין זיין חדר און האט זיך געקארטשעט פון וועהטאג, ווארום ער האט די גאנצע פינף טעג געשפיגען מיט גאל... ער האט געליטען פון גאל קראנקהייט... דאך איז ער געווען רוהיג... ווען ער פלעגט זיך פיהלען אביסעל לייכטער, פלעגט ער זאגען דברי תורה און געהייסען עס זיין איידיקעל פערציי־כענען... דער פינפטער טאג איז דאן אויסגעקומען שבת קודש כ"ד טבת... א גאנצען טאג האט דער רבי, ז"ל, פערבראכט אין תורה ועבודה... אז עס איז פינסטער געווארען, האט ער זיך געהייסען דערלאנגען וואסער און האט זיך גענומען צו תפלת ערבית...

און אז עס איז געקומען צו דער הבדלה אין דער ברכה פון חונן הדעת, האט ער עס געזאגט אין דער הויך מיט אזוי פיעל דבקות, מיט אזוי פיעל התלהבות, אזש ממש פונקען האבען פון זיין פה הקדוש געשפריצט...

אדמו"ר ר' מנחם מנדל, וועלכער איז געשטאַנען אין א ווינקעל און האָט שטיל פאַר זיך מתפלל געווען מיט א שווער הארץ, האָט גראַדע פאַרענדיגט שמונה עשרה און האָט זיך אומגעקוקט אויפ'ן רבי'ן, און ער האָט דערזעהן, ווי ארום דעם בעטעל שיינט א זעלטענע אויסטער־לישע ליכטיגקייט, און דעם רבינ'ס פנים איז געווען פערפלאָמט און פון זיינע פערמאַכטע אויגען האָבען זיך געקייקעלט טראָפּענס גרויסע טרעהרען...

שטיל מיט אן אראָבגעלאָזטען קאָפּ איז דער צמח צדק געשטאַ־נען, און האָט געקוקט מיט גרוים טרויער אויף דעם, וועלכער האָט איהם ערצויגען און אויסגעהאָדעוועט, וועלכער האָט איהם מעהר ווי א קינד ליעב געהאַט, וועלכער האָט איהם געלערנט און ממשיך געווען לעבודת הבורא... ער האָט ניט געקענט אָפּרייסען זיין בליק פון דעם שעהנעם ליכטיגען פנים. פון דער גרויסער, לאַנגער גראָהער באָרד, פון די גרויסע זיידענע ברעמען, ברעמען וועלכע פאַרדעקען די אויגען, וואָס האָבען געקוקט כאספקלריא המאירה... שטיל האָט ער זיך איינגע־הערט צו די טרויעריגע קלאַנגען, וואָס זיינען דאָך דורכגעווייקט געווען מיט שמחה... שטיל האָט ער איינגעזאַפּט אין זיך די קולות, וואָס האָבען זיך ארויסגעריסען פון צדיק'ס מויל, בעטאָנענדיג יעדען וואָרט מיט אזא מין מתיקות, מיט אזא מין גבורה, מיט אזא מין התלהבות, אזש ממש די כחות זיינען איהם אויסגעגאַנגען. ער האָט ניט געוואַגט א ריהר צו טהאָן זיך, דאָס מויל צו עפּענען, און אזוי איז ער געשטאַנען, ביז דער רבי, ז"ל, האָט תפלת ערבית פאַרענדיגט.

— גוט וואָך, מיין קינד — האָט דער רבי ענדליך ארויסגע־רעדט — געה! און רוף אריין די באָבען און אלע אונזעריגע. איך וויל זיי עפּעס זאָגען.

ווען ר' מנחם מנדל איז ארויסגעגאַנגען אויספיהרען זיין בעפעהל, האָט ער אין צווייטען חדר בעמערקט ווי א מאַן, איינער פון גענעראל טאָלסטאָי'ס משולחים שטעהט ביים טהיר.

— וואָס איז פאַר נייעס? — האָט אדמו"ר דער צמח־צדק איהם א פרעג געטהאָן.

— זיין „פרעוואָסכאָדיטעלסטווא" דער גענעראל טאָלסטאָי, האָט געשיקט זאָגען דעם „סטאַרי ראַבין", אז נעכטען איז שוין נאַפּאָ־

לעאַן געווען ביים גרענעץ און אַז הײנט בײנאַכט, וועט שוין, האָפענטליך, נאַפּאָלעאָן און זײנע רעשטליך חילות האָבען אינגאַנצען פערלאָזט רוסלאַנד.

אַ פינסטערער וואָלקען האָט זיך איבער דעם צמח־צדק׳ס, ז״ל, פּנים אַריבערגעצויגען.

— געהט אַרײן צום זײדען אין חדר! — האָט ער אויסגע־שריען מיט גאָר זײנע כחות — ער וויל אײך אַלעמען זעהן!

מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און פערביטערטע הערצער האָבען זיך די מקורבים פון אדמו״ר ר׳ שניאור זלמן מליאדי, אײנציגווייז און שטילערהייט אַרײנגעלאָזען אין רבינ׳ס חדר. אָבער, ווען זײ האָבען דערזעהן, ווי דער הײליגער מאַן ליגט אין זײן בעט מיט פערמאַכטע אויגען, דאָס פּנים איז איהם געל, און אַ וועלט פון לײדען איז אויסגעגאָסען אויף זײן געזיכט, האָבען אַלע אויסגעבראָכען אין אַ שרעקליכען האַרצרײסענדען געשרײ, און דער חדר האָט זיך פּלוצלונג פערוואַנדעלט אין אַ עמק־הבכא...

דער צדיק האָט פּאַמעליך אויפגעמאַכט זײנע ליכטיגע אויגען, און האָט אַ ווײלע בעטראַכט די אַנוועזענדע.

— וואָס האָט איהר זיך אַזוי צעוויינט? — האָט ער שטיל אַרויסגערעדט, בעת אַ שטאַרקע רויטקייט האָט זײן פּנים בעדעקט, און אַ ברײטער שמײכעל האָט זײנע ליפּען בעציערט — איהר דאַרפט גאָר ניט וויינען. אדרבא! אַ גאַנצען חדש האָב איך פערבראַכט מיט מײנע הײליגע רביים, און האָב זיך געלערנט דעם גרויסען סוד פון איבערגעבען די נשמה צו איהר מקור, און יעצט איז געקומען די צײט, ווען איך קען עס מקיים זײן, טאָ צו וואָס איז דאָס וויינען? און בכלל וועט איהר דערמיט קײנעם ניט העלפען. בגזרות בעל ואב הײם איך אײך שווייגען!

אַלע זײנען ענטשוויגען געוואָרען, נור ניט אַזוי גיך האָבען די שלוכצען פון די נשים אויפגעהערט. דער רבי האָט אַ וואונק געטהאָן צו זײן אייניקעל ר׳ מנחם מנדל (אדמו״ר צמח־צדק):

— קום אהער! — האָט ער מיט גרויס ליעבשאַפט צו איהם געזאָגט — אָט איז דער גאַנצער בינטעל פון מײנע כתבים. נעהם עס צו זיך! זײ וועלען דיר צוניץ קומען...

און אין דער שטיל, קוים צו הערען, האָט ער מוסיף געווען:

— מובטחני, אז איך לאָז עס איבער אין גוטע הענט. אחי יהודה לייב פלעגט שרייבען, ווי איך זאָג, בני ר' דובער האָט געשריבען, ווי איך מיין, און מיין אייניקעל האָט פערשריבען מיינע דבורים, ווי איך זאָג און ווי איך מיין...

מיט ציטערענדע הענט האָט דער יונגערמאַן גענומען דעם פעקעל כתבים, און הייסע זודיגע טרעהרען האָבען זיך פון זיינע אויגען געגאָסען.

אלע זיינען געשטאַנען ווי געלייםטע. קיינער האָט ניט געוואגט זיך אַ ריהר צו טהאָן. מען האָט נור געקענט הערען, ווי ביי יעדערען קלאַפט שנעל, שנעל דאָס הארץ, ווי עס וואָלט וועלען זיך ארויסרייסען פון פלאַץ און פערטראָגען זיך ערגעץ ווייט, ווייט אין אנדערע וועלטען...

אויך דער רבי איז שטיל געלעגען. זיין פנים האָט פאַמעלאַך זיך אָנגעפאַנגען צו בעדעקען מיט אַ ווייסקייט, זיינע ליפען האָט ער פעסט צוזאַמענגעדריקט און דאָך האָט זיך געשלענגעלט איבער זיי אַ הייליגער צופרידענער שמייכעל...

און אלעמען האָט זיך געדוכט, ווי עפּעס אַ הערליכע פרעכטיגע ליכטיגקייט דרינגט אריין אין דעם טונקעלען חדר. די ליכטיגקייט שפרייט זיך אויס, פאַרגרעסערט זיך, ווערט העלער און העלער און פון יעדען ווינקעל, פון יעדער זאַך שטראַהלט ארויס אַן אור־האלהים... און וואָס מעהר די ליכטיגקייט פערגרעסערט זיך, אלץ מעהר חדוה, מעהר שמחה גיסט זיך אויס איבער דעם הייליגען צדיק'ס פנים, אלץ מעהר התלהבות, אלץ מעהר דבקות זעהט מען אויף זיינע פערמאַכטע אויגען...

און דאכט זיך צוזאַמען מיט דער ליכטיגקייט דרינגען אריין אין חדר אזעלכע שטילע אָנגענעהמע קלאַנגען. ניט קיין קולות פון צער, פון טרויער, נור קולות פון שירים, פון אַ הימליכען געזאַנג, ווי אַ גאַנצע מחנה מלאכים וואָלטען עפּעס אַ פרעהליכעס, אַ לעבעדיגעס, אַ טאַנצענדיגעס שמחת תורה ניגון געזונגען... ווי אַ גאַנצער כאָהר וואָלט עפּעס אַ זמר'ל אויפגעשפּיעלט. און די קולות גהען און דרינגען אריין אין יעדערענס נשמה, אין יעדערענס הארצען און דערוועקען אַ

געפיהל פון אהבה צו דעם בורא כל העולמים, און צו זיין גאנצער בריאה, זיי פילען אָן די נשמה מיט א לוסט צום אויסטהאָן זיך פון דער גאנצער שפלות׳דיגער הבל־הבלים׳דיגער וועלט, און אוועקשוועבען וויים אין אַן אנדער וועלט, וואו „צדיקים יושבים, ועטרותיהם בראשיהם“; וואו קיין אנדער זאך אויסער דעם זעלטענעם געגוס און תענוג פון לערנען און פערשטעהן דעם אמת עקזיסטירט נים, אין א וועלט, וואו מען וויים נים פון קיין זאך, נור נהנים מזיו השכינה, וואו עס שיינט און עס שימערט דער שטעמפעל פון קודשא בריך הוא, — דער אמת...

און אלע שטעהען ווי בעצויבערט. פערגעסען געוואָרען די צרות, פערגעסען געוואָרען די טראגעדיע, וואָס עס שפּיעלט זיך אָפּ פאר זייערע אויגען, אז דער גרויסער צדיק, דער מאור עינים, דער גרויסער מענשענפריינד, דער וואָס האָט א גאנצער וועלט מיט מענשען אריינ־געגעבען א נייע נשמה, א נייעם חוש, אז דער וועלכער האָט אזוי פיעל אידען מחיה געווען מיט זיינע זיסע דברי־תנחומים; אז דער, גרויסער איד און גרויסער מענש געהט אויף אימער און אייביג פער־לאָזען זיינע טייערע און ליעבסטע. נור אלע שטעהען און זאפּען אין זיך אריין די שעהנע הערליכע קלאנגען, וואָס גיסען זיך אזוי שטיל, אזוי אָנגענעהם, אזוי הארציג...

און אלע שווייגען פערטרוימט... אָבער פּלוצלונג האָט דער רבי ברייט געעפענט זיינע אויגען, האָט זיך צוזאמענגענומען, אויפגע־הויבען און זיך אויפגעזעצט.

— גיך דערלאנגט מיר פּאפּיר און א טינט און פעדער! — האָט ער מיט גבורה אויסגעשריען — איך מוז נאָך פערצייכענען אייניגע ווערטער, וועלכע זיינען מיר אויף דער מחשבה ארויף, און מיט וועלכע איך וויל מיין פערברייגגען אויף דעם עולם השפל פארענדיגען...

אָבער קיינער האָט זיך פון אָרט נים גערירט. זיי זיינען גע־שטאנען ווי פערשטיינערטע, ווי מענשען, וואָס האָבען פערלאָרען דעם חוש השמיעה, אָדער ווי מענשען, וועלכע האָבען פארגעסען ריידען...

— גיכער גיט מיר פּאפּיר און א פעדער! — האָט דער רבי ווידערהאָלט זיין ביטע. — שנעלער! ווארום די צייט איז קורץ.

ערשט יעצט האָט דעם רבינ׳ס, ז״ל, אייניקעל ר׳ מנחם מנדל רעכט פערשטאנען דעם רבינ׳ס בקשה. מיט האסט האָט ער זיך

געלאָזט צום טיש, האָט געכאַפּט אַ שטיקעל פּאַפּיר, האָט איינגע־טונקט די פּעדער אין טינט און האָט עס דעם צדיק דערלאַנגט.

און מיט ציטערענדע הענט האָט דער רבי זיך גענומען שנעל אָנוואַרפן אויפ'ן פּאַפּיר די ווערטער, וועלכע זיינען אין די לעצטע מינוטען איהם אויף דער מחשבה געקומען. אַ וואָסערע צעהן מינוטען האָט ער געשריבען.

און די ווערטער אויפ'ן פּאַפּיר האָבען זיך געצויגען שנעל, קענטיג, ער האָט זיך געאיילט, ער זאָל ניט פאַרשפּעטיגען אויפצושריי־בען די געדאַנקען, וועלכע האָבען איהם געדריקט.

ווען דער רבי האָט פערענדיגט שרייבען, האָט ער דעם כתב דערלאַנגט זיין געליעבטען אייניקעל. אייניגע מינוטען האָט ער בע־טראַכט די אָנוועזענדע, האָט שטאַרק אריינגעקוקט יעדען אין די אויגען, דאַן האָט ער פּאַמעליך צוריקגעלעגט זיך אין בעטעל...

אַ שרעקליכע שטילקייט האָט געהערשט אין חדר... קיינער האָט ניט געוואָגט זיך אַ ריהר צו טהאָן, קיינער האָט אפילו מיט די אויגען ניט געפּינטעלט. ווי געלעהמטע זענען זיי געשטאַנען און געקוקט אויף דעם געליעבטען פאָטער זייערען, וועלכער האָט פּאַמעליך געשלאָסען די אויגען, אויסגעצויגען די הענט, זיך אויסגעגלייכט, און די ליפּען האָבען שטיל, שטיל געשעפּטשעט ווערטער, וואָס מען האָט ניט געקענט אויפכאַפּען מיט די אויערען...

אָבער פּלוצלונג האָט זיך יעדען געדוכט, ווי טיעף, טיעף איני־ווענינ אין דער נשמה זינגט עפּעס, שפּיעלט עפּעס... מען הערט ניט קיין קולות, מען זעהט ניט קיין כלי — שיר, נאָר מען פיהלט, אז עס זינגט ערגעץ וואו אַ גרויסער כאָהר, אזוי זיס, אזוי ליעב, אזוי אנגענעהם, מיט אַ הימלישע הנאה... אָבער דאָס זינגען, דאָס שפּילען ווערט פון מינוט אַלץ שטילער, און שטילער... אָט דאַכט זיך האָט איינער זיין אינסטרומענט אַוועקגעלעגט. באַלד האָט דאָס זעלבע אַ צווייטער און אַ דריטער געטהאָן, די שטימען ווערען ווינציגער, נאָר עס דוכט זיך ווי איין קליין פידעלע שפּיעלט נאָך, וויל ניט מפסיק זיין, ווי די איבעריגע האָבען עס געטהאָן... און יעדערער ווינשט זיך, אַז דאָס פיעדעלע זאָל איהרע הימלישע טענער ניט אויפהערען אַרויסצוגיסען... און דאָס הארץ ווערט איבערפילט מיט

[illegible] ווערען...

[illegible] אויפגעטרייסעלט... דאכט זיך

[illegible] צווייטע האט זיך אפגעריסען.

[illegible] זיך, וויל ניט אויפגעבען זיין ארבייט.

[illegible] צו שפילען אויף די צוויי איבערגע־

בליבענע סטרונעס. אלע האלטען דעם אטהעם איינגעהאלטען, דאס

[illegible], די קניה בויגען זיך, אין יעדערער ווינשט,

[illegible] קיין בייז ניט געשעהן. אבער אומזיסט איז

זייער ווינשען. א [illegible] ווילע פערגעהט און א דריטע סטרונע האט

[illegible] זיך נאך א דינער טאן, א שטילער ניגונדיל.

[illegible] די לעצטע סטרונע ארויס... אבער א ווילע

[illegible] די לעצטע סטרונע האט געפלאצט...

[illegible] האט זיך, ממש דאס הארץ אבגעריסען... א

[illegible] ווערטאג, האט יעדען ארומגעכאפט... עס

[illegible] טרייסטען דעם שפיעלער, איהם זאגען א גוט ווארט,

[illegible] זיין צער, אבער די פיס ענטזאגען זיך צו פאל־

[illegible] זיך כאטש פון דער ווייטענס עפעס אויסשרייען,

[illegible] איז פערלוירען געגאנגען... מען קען אפילו מיט די

[illegible] פון מיטגעפיהל ניט ווייזען, ווייל די אויגען זענען

פערגלעזערט געווארען...

[illegible] ווילע איז שטיל געווען. קיינער וואלט ניט געקענט

[illegible] אין דעם קליינעם חדר׳ל שטעהען יעצט ארום דרייסיג פער־

[illegible] שווייגען...

[illegible] אבער ענדליך האבען אלע גענומען קומען צו זיך... דאס האט

[illegible] אויפגעוועקט דער קליינער גערויש, וואס דאס שטיקעל בעשריעבענע

[illegible] האט געמאכט, ארויספאלענדיג פון דעם צמח־צדק ז״ל הענט...

[illegible] יעצט האבען אלע אויגען זיך געווענדעט צו דעם גרויסען מאן,

[illegible] איז געלעגען אויף זיין בעטעל אהן קיין פונק פון לעבען... נאר

[illegible] זיין פנים האט זיך אויסגעצויגען א זיסער, הייליגער שמייכעל.

[illegible] — מוצ״שק פרשה שמות, כ״ד טבת שנת תק״עג איז דער

[illegible] גרויסער צדיק, דער קרוין פון די חסידים אנשי חב״ד אין עלטער פון

66 יאהר נתבקש געווארען בישיבה של מעלה...

אַ שרעקליכער האַרצרייסענדער געוויין האָט זיך אַרויסגעריסען פון יעדענס האַרצען... אַלע זענען אַרומגעלאָפען אַרום דעם בעטעל, און הייסע, ביטערע טרעהרען האָט זיך פון יעדערענס אויגען געגאָסען... עלענד פערוואָרפען צווישען ערלים, אָהן קיין מעגליכקייט גלייך צו לאָזען וויסען אַלע זיינע איבערגעגעבענע חסידים, האָט די חבורה בעקלאָגט און בעוויינט זייער פאָטער און זייער לעהרער און ווע־ווייזער...

ערשט נאָך האַלבע נאכט האָבען זיי אָנגעפאַנגען ביסלעכווייז צו פערלאָזען דעם חדר... יעצט איז פאַר זיי געשטאַנען די פראַגע, ווי אַזוי מען זאָל דעם גרויסען נפטר ברענגען אל משכן כבודו, און וואוהין זאָל מען איהם פיהרען. אין פייעני איז קיין אידישער בית־עולם נישטאָ. און דאָ הערשט אַן אויסערגעוועהנליכע שלעכטע פאָגאָדע. די וועגען זענען פאַרשנייעט, אַ שטאַרקער שטורם־ווינט האַלט אין איין בלאָזען, ממש עס טראָגט קופעס שניי אין דער לופטען, ווי אַזוי פאָהרט מען, און וואוהין פאָהרט מען?

אָבער אָפּלייגען די זאַך קען מען ניט, און די קליינע משפחה האָט זיך פאַרקליבען אין צווייטען חדר, און מען האָט זיך גענומען מישב זיין וואָס צו טהאָן. יעדער איינער האָט אַן אַנדער פלאַן פאָרגעלעגט. אָבער צו קיין בעשלוס האָט מען ניט געקענט קומען.

פלוצלונג האָט ר' מנחם־נחום, דער עלטסטער זוהן פון ר' דובער, זיך אַ פאַטש געטהאָן אין שטערען.

— איך האָב זיך דערמאָנט — האָט ער אויסגעשריען — אַז, ווען אדוני ־ אבי האָט געדאַרפט פערלאָזען פייעני, קיין קרעמענטשוג, האָט ער אליץ גע'טענה'ט, „וואָס האָט דער טאַטע געמיינט מיט'ן וואָרט „ה אָ ד י ץ", האָב איך איהם געפרעגט, וואָס עס האָט פאַסירט, האָט ער מיר דערצעהלט, אַז, ווען ער האָט דעם זיידען ז"ל פאַרגעשלאָגען צו פאָהרען קיין קרעמענטשוג, האָט דער זיידע איהם געענטפערט: „פונמיינטוועגען פאָהר קיין קרעמענטשוג, נאָר פאַר מיר איז „האָדיץ" אויך אַ גוטער פלאַץ..."

יעצט האָבען אַלע פערשטאַנען, וואָס די ווערטער האָבען געמיינט, און עס איז בעשלאָסען געוואָרען אָפּצופיהרען דעם נפטר קיין „האָדיץ" אַ שטעדטעל אין פאָלטאַווער גובערניע.

אין „האדיץ“

גלייך ווי די פאמיליע פון דעם גרויסען צדיק ר' שניאור זלמן מליאדי האט בעשלאסען אויסצופאלגען זייער פאטער'ס אנדייטונג און איהם ברענגען אל משכן־כבודו אין דער שטאדט האדיץ, פאלטאווער גובערניע, האט מען זיך ארויסגעלאזען איבער'ן דארף אפזוכען וועגענער, כדי צו קענען פראווען די לויה, איז אבער דאס קליין דערפעל אינגאנצען בעשטאנען פון עטליכע עלענדע איינגעפאלענע הייזקעס, וואו עס האבען געוואוינט נאר איניגע פוילישע פאמיליעס, וועלכע זענען נאך צוליעב דער שווערער מלחמה מיט נאפאלעאנען, אינגאנצען פערארימט געווארען, און עס איז בשום אופן ניט מעגליך געווען צו קריגען קיין שליטענס פאר אלעמען צו פאהרען.

מיט גרוים מיה און אנשטרענגונג איז קוים געלונגען אפצוזוכען איין שליטען. נאך לאנגען ישוב הדעת איז בעשלאסען געווארען, אז ר' חיים נחום, דער עלטסטער זוהן פון אדמו"ר ר' דובער, זאל דערוייל פאהרען מיט דעם גרויסען נפטר קיין האדיץ, און די גאנצע חבורה וועט שפעטער אונטערקומען.

שטיל מיט אראפגעלאזטע קאפ, עלענד און צובראכען, האט די קליינע חבורה ארויסבעגלייט דעם גרויסען נפטר דעם מנהיג פון אזא גרויסער צאהל חסידים. ישראל קאזיק, דעם רבינ'ס שוואגער האט זיך אויפגעזעצט, אלס אנטרייבער, און ר' חיים־נחום, — אלס בעגלייטער.

אין דרויסען האט זיך ממש געטהאן חשך. א שרעקליכע זאווערוכע האט געשאטען קופעס שניי גלייך אין די אויגען אריין. דער פראסט האט געברענט, און דער ווינט האט דורכגענומען אלע גליעדער. דער וועג איז געווען פערשאטען, און מען האט קוים געקענט זעהן, וואו מען פאהרט.

אין אנפאנג איז נאך די נסיעה געווען מעגליך, מען האט זיך געקענט פאנאנדערקלייבען נאך די הייזקעס און נאך די סמנים וואס די פייענער פויערים האבען אנגעגעבען, אבער ווען מען איז קוים א

מייל צוויי פון פייעני אָפּגעפאָהרען, און מען איז אויף דעם פרייען פעלד אָנגעקומען, איז דאָס פאָהרען געוואָרען פשוט אונמעגליך. קיין וועג, קיין שטעג זענען ניט געווען צו זעהן. דער שניי איז טיעף ביז איבער די קניה, און וואו צו זוכען דעם וועג ווייס מען ניט, דערצו קענסטו פשוט די אויגען ניט עפענען, דען דער פאַלענדער שניי פערשיט די אויגען און דער פראָסט פערפריהרט זיי.

א ווײלע האָבען די נוסעים זיך אָפּגעשטעלט.

— וואָס וועט יעצט זיין? — האָט ר׳ ישראל קאַזיק מעהר צו זיך, ווי צו זיין בעגלייטער געזאָגט — ווי אזוי זאָלען מיר פאָרטזעצען אונזער רייזע, אז מיר ווייסען ניט דעם וועג? —

— פאָהרט גלייך אויף גאָט׳ס בעראָט! — האָט ר׳ מנחם נחום שטיל ארויסגערעדט.

און ווידער האָבען זיי זיך געלאָזט פאָהרען.

עס זענען אַוועק עטליכע שטונדען. די נאַכט האָט אָנגעפאַנגען צוצופאַלען. א שרעקליכע פינסטערניש האָט בעדעקט די גאַנצע געגענד. דער פראָסט איז געוואָרען שטארקער, דער ווינט האָט גענומען בלאָזען שנעלער, און אונבע׳רחמנות׳דיג דורכגעדרונגען די אָרימע קליידער פון די פאָהרער, דאָס פערד האָט סאָפּענדיג און שוויצענדיג קוים געקענט שטעלען א טריט אין דעם געדיכטען נאַסען שניי. מיט יעדער מינוט איז געוואָרען אַלץ אונמעגליכער צו פאָהרען. און די צוויי לעבעדיגע מענשען מיט דעם גרויסען נפטר, האָבען זיך געפונען אַליין אין דעם פרייען ברייטען פעלד... עס זעהט זיך ניט קיין לעבעדיגער נפש, מען בעמערקט אפילו ניט קיין בלישצענדען קליינעם פייערעל, וואָס זאָל אָנדייטען, אז ערגעץ וואו ארום געפינען זיך לעבעדיגע בעשעפענישען, אפילו קיין טרוקענעם בוים, קיין צווייג איז ניט צו זעהן, נאָר א פינסטערער פערוואָלקענטער הימעל, און א געדיכטער ים פון שניי...

עס איז אַוועק א ווײלע, א צווייטע, פלוצלונג האָט דאָס פערד זיך אָפּגעשטעלט — און נים פון אָרט. עס קען דעם שליטען ניט שלעפּען מעהר. און דאָ דער שניי שיט און שיט... זאָלען די נוסעים דאָ בלייבען שטעהן איבער נאַכט, וועלען זיי פערשאָטען ווערען, אז קיין זכר פון זיי וועט ניט בלייבען...

צוטומעלט און פערצווייפעלט זענען זיי שטיל געזעסען, און קיין עצה ניט געקענט זיך געבען, וואס צו טהאן. ניט אהין און ניט צוריק צו פאהרען.

ר׳ חיים - נחום איז נאך געווען א יונגערמאן, ער האט דער ערשטער זיך פערלוירען.

— רבונו־של־עולם! — האט ער זיך פאנאנדערגעוויינט — רבונו של עולם. מיך ארט ניט פאר מיר, אבער וואס וועט מיט מיין זיידען ווערען? זאלען מיר דא אלע דריי פערבלייבען? — און ביטערע הייסע טרעהרען האבען זיך געגאסען פון זיינע אויגען.

און ר׳ ישראל קאזיק איז זיך געזעסען שטיל און טרויעריג, און האט געקלעהרט וועגען דער שרעקליכער לאגע אין וועלכער זיי געפינען זיך.

פלוצלונג האבען זיי דערזעהן, ווי פון וויטען ווייזט זיך א קליין קוים בעמערקבארעס פייערל, און יעדע מינוט ווערט דאס פייערל אלץ גרעסער, אלץ ליכטיגער, אלץ העלער. קענטיג עס דערנעהנטערט זיך צו זיי. און וואס נעהנטער דאס פייערעל קומט צו, אלץ מעהר ווערען זייערע הערצער איבערפילט מיט א מין מאדנער רוהיגקייט. גלייך ווי אן אונערווארטעטע ישועה קומט אן. און דאס פייערעל, דוכט זיך זיי, דרינגט אריין אין אלע זייערע אברים, דערווארימט זיי און פערטרייבט צוגלייך דעם יאוש און מורא, וואס האט זיי מיט א ווילע פריהער ארומגעכאפט.

נאך עטליכע מינוטען זענען פערביי און זיי זעהען, ווי דאס פייערעל האט זיך שוין פערוואנדעלט אין א שיינענדע בלישטענדע לאמטערנע, און מען זעהט בחוש, ווי א גרויסער שליטען געשפאנט אין צוויי פערד, יאגט זיך שנעל אין זייער ריכטונג. מען זעהט בחוש אז א גרויסער פריץ פאהרט דא דורך.

— דא וועלען מיר קענען ערפאהרען וואו מיר געפינען זיך! — האט חיים־נחום הויך מיט שמחה אויסגערופען.

אבער א מאדנע זאך. וואס נעהנטער דער שליטען האט זיך דערנעהנטערט אלץ מעהר האבען זיך ביי די נוסעים גענומען קלעפען די אויגען, א זיסער שלאף איז זיי בעפאלען, און כאטש זיי ווייסען, אז זיי טארען אין דיעזער מינוט ניט איינשלאפען, און מוזען אפ־

האלטען די [illegible]
דאך קענען זיי דעם שטארקען [illegible]
נאך אמאל [illegible] דעם
שליטען מיט דער [illegible]
דאן האבען [illegible] ...

[illegible] שליטע
איז [illegible] האט [illegible]
[illegible]
[illegible] שליטען [illegible]
[illegible] פון
[illegible]
איהם, אבער ער האט עס בשום אופן ניט געקענט [illegible]

[illegible] שליטע,
[illegible]
[illegible] שליטע [illegible]
זיך אזוי שנעל, אזוי [illegible]
[illegible] אזוי [illegible]
[illegible] עס [illegible]
[illegible] א [illegible]
שלאף [illegible]

ער האט [illegible]
ער האט דערפיהלט ווי אימיצער ריהרט זיך אן אן זיין פלייצע [illegible]

[illegible]! [illegible] שטימע
צו איהם [illegible]

[illegible]
[illegible]
לייט מיט שעהנע גראהע בערד, [illegible]
[illegible] האט
זיך [illegible]
[illegible]
ישראל [illegible]
[illegible]

אויפגעהערט, דער ווינט האָט נאָר געבלאָזען, און אַ שעהנע ווינטער־זון האָט ליעבליך אראָפּגעקוקט פון הימעל...

דער יונגערמאַן האָט זיך גענומען אויפוועקען דעם שלאָפענדען, און מיט שווערע מיהע איז עס איהם קוים געלונגען.

— אה! האָט ער מיט אַ פערכאַפּענדען אָטהעם אויסגערופען

— האָסט מיר געשטערט פון אַ שעהנעם חלום. מיר האָט זיך געדוכט, ווי צוויי אַלטע לייט, וועלכע האָבען זיך אָנגעגעבען אַלס דער הייליגער בעל־שם־טוב און דער מעזריטשער מגיד, האָבען מיר שלום געגעבען און האָבען מיר געוואונשען אַ גוטע נסיעה... וואו זענען מיר יעצט?—

און וועןביידע האָבען זיך גענומען גוט ארומקוקען האָבען זיי בעמערקט, אַז אויף אַ וואָסערע צוויי וויאָרסט ווייטער ציהט זיך אַ רייהע קליינע הייזקעס.

שנעל האָבען זיי מיט'ן וואָגען צו דעם אָנגעמערקטען פּלאַץ זיך געלאָזען, און ווען זיי זענען צו דער ערשטער הויז דערפאָהרען און האָבען דאָרט אָנגעקלאַפּט, נאָכפרעגענדיג זיך, וואו זיי געפינען זיך, האָבען זיי אַ קורצע תשובה געקראָגען, „האָדיץ"...

שנעל ווי אַ בליץ האָט זיך צוטראָגען אין האָדיץ צווישען די דאָרטיגע אידען, אנשי שלומנו, די שרעקליכע בשורה וועגען דער הסתלקות פון דעם גרויסען צדיק אדמו"ר ר' שניאור זלמן. קינד און קייט, מקטן ועד גדול, האָבען זיך אין אַ קליין וויילע צונויפגעקליבען אויפ'ן שול־הויף, וואו דער שליטען מיט דעם גרויסען נפטר איז גע־שטאַנען.

אַ האַרצרייסענדער געוויין האָט אויסגעבראָכען צווישען די עלטערע חסידים, וואָס האָבען דעם רבי'ן געקענט. אַ טיעפער טרויער האָט זיך אריבערגעצויגען איבער די קעפּ פון די פערזאַמעלטע. קיינער האָט ניט געקענט קומען צו זיך פון דער שמועה־רעה, וואָס האָט זיי אַזוי אומגעריכטערהייד דערגרייכט.

באַלד האָט דער ראש־הקהלה אויף גיך פעררופען אַן אספה פון בעלי בתים אנשי מעשה, כדי זיך מיט זיי מישב צו זיין, ווי אַזוי זיך נוהג צו זיין מיט דער קבורה, ווער עס זאָל זיך מיט דעם גרויסען נפטר מתעסק זיין, און ווי אַזוי די לויה זאָל צוגעהן, נאָך אַ לאַנגען שקלא־וטריא איז ביי זיי געבליבען, אַז מען זאָל זיך סומך זיין אויפ'ן פסק־דין,

וואָס איז אַרויסגעטראָגען געוואָרען בעת דער הסתלקות פון מעזריטשער ז"ל, אז די חברה־קדישא זאָל זיך אָפּגעבען מיט דער טהרה.

ווען דער גרויסער חסידישער רבי, המגיד ממעזריטש ז"ל איז נסתלק געוואָרען, האָט זיך אָנגעהויבען אַ גרויסער סכסוך צווישען חברה־קדישא און זיינע תלמידים. חברה - קדישא האָט גע'טענה'ט, אַז וויבאַלד זיי זענען זיך מתעסק מיט מתים, קומט זיי דער זכות אָפּצוגעבען דאָס לעצטע רעכט צו דעם איש קדוש וטהור, און די תלמידים האָבען גע'טענה'ט, דאָס, אַזוי ווי זיי האָבען איהם משמש געווען ביים לעבען, דאַרפען זיי עס יעצט אויך טהאָן. אוןביידע צדדים זענען געווען פער'עקשנ'ט אין זייערע טענות, און זיי האָבען בשום אופן ניט געקענט קומען צו קיין פשרה. זיי האָבען בעשלאָסען זיך סומך זיין, על הדין. מען האָט געזעצט אַ בית־דין, וועלכער האָט אויסגעהערט די טענות פון ביידע צדדים. נאָך אַ לאַנגען ישוב־הדעת, האָט דער בית־דין אַרויסגעטראָגען זיין פסק, אַז מתעסק זיין זיך מיט אַ מת, מעג ער זיין ווער ער איז, געהערט צו דער חברה־קדישא, און נאָר די תלמידים, וועלכע זענען איינגעשריעבען אין אירגענד וועלכער חברה־קדישא אפילו פון אַן אַנדער שטאָדט, מעגען זיך אויך מתעסק זיין מיט דער טהרה.

צווישען די תלמידים, וואָס זענען געווען פערשריעבען אין אַ חברה־קדישא, איז אויך געווען דער ליאַדיער צדיק, נאָך דאַן אַ יונגער מאַן, און איהם איז אויך ערלויבט געוואָרען צו זיין צווישען די מתעסקים.

גלייך ווי דער פסק־דין איז אַרויסגעטראָגען געוואָרען, האָט די חברה קדישא געוואָרפען צווישען זיך גורל, ווער עס זאָל זיך מיט וועלכען אבר מתעסק זיין ביי דער טהרה. דער ליאַדיער ז"ל, האָט אויף זיין גורל אַרויסגעצויגען דעם פסוק „ראשו כתם פז" — וואָס האָט געמיינט, אַז דער ליאַדיער דאַרף זיך מתעסק זיין מיט מטהר זיין דעם קאָפּ...

נאָך דער טהרה, האָט מען דעם גרויסען נפטר געפיהרט טובל זיין אין מקוה. און אַז עס איז געקומען, ווען מען האָט דעם מת געדאַרפט אונטערטונקען דעם קאָפּ אין מקוה, האָט זיך דער ליאַדיער ז"ל אָפּגע־שמעלט... ער האָט ניט געקענט בשום אופן פועל'ן ביי זיך עס צו

טהאָן... חברה האָבען גענומען איהם אונטעראיילען, ווייל ער איז מעכב אין דער טהרה... א ווײלע האָט דער צדיק געשוויגען, אָבער פּלוצים האָט ער זיך א שטעל געטהאָן און האָט אויסגעשריען:

— גדולים צדיקים במיתתן יותר מבחייהן! צדיקים נאָכ'ן טויט זענען אין א העכערע מדרגה פון גרויסקייט ווי ביי זייער לעבען. לאָזט איהם אָפּ, זאָל ער זיך אליין טובל זיין!... —

אַלע האָבען זיך ווי דערשראָקען, און האָבען אָפּגעלאָזען דעם מת... און ער האָט זיך אַליין דריי מאָל טובל געווען... און ווען ער האָט זיין קאָפּ צום דריטען מאָל אויפגעהויבען, האָט ער זיך אויסגע־דרעהט צו זיין תלמיד און האָט א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ... דאָס האָט ער איהם אָפּגעדאַנקט פאַר זיין איינפאַל...

אָט די מעשה האָבען די חסידים פון האַדיץ געוואוסט, און דערפאַר האָבען זיי בעשלאָסען זיך אזוי נוהג צו זיין מיט זייער רבי'ן...

באַלד האָט זיך די חברה־קדישא גענומען צו דער טהרה... מיט גרויס כבוד האָבען זיי דעם גרויסען צדיק און מנהיג־הדור זיין רעכט געטהאָן. ווען עס איז געקומען אויסצוקלייבען דעם פּלאַץ אויפ'ן בית עולם פאַר זיין משכן כבודו, האָט מען זיך פּלוצלינג דערמאָנט וועגען דעם בעפעהל, וואָס איז ניט לאַנג געקומען פון דער רעגירונג, אַז מען זאָל פאָרלויפיג קיינע מתים ניט מקבר זיין אויף דעם בית־עולם, וואָרום, עס איז מעגליך, אַז מען וועט נאָך דאַרפען אַלע טויטע פון דאָרט אויך אַרויסנעהמען, און אויב מען וועט מקבר זיין נאָך מתים דאָרטען, וועט מען די נייע קברים צעגראָבען, און אפילו די מתים ניט לאָזען אַרויסנעהמען...

דיעזער בעפעהל איז אָנגעקומען משום מעשה שהיה. ווען די אידען פון האַדיץ האָבען זיך געווענדעט צו דער שטאָדטישער מאַכט מיט א בקשה, זיי צו געבען א פּלאַץ פאַר א הייליגען אָרט, האָט זיי דער אָרטיגער מושל על פּי טעות אָפּגעגעבען א שטיק קרקע, וואָס האָט געהערט, צו דער מלוכה. היות, ווי לאַנד, וואָס געהערט צו דער מלוכה קען ניט אוועקגעגעבען ווערען בתורת מתנה אָהן דער הרשאה פון קיסר אַליין, לכן האָט שפּעטער דער גובערנאַטאָר פעראָרדענט, אַז מען זאָל אומקעהרען דעם פּלאַץ צוריק צו דער מלוכה. די האַדיצער אידען האָבען אויף דער פּקודה זיך געווענדעט אין דער עיר המלוכה

מיט אַ בקשה, מען זאָל זיי לאָזען די קרקע, און זיי ווילען אנשטאַט דעם אָפּגעבען אַן אַנדער פּלאַץ, וואָס זיי האָבען געקראָגען צו קויפען בשכנות. דער סענאַט האָט אָבער גע׳פּסקנ׳ט, אַז ער קען אין דעם ענין גאָרנישט זאָגען, און נאָר דער קיסר אַליין האָט אַ רעכט צו זאָגען וועגען דעם. די אידען האָבען זיך מיט׳ן כתב באַלד געווענדעט צו דעם קיסר, און דאָס איז געווען דער ענטפער, אַז ביז דער קיסר וועט זאָגען וואָס ער וועט געפינען פאַר נויטיג, זאָל מען דערווייל ניט מקבר זיין קיינעם אויף דעם פּלאַץ, אַז ניט וועט די אחריות פאַלען אויף דער דאָרטיגער קהלה...

צוליעב דעם גרויסען טרויער פון דעם רבי׳נס ז״ל הסתלקות, האָט מען זיך אינגאַנצען פערגעסען אָן דער פקודה, אָבער ווען מען איז אַוועק אויפ׳ן הייליגען אָרט אויסצוקלייבען אַ פּאַסענדען פּלאַץ, האָט מען זיך וועגען דעם דערמאָנט.

באַלד האָט מען אָפּגעהאַלטען אַן אספה, און אנשי שלומנו מנכבדי העיר האָבען זיך קיין עצה ניט געקענט געבען, וואָס צו טהאָן. זיי האָבען מורא געהאַט צו נעהמען אויף זיך די שרעקליכע אחריות, ניט מצד דער פקודה, נאָר מצד כבוד המת, אולי, חלילה, וועט מען דאַרפען נאָכדעם דעם מת אַרויסנעהמען. נאָך אַ לענגערען דענקען האָט מען בעשלאָסען עס צו לאָזען וויסען צו דעם צדיק׳ס מקורבים ר׳ ישראל קאָזיק און ר׳ חיים־נחום, וועלכע האָבען זיך געפונען אין דעם חדר, וואו מען האָט זיך מתעסק געווען מיט דעם רבינ׳ס טהרה...

דער ראש־הקהל מיט אַ פּאָר נכבדי העיר זענען אָנגעקומען, ווען מען האָט שוין געהאַלטען ביים ענדיגען די טהרה, און האָבען איבער־געגעבען צו די מקורבים דעם גאַנצען ענין.

ביידע האָבען אויפגעציטערט, ווען זיי האָבען דערהערט, וואָס דאָ טהוט זיך. אַ ווײַלע זענען זיי געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, און האָבען ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען.

פּלוצלונג האָט ר׳ חיים־נחום, אויסגעשריען בקול רם:

— אדוני אבי זקני האָט בפירוש געזאָגט, אַז פאַר איהם איז האָדיץ אויך אַ גוטער פּלאַץ, און זיין לעצטער וואונש מוז מקוים ווערען!...—

— אָבער ווי קענען מיר נעהמען אויף זיך די אחריות? —

האבען די בעלי בתים טרויעריג געשאָקעלט מיט די קעפּ.

— יהיה מה שיהיה! — ער האָט אזוי געוואָלט, מוז אזוי זיין! ער האָט געוואוסט וואָס ער זאָגט! — און מיט דעם פינגער האָט ער אָנגעצייגט אויף זיין זיידען.

ניט ווילענדיג האָבען אַלע זיך אַ קעהר געטהאָן צו דער זייט, וואו מען האָט זיך מתעסק געווען מיט דעם נפטר, און זיי זענען געבליבען שטעהן ווי פערשטיינערטע... דעם רבינ'ס פּנים האָט זיך פּלוצלינג גענומען רויטלען און — ער האָט אַ שמייכעל געטהאָן... קענטיג ער איז געווען צופרידען מיט זיין אייניקעלס בעשלוס...

נאָך אין זעלבען טאָג איז דער הייליגער צדיק אדמו"ר ר' שניאור זלמן געבראַכט געוואָרען אל משכן כבודו אויף דעם בית־עולם אין האַדיץ...

שפּעטער איז אויף זיין קבר אויפגעשטעלט געוואָרען אַן אוהל, און טויזענדע חסידים מאנשי שלומנו פון אַלע טהיילען פון ליטא, רייסין, ווייס־רוסלאַנד און אַ טהייל וואָהלין פאָהרען אהין מתפּלל זיין...

ווי דער „סטאַרי ראַבין" וויל

ובכל עיר ועיר — אין יעדע שטאָדט און שטעדטעלע, וואו די טרויעריגע ידיעה וועגען דער הסתלקות פון אדמו"ר ר' שניאור זלמן מליאַדי האָט זיך דערטראָגען — אבל גדול ליהודים, האָט זיך צווישען אנשי שלומנו געטהאָן מעשים. מען האָט געוויינט און געקלאָגט, מען האָט ממש ניט געקענט קומען צו זיך. זעהר פיעל אַלטע חסידים, וועלכע האָבען זיך פאַר פיעלע יאָהרען מתדבק געווען צו דעם ליאַדיער, האָבען גע'חלש'ט און געריסען זיך די האָר פון קאָפּ.

— וואוהין וועלען מיר יעצט פאָהרען? — איז געווען די איינציגע שאלה, וואָס האָט זיך זיי געדרעהט אין מח. — ווער וועט יעצט קענען אונז שטאַרקען אין לערנען תורה? ווער וועט אונז יעצט מחיה זיין מיט א גוט וואָרט? ווער וועט אונז יעצט ווייזען דעם ריכטיגען וועג, אין וועלכען מיר זאָלען געהן? וואו וועלען מיר יעצט שעפּען הנאה, און האָבען תענוג פון א טרייסט־וואָרט אין דער צייט?

איבער א האַלב יאָהר איז אַוועק, און אנשי שלומנו האָבען ניט געקענט בעשליסען, ווער עס זאָל פערנעהמען דעם כסא־הרבנות פון דעם גרויסען נפטר.

כידוע, האָט זיך דעם רבינ'ס עלטערער זוהן אדמו"ר ר' דוב־בער, בעת דער הסתלקות פון זיין פאָטער, געפונען אין קרעמענטשוג, וואו ער איז געפאָהרען זוכען א דירה פאַר די חבורה אין פּייעני. ווען די בשורה איז צו איהם געבראַכט געוואָרען, איז ער דריי טעג ארום־געגאַנגען ווי אויסער־זיך. ער האָט ממש ניט געקענט פאַרשטעלען זיך, אַז די בשורה זאָל זיין אמת... ער האָט זיך פערשפּאַרט אין א חדר, און האָט קיין בן אדם צו זיך ניט צוגעלאָזען. אפילו קיין עסענווארג האָט ער ניט געלאָזען אריינטראָגען. ער איז נור ארומגעלאָפען איבער'ן חדר, די הענט פערבראָכען איבער'ן קאָפּ, און האָט געברומט אונפער־שטענדליכע ווערטער.

דריי טעג זיינען פאַרלאָפען. אנשי שלומנו פון קרעמענטשוג זיינען איהם געקומען מנחם אבל זיין, אָבער אדמו"ר ר' דובער האָט

קיינעם נים אויפגענומען. ערשט אויפ'ן פיערטען טאָג, האָט ער אויפגעעפענט די טהיר און געהייסען אריינלאָזען די יעניגע, וועלכע זיינען צו איהם געקומען.

אין א ווײלע שפּעטער איז שוין דער חדר געווען פול מיט אידען, חסידים, וואָס זיינען טרויעריג געזעסען און האָבען נים געקענט ארויסרעדען קיין איין וואָרט צווישען זיך. יעדער איינער האָט געפיהלט דעם גרויסען שרעקליכען פערלוסט, וואָס זיי האָבען געליטען. זיי האָבען געהאַלטען די קעפּ ארונטערגעלאָזען און אפילו נים געוואגט צו קוקען אויף דעם רבינ'ס, ז"ל, זוהן...

פּלוצלונג האָט ר' דובער זיך א שטעלגענעבען און האָט הויך אויסגערופען:

— נו, אדוני אבי מורי ורבי איז שוין יעצט אין גן־עדן. אויך דאָרטען זאָגט ער חסידות. אויך דאָרטען זיינען דא, וועך עס זאָל איהם הערען... יעצט דאַרף מען מאַכען א בי־דאר לבאן...

דאָס איז געווען אן אָנצוהערעניש, אז ער וועט פאַרנעהמען זיין פאָטערס פּלאַץ, פיעלע פון אנשי שלומנו אין קרעמענטשוג האָבען זיך גלייך מתדבק געווען צו איהם, און האָבען זיך ערקלעהרט פאר זיינע חסידים.

עטליכע טעג שפּעטער, איז אדמו"ר ר' דובער אָפּגעפאָהרען צוריק קיין „פּייעני", וואו די גאַנצע חבורה האָט זיך אויפגעהאַלטען, און מיט גרויס שוועריגקייטען איז איהם געלונגען ארויסצונעהמען פון דאָרטען די פאַמיליע און פערקלייבען זיך קיין האָדיץ, ביז דער שווערער ווינטער וועט פאַראיבער און ער וועט קענען צוריקקעהרען זיך קיין ליאדי, און פאַרנעהמען זיין פאָטער'ס, ז"ל, כסא.

עס איז קוים א מאָנאַט פאַראיבער, ווי דעם רבי'נס משפחה האָט זיך בעזעצט אין האָדיץ, ערשט א בעפעהל איז אָנגעקומען פון פּעטערבורג, אז די „דיעלאָ" וועגען בית־עולם וועט די טעג פאַרגע־שטעלט ווערען דעם קיסר, און דערווייל זאָל די קהלה זיין גרייט איבערצונעהמען די מתים, אויף דעם נייעם בית־עולם, וואָס וועט איהר געגעבען ווערען אין אן אנדער פּלאַץ.

ווען די בשורה האָט דערגרייכט דעם רבינ'ס זוהן, איז ער געוואָרען שטאַרק דערשראָקען. אויף אזא אומגליק האָט ער זיך נים

געריכט. ער האָט באַלד בעשלאָסען, אז מען דארף אין דעם ענין ניט שווייגען. נאָך אין דעמזעלבען טאָג האָט ער אָפּגעשיקט א בריעף צו ר' משה מייזעלס, ע"ה, וועלכער איז געווען א מהלך בחצר־המלכים, אז ער זאָל תיכף ומיד אָפּפאָהרען קיין פעטערבורג, און זאָל זיך זעהן משתדל צו זיין, אז דער ענין זאָל זיך ענדיגען צום גוטען...

— ווי וועלען מיר דאָס קענען יעצט איבערטראָגען אזא שווערען קלאַפּ, אויב מיר וועלען, חלילה, מוזען איבער דאָס ניי זיך מתעסק זיין מיט דער קבורה פון אונזער הייליגען רבי'ן? — האָט ער איהם געשריבען.

ווען ר' משה מייזעלס האָט דיזען בריעף ערהאַלטען, האָט ער קיין שום טענה און מענה ניט געמאַכט, און האָט זיך אוועקגעלאָזען קיין פעטערבורג, זעהן, וואָס מען קען טהאָן אין דער זאַך. אָבער ווען ער איז אהין אָנגעקומען, איז שוין געווען אַלעס געענדיגט. אַלכסנדר דער ערשטער האָט שוין געהאַט אונטערגעשריבען, אז דער בית־עולם זאָל ניט געריהרט ווערען, און זאָל פערבלייבען דאָס אייגענטהום פון דער האָדיצער קהלה, „קאָק סטאַרי ראַבין כאָטשיעט" — ווי דער רבי, ז"ל, — הייסט עס, וויל עס...

די מעשה איז אזוי געווען: אין דער צייט, ווען מ'האָט אַלכסנדר דעם ערשטען אונטערגעטראָגען דעם גאַנצען משפט, ווי אזוי מען האָט על פי טעות אָפּגעגעבען קאַזיאָני ערד פאַר א בית־עולם אין האָדיץ, איז ער געוואָרען א צוקאָכטער. ער האָט אָנגעפאַנגען ארומצו־לויפען איבער'ן צימער און מאַכען גוואַלדען...

— אָט אזוי הייסט עס בעגעהען זיך מיינע טשינאָווניקעס מיט מיין אייגענטהום? — האָט ער געטראַמפּעלט מיט די פיס. — זיי ווייסען ניט, וואָס קאַזיאָנע „אימושטשעסטוואָ" הייסט! און ער האָט געכאַפּט א פען, און האָט שוין געוואָלט אונטערשרייבען, אז דאָס לאַנד זאָל פון די אידען אוועקגענומען ווערען.

אָבער אין דערזעלבער רגע, האָט ער דערזעהן, ווי עס עפענט זיך די טיהר, און אַן אַלטער מאַן, מיט א לאַנגע שניי־ווייסער באָרד, מיט גוטע, ליעבליכע אויגען איז אריינגעקומען. אַלכסנדר האָט זיך א שטעל געגעבען פון זיין פּלאַץ האָט אוועקגעוואָרפען די פען, און מיט כעס זיך געווענדעט צו דעם גאַסט:

— ווער האָט דיר ערלויבט אָהן מיין וויסען ארייננצוקומען?

— הא? דו דערקענסט מיך שוין ניט? גערענקסטו, ווען די ביסט ביי מיר אין פעסטונג געוועזן, און האָסט פון מיר בעקומען די הבטחה צו ווערען קיסר?

— דער סטאָרי ראָבין, דער סטאָרי ראָבין! — האָט אַלכסנדר ארויסגערעדט, — וואָס ווילסטו דאָ?

— איך וויל זאָלסט בעשטעטיגען דעם בית־עולם פון האָדיץ.

— און אז ניט?

— אז ניט, וועסטו האָבען דעמזעלבען סוף, וואָס דיין פאָרלוי־פער האָט געהאַט, גערענקסט?

— אָבער וואָס געהט דיר אָן וועגען דעם האָדיצער בית־עולם?

— האָט אַלכסנדר שטיל געפרעגט.

— דערפאָר, וואָס דאָרטען איז מיין רוהונגס־פּלאַץ! — האָט שטאָלץ דער „אַלטער" געענטפערט.

אַלכסנדר איז שטאַרק דערשראָקען געוואָרען, הענט און פיס האָבען איהם גענומען טרייסלען, א קאַלטער שוויים האָט איהם ארויס־געשלאָגען. גיך האָט ער די אויגען אָפּגעקעהרט פון דעם אַלטען און האָט זיך גענומען צוריקציהען צום טיש. מיט גרויס אָנשטרענגונג האָט ער קוים געקענט די הענט דערלאַנגען צום גלעקעל, און האָט שנעל אָנגעקלונגען זיינע דיענער זאָלען ארייננקומען.

אָבער, ווען אויף זיין רוף האָבען זיך בעוויזען די לייב דיענער, איז שוין אין חדר קיינער ניט געוועזען.

— וואַסער, וואַסער! — האָט ער קוים געקענט ארויסשטאַמ־לען. ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט ער גלייך געכאַפּט די פּען און האָט אויפגעשריבען אויף די פּאַפּירען, אז דער בית־עולם אין האָדיץ פערבלייבט אין בעזיץ פון די דאָרטיגע אידען און אז קיינער זאָל זיי מעהר ניט טשעפּען, און צו זיינע מקורבים, האָט ער מוסיף געווען:

— וואָס זאָל איך טהאָן, אז דער „סטאָרי־ראָבין" וויל אזוי! *)

---

*) די מעשה האָט דערצעהלט אַן אַלטער חסיד אין דווינסק, וויטעב־סקער גובערניע, און ער האָט מוסיף געווען, אַז ער איז בטוח דאָס דער רבי ז"ל האָט זיך דערפאַר געהייסען פיהרען קיין האָדיץ, כדי צו ראַטעווען די דאָרטיגע אידען פון דער שווערער התחיבות איבערצוטראָגען אַ בית־עולם.

אין יענער נאַכט

איהר ווייסט, מסתמא, דעם מאמר פון דער גמרא „אם בחייהן כך במיתתן על אחת כמה וכמה..." — אויב אין זייער לעבען קענען זיי זיין אזוי גרויס, קענען משנה הטבע זיין, היינט נאָך זייער טויט, זענען זיי דאָך געוויס בכח נפלאות צו בעווייזען... איך זאָג דאָס טאקע אנטקעגען אדמו"ר הרב מליאדי ר' שניאור זלמן. ער איז דאָך געווען גרויס ניט נאָר ווען ער האָט געלעבט, נאָר אפילו נאָכדעם ווי ער איז נסתלק געוואָרען, האָט מען געקענט זיין גדלות ארויסזעהען...

דאָס הויז, וואו דער רבי איז איינגעשטאַנען אין פייעני האָט געהערט צו אן ערל, וועלכער וויסענדיג דעם רבינ'ס חשיבות, האָט דעם חדר, וואו דער צדיק נ"ע איז נסתלק געוואָרען, געהאַלטען סגור ומסוגר, און קיין בן אדם ניט צוגעלאָזען...

און געשעהען איז דאָס אין אַ פּאָר יאָהר ארום נאָכ'ן רבינ'ס הסתלקות. צוויי זעהר גרויסע חשוב'ע אידען. וועלכע זענען געווען פון אנשי שלומנו, זענען בעונותנו הרבים נכשל געוואָרען מדרך הישר און זענען געוואָרען אפיקורסים... דאָס הייסט ניט אזוי אָט זענען זיי אַרויס לתרבות רעה, נאָר איהר ווייסט דאָך, זענען געוואָרען רייך, האָבען אָנגעהויבען בשותפות פיהרען גרויסע מסחרים, זענען געוואָרען תושבים פון מאָסקווע און האָבען אָנגעפאַנגען זיך מקיל זיין פאַרדעם אין קלענערע מצוות, און נאָכהער וואָס ווייטער אַלץ מעהר און מעהר, ביז זיי זענען אינגאַנצען פערקראָכען אין די הרי חשך אריין... ווייסט איהר דאָך, עברה גוררת עברה, אַ בפירוש'ע גמרא איז דאָך ניט שייך... איז מען פערקראָכען זעהר ווייט.

אָבער מעשי שטן, נעהען געשעפטען גוט און וישמן ישורון ויבעט, פערגעסט מען אַלע גליקען און מען איז אריין געטהאָן אין תענוגי העולם הזה בראשם ורובם. און ניט נאָר איז מען געוואָרען שלעכט בין אדם למקום, אפילו בין אדם לחברו ווילען די צוויי שותפים אויך זיך ניט ארויסווייזען...

ויהי היום דאַרפען די צוויי נכשלים צוליעב געשעפט דורכ־

פאָהרען פייעני, דעם קליינעם דערפעל, וואו דער רבי הקדוש נ"ע איז נסתלק געוואָרען. געפאָהרען איז מען אין א רייכען פאַיעטאָן מיט צוויי פערד געשפּאַנט נאַשפּיץ, מעשי גבירים... געווען איז דאָס פאַרנאַכט, און די צוויי שותפים פאָהרען זיך אַזוי רוהיג, ערשט ניט ווייט פון דערפעל — אהא — א ראָד האָט זיך צעבראָכען... לויפט דאָך מסתמא דער קוטשער אראָפּ, פאַרעט זיך, און ערשט נאָך א שווערע שטונדע ארבייט איז, איהם געלונגען ווי עס איז דעם פאַיעטאָן צו פעריכטען און פאָהרען ווייטער. אָבער די שותפים האָבען נאָך ניט אוספּעיעט אָפּצופאָהרען קיין פופציג טריט — ערשט נאָך א ראָד איז צעבראָכען געוואָרען... דאָ ווערט שוין פינסטערליך, און מען קען שוין ניט זעהען ווי דאָס ראָד צו פעריכטען, בעשליסען די שותפים איבערצונעכטיגען אין פייעני און מאָרגען ווייטער פאָהרען. איז אָבער קיין אכסניה, וואו איבערצושטעהן די נאַכט נישטאָ און וואו זיי קלאַפּען אָן וויל מען זיי ניט ארייננלאָזען... וואָס זאָל איך אייך מאריך זיין, זיי האָבען אַזוי לאַנג געקלאַפּט פון הויז צו הויז, ביז זיי האָבען זיך דערשלאָגען צו דעם הויז, וואו דער רבי איז נסתלק געוואָרען...

אָנגעקלאַפּט, קומט, מסתמא, ארויס דער פּויער, און פרעגט וואָס זיי ווילען. דערצעהלען זיי איהם דברים כהויתן, און בעטען איהם א טובה, ער זאָל זיי לאָזען איבערנעכטיגען. באותה שעה פערגעסט דער פּויער אינגאַנצען, אז ער לאָזט קיינעם ניט אריין אין „יענעם חדר“, און ער מאַכט צו די צוויי שותפים נכשלים:

— געוויס קענט איהר ביי מיר איבערנעכטיגען. איך האָב א בעזונדערען חדר און איהר קענט אריין...—

לאָזען זיך די שותפים ניט בעטען און געהען אריין אין הויז. דער פּויער גרייט זיי צו א גלאָז טיי, צובייסען און פיהרט זיי אריין אין צימער...

און אז ער איז נאָר ארויסגעגאַנגען און די צוויי שותפים זענען אליין אין חדר געבליבען, זענען זיי פערציטערט געוואָרען... הענט און פיס האָט זיי אָנגעפאַנגען צו טרייסלען... זיי האָבען דערזעהן, ווי מיט אמאָל איז דער חדר פול געוואָרען מיט אן אויסערגעוועהנליכע ליכטיגקייט, ממש שבעתים כאור החמה... די ליכטיגקייט שטראָמט ארויס פון א ווינקעל־חדר, וואו עס שטעהט א גרויסער, לאַנגער טיש.

ביי וועלכען עס זיצען אידען מיט שעהנע אטלעסענע קאפאטעס, מיט שעהנע זיידענע יארמולקעס און אויבען־אן זיצט דער הייליגער צדיק אדמו״ר הרב מליאדי נ״ע... די אידען, אנשי שלומנו, האלטען זייערע אויגען געווענדעט צום צדיק און קענטיג, זיי זיינען מקבל השפעה פון רבינ׳ס בליק, ווארום זייערע פנימ׳ער ווערען אלץ מעהר און מעהר בעגאסען מיט אן אויסדרוק פון צופרידענהייט, פון תענוג, פון שמחה... דער רבי זיצט מאכט מיט די הענד, מיט די ליפען און קענטיג, ער זאגט דברי תורה... אבער די צוויי שותפים הערען ניט...

און דא האט זיי אנגעכאפט א גוואלדיגע בענקעניש. זיי האבען זיך דערמאנט אן אמאליגע יאהרען, ווי זיי פלעגען אויך הנאה האבען פון רבינ׳ס תורה, און דא ווילט זיך כאטש איין ווארט פון דעם רבי הקדוש הערען...

—קום, קום צו נעהנטער! — מאכט איינער צום אנדערן. און זיי לאזען זיך צום ווינקעל, וואו דער רבי זיצט... אבער וואס נעהנטער זיי געהען, אלץ ווייטער איז דער רבי מיט די חסידים פון זיי. זיי געהען שוין ניט, נור זיי לויפען, זיי יאגען זיך צום ווינקעל, און דאך ווערט דער מהלך צווישען זיי און רבי׳ן אלץ ווייטער און ווייטער... און זיי דוכט זיך, אז זיי געהען שוין אזוי א טאג, צוויי, א מאנאט, א יאהר, צעהן יאהר און זיי זעהען ניט קיין ענדע צו דעם וועג, וואס דערווייטערט זיי פון רבי׳ן. און נאך מעהר, וואס ווייטער זיי געהען, אלץ קלענער ווערט פאר זיי די ליכטיגקייט... אלץ ווינציגער קענען זיי זעהן דעם געשטאלט פון הייליגען צדיק... און דא דאס הארץ בענקט, ממש ווערט צוריסען אויף שטיקלעך... טרעהרען, הייסע זודיגע טרעהרען, גיסען זיך פון זייערע אויגען.

— רבונו של עולם! — האט איינער פון זיי אויסגעשריען — בעשטראף אונז ווי דו ווילסט, אבער לאז אונז כאטש א ווארט פון רבינ׳ס מויל הערען...

און פון גרויס צער און עגמת נפש האבען זיי זיך אבגעשטעלט און וויינען הויך אויפ׳ן קול... אבער דאס זיינען טאקע געווען אמת׳ע טרעהרען וואס קומען ארויס פון טיעפער חרטה, דמעות של תשובה, של צער... ענדליך האבען זיי ביידע צוגלייך אויסגעשריען:

— רבונו של עולם! נעהם צו פון אונז אונזערע עשירות,

אונזערע מסחרים, אונזערע נשמות אפילו, נור לאָז אונז אַט דאָס מאָל א קוק טהאָן אויף זיין ליכטיגען פּנים און הערען פון זיין מויל די הייליגע, טייערע דבורים...

און באותה שעה האָט זיך דער טיש מיט די חסידים מיט'ן הייליגען צדיק אַנגעפּאַנגען צו דערנעהנטערען זיך גיך, גיך און אַט איז שוין דער טיש ממש לעבען זיי...

— פּנו מקום לבעלי תשובה! — מאַכט פּלאַץ פאַר די צוויי שותפים — הערען זיי ווי דער צדיק רופט אויס.

און די חסידים רוקען זיך פונאַנדער, און מען מאַכט פּלאַץ פאַר זיי לעבען רבינ'ס רעכטער האַנד...

מיט טרעהרען אין די אויגען, מיט א האַרץ פול פון חרטה און תשובה זיינען די צוויי שותפים צוגעגאַנגען צום רבי'ן.

— זעצט זיך! — זאָגט דער צדיק.

— ניין, רבינו, מיר טאָרען זיך ניט זעצען לעבען אייך! מיר זיינען חוטאים, מיר היטען ניט אָפּ דעם דת, מיר גיבען ניט קיין צדקה, מיר טהוען קיינעם קיין טובות ניט...

— אָבער פון יעצט אָן און וויטער וועט איהר זיך שוין גוט אויפפיהרען? — האָט דער רבי א פרעג געטהאָן.

— מיר זיינען אייך מבטיח צו זיין אזוי, ווי פאַר אנשי שלומנו: פאַסט! — האָבען זיי אויסגעשריען.

— טאָ זעצט זיך ביי מיין רעכטע האַנד!

און באותו רגע איז אַלעס פערשוואונדען, און אין חדר מיוחד האָט אַריינגעשיינט די אויפגעהענדע זון...

די צוויי שותפים זיינען פון דאַן אָן געוואָרען די אמת'ע טרייע חסידים. זיי האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער צדקה, גמילות חסדים, אהבה, יראה און בטחון... און אז זיי פלעגען קומען צו ר' דוב־בער דעם מיטעלען רבי'ן, פלעגט ער זיי אויפנעהמען מיט גרוים כבוד.

— אַט די האָבען זוכה געווען צו א הויכע מדרגה מיט זייער תשובה! נאָכ'ן טויט וועלען זיי זיצען לעבען מיין פאָטער ביי דער רעכטער האַנד! — האָט ער איינמאָל געזאָגט, און האָט זיי געהייסען דערצעהלען די מעשה צו אנשי שלומנו...

4-טע טהייל

דער הויף אין ליבאַוויטש

לעגענדעס וועגען ליאַדיערס נאָכפאָלגער און די
גרינדונג פון דעם חסידישען הויף אין ליבאוויטש

געהערט פון חסידים אין מיין געבורטס-שטעדטעל
איללוקסט, קורלאַנדער גובערניע

דער „הויף" ווערט געגרינדעט אין ליבאוויטש

נאָך דער הסתלקות פון ליאדיער, ז"ל, האָט זיך די משפחה ארויסגעקליבען פון פייעני קיין האָדיץ, וואו זיי האָבען געדענקט צו פאַרוויילען ביז זיי וועלען קענען אומקעהרען זיך קיין ליאדי.

אָבער ניט לאַנג איז די חבורה דאָרטען פערבליבען. זיי האָבען זיך ניט געקענט אויסקלייבען אַ גוטען פּלאַץ, וואו צו וואוינען. און דערצו האָט מען געלאָזט וויסען פון קרעמענטשוג, אַז מען האָט אָפּגעזוכט פאַר דעם רבינ'ס משפחה אַ גוטע דירה. אין אַ וואָסער מאָנאַט שפּעטער האָבען זיי זיך טאַקע ארויסגעקליבען קיין קרעמענ־טשוג, וואו זיי האָבען פערבראַכט דעם גאַנצען ווינטער. ערשט, ווען די בייזע שווערע קעלטען, וואָס האָבען יענעם יאָהר אַזוי שרעקליך גע־הערשט אין רוסלאַנד, האָבען נאָכגעלאָזען, און די מלחמה מיט נאַפּאָלעאָנען איז געווען צו ענדע, האָט די חבורה בעשלאָסען אומצו־קעהרען זיך קיין ליאדי, און פערנעהמען זייער פריהערדיגע דירה...

ווי טרויעריג זענען זיי אָבער געוואָרען, ווען מען האָט זיי געבראַכט די בשורה, אַז ליאדי איז האַלב חרוב געוואָרען דורך נאַפּאָלעאָנ'ס אנשי חיל, און אַז דעם רבינ'ס ז"ל הויז און בית הכנסת איז אינגאַנצען אָפּגעברענט געוואָרען, זיי האָבען יעצט זיך קיין עצה ניט געקענט געבען, וואו זיי זאָלען קובע מקום זיין.

— וואָס זאָל יעצט זיין? — האָט שטילערהייד זיך מישב געווען אדמו"ר ר' דובער מיט זיין איידעם און פּלימעניק, אדמו"ר ר' מנחם מנדל (צמח צדק) — ווי אַזוי וועלען מיר זיך איינאָרדענען? מען וואָלט אפשר געדאַרפט שיקען בריעף צו אנשי שלומנו, זיי זאָלען עפּעס טהאָן אין דער זאַך?... —

— מה שיעשה הזמן, לא יעשה השכל! — האָט איהם אדמו"ר מנחם מנדל געענטפערט. — מיר'ן נאָך זעהען. דערווייל מוזען מיר פאָהרען אהיים. —

אדמו"ר ר' דובער האָט גלייך געגעבען אַ פּקודה, מען זאָל זיך נעהמען גרייטען אין וועג אריין. ער האָט זיך אויך בעזאָרגט

מיט וועגענער און אנדערע זאכען, וואס מען דארף האבען אויף אזא רייזע. אין א פאר טעג שפעטער זענען זיי אפגעפאהרען פון קרעמענ־טשוג אויפ'ן וועג קיין ליאדי.

עטליכע טעג האט די רייזע געדויערט, הגם אלעס איז געגאנגען בכי טוב, די פאגאדע איז געוועזן אן אויסגעצייכענטע, די זון האט אראפ געשיקט טויזענדער שטראהלען און האט אנגעווארימט די ערד, עס האט געשמעקט פון אלע זייטען מיט פריהלינג, די בוימער האבען אנגעפאנגען צו עפענען זייערע קנאספען, און האבען אנגעפילט די לופט מיט א פרישען ריח־ניחוח, א שטילער זיסער ווינטעלע האט געבלאזען גלייך אין פנים אריין, און האט דערקוויקט די מידע פאהרער, דאך זענען זיי געזעסען פערטרויערט, און האבען ווינציג הנאה געהאט פון דעם תחית־המתים פון דער טבע... ניט אזוי לייכט פערגעסט זיך אזא שווערע אבדה, בפרט נאך אז יעצט פאהרענדיג, האבען זיי זיך דערמאנט, ווי מיט גאר א קורצער צייט צוריק, זענען זיי אויף דעמ־זעלבען וועג געפאהרען מיט זייער פאטער און לעהרער...

אין א שעהנעם פריהמארגען זענען זיי אנגעקומען אין ליבאַ־וויטש. זיי האבען בעשלאסען זיך דארט אפצושטעלען און זיך אויסרוהען כדי צו קענען פאהרען ווייטער.

אדמו"ר ר' דובער האט זיך פערקליבען אין א חדר מיוחד אויף דער „סטאנציע", וואו זיי האבען זיך אפגעשטעלט, און האט זיך גענומען צו דער עבודה. וועגען זיין עבודה און זיין דרך אין דעם וועל איך אייך דערצעהלען אי"ה, ווען מיר וועלען קומען צו דעם, איך קען אייך נאר זאגען, אז זיין דאווענען איז געוועזן מיט גרויס התפעלות און דבקות, ממש, ווער עס פלעגט שטעהן דערביי, פלעגט זיך דערשרעקען פון דעם מין רעש וואס ער האט געמאכט.

און אז ער איז געקומען צום פסוק „והביאנו לשלום מארבע כנפות הארץ", האט ער זיך אזוי פער'דבקה'ט און אריין אין אזא התלהבות, אז ער האט זיך אינגאנצען פערגעסען, וואו ער געפינט זיך, און וואס עס טהוט זיך. פלוצלונג האט זיך איהם געדאכט, אז ער געפינט זיך נאך אין פייעני, דארטען מיט זיין פאטער הקדוש, און איז זיך מיט איהם מישב, וואס מען זאל טהאן.

—וואָס וועלען מיר טהאָן? —האָט ער געפרעגט. לאָמיר בעסער צוריקפאָהרען קיין ליאדי. —

— און איך וואָלט דיר געראַטען אָפּצושטעלען זיך אין ליבאַוויטש. וועסט דאָרטען אויך קענען מפיץ זיין די תורה צווישען אנשי־שלומנו. משנה מקום משנה מזל...

אָבער אָבי מורי, ווי אַזוי קענען מיר דאָרט זיך בעזעצען? ווער ווייס, ווי דער שר העיר וועט אונז אויפנעהמען? די מחלוקות אויף אונזער שיטה האָבען נאָך ניט אויפגעהערט, דאָרטען אין ליאדי ווייס מען אונז שוין, קיינער שטערט אונז ניט, מען מאַכט קיין שוועריג־קייטען צו אנשי שלומנו, זיי זאָלען זיך פערזאַמלען, און מיר קענען פּראַווען אַ „טיש", אָבער אין ליבאַוויטש ווער ווייס און ווער קען וויסען?—

— אָה! דערפאַר דאַרפסטו בכלל ניט מורא האָבען! — ניט פון שר העיר קען קומען אַ שטערונג. ער ווייס וועגען אונז, און ער וועט דיך נאָך איינלאַדען, צו פערבלייבען דאָרט...—

און באותו רגע, איז דאָס בילד פערשוואונדען, און אדמו"ר ר' דובער האָט זיך דערמאָנט, וואו ער געפינט זיך... ער האָט ווידער פאָרטגעזעצט די עבודה.

ער האָט קוים געענדיגט די תפלות און האָט זיך גענומען אויסטהאָן רש"י תפילין, ערשט אדמו"ר ר' מנחם מנדל איז אריינגע־לאָפען אין חדר אַ צוטראָגענער.

— דער שר העיר וויל אונז זעהען! — האָט ער אויסגערופען, ער האָט געשיקט אַ שליח מיוחד זאָגען, אַז ער וועט דאָ באַלד זיין, וואָס זאָל עס בעדייטען? — שוין ווידער אַ מסירה? —

אדמו"ר ר' דובער האָט נאָר אַ שמייכעל געטהאָן.

— נו, מה רעש? זאָל ער טאַקע קומען. וועלען מיר הערען, וואָס ער האָט צו זאָגען...

אין אַ שטונדע שפּעטער, איז דער שר העיר אָנגעקומען.

— איך האָב געהערט פון אייער פאָטער — האָט ער זיך גע־ווענדעט צו אדמו"ר ר' דובער—איך ווייס, אַז ער איז געווען געאַכטעט און געשעצט ביי פּיעלע אידען, און יעצט האָט איך זיך דערוואוסט, אַז איהר זייט דאָ פאַראַן, אויב איהר וועט ניט האָבען דאַגעגען, וועל

איך אייך פאַרלייגען צו בעזעצען זיך ביי אונז אין שטאָדט. איהר וועט דאָ זיין זעהר אָנגענעהמע געסט. —

— מיר ווע‏לען זיך בעראַטען מכח דעם! — האָט איהם אדמו"ר ר' דובער געענטפערט, נאָכדעם, ווי ער האָט שטאַרק בעדאַנקט פאַר דער איינלאַדונג.

ווען דער שר העיר איז אוועק, האָט אדמו"ר ר' דובער דער־צעהלט זיין איידעם, וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט בעת התפלה, און זיי האָבען עס אָנגענומען פאַר א סימן מובהק, אַז זייער פאָטער ז"ל איז מסכים, מען זאָל אריבערפיהרען דעם כסא הרבנות פון ליאָדי קיין ליבאַוויטש.

נאָך אין דעם זעלבען טאָג איז אדמו"ר ר' דובער אוועק צום שר העיר, און האָט געלאָזט וויסען, אַז ער נעהמט אָן די איינלאַדונג, און וועט קובע מקום זיין אין ליבאַוויטש.

אין גיכען האָט זיך די חבורה בעזאָרגט מיט א דירה, און האָבען געלאָזט וויסען אנשי שלומנו, אַז אדמו"ר ר' דובער וועט זאָגען חסידות במקום זיין פאָטער.

פון דאַן איז ליבאַוויטש געוואָרען דער מקום החסידות ביז אויף היינטיגען טאָג. ניט אַזוי גיך אָבער האָבען די עלטערע חסידים, איינגעשטימט מחזיק צו זיין דעם רבינ'ס זוהן, אַנדערע האָבען ניט געוואָלט איינשטימען, אַז ער זאָל איבערנעהמען זיין פאָטערס כסא, און ווען אדמו"ר ר' אהרן הלוי משטראַשיליע האָט ערקלעהרט, אַז ער, אַלס עלטסטער תלמיד פון רבי'ן, איז בערעכטיגט צו פערנעהמען זיין רבינ'ס פּלאַץ, האָבען פיעלע פון אנשי שלומנו זיך צו איהם מתדבק געווען, און האָבען אָנגעהויבען פאָהרען צו איהם.

צווישען לעבען און טויט

צווישען די פיעלע רבנים־תלמידים, וואָס האָבען זיך מתאבק געווען בעפר רגליו פון גרויסען חסידישען רבי׳ן אדמו״ר ר׳ שניאור זלמן מליאדי, איז אויך געווען רבנו אהרן הלוי איש־הורוויץ. נאָך אין יאָהר תקמ״ג, ווען ר׳ אהרן איז נאָך אַלט געווען אַ יאָהר זיבעצעהן, האָט ער זיך געלאָזט קיין לאָזנע, וואו דער ליאדיער האָט דאַן זיין פּלאַץ געמאַכט, אַנקוקען דעם גדול הדור און בעקענען זיך מיט דער נייער שיטה, וואָס ער איז מפיץ ברבים.

רבנו אהרן איז דאַן געווען אַ גרויסער למדן אין נגלה און איז דערצו געווען בעקאַנט מיט קבלה, און ווען ער איז געקומען קיין לאָזנע און האָט דערהערט דעם נייעם למוד, האָט דערזעהן דעם נייעם דרך אין עבודה, האָט בעמערקט די התלהבות און דבקות, וואָס דאָרטען הערשט, איז ער געוואָרען איינער פון די גרעסטע חסידים. אין משך פון די קומענדיגע דרייסיג יאָהר האָט ער זיך כסדר געפונען ביים רבין. ווען דער ליאדיער ז״ל האָט עוקר געווען פון לאָזנע און האָט קובע־מקום געווען אין ליאדי, האָט רבנו אהרן אינגאַנצען זיך אַרויסגעקליבען פון זיין שטאָדט אָשוע, וואו ער האָט געוואוינט, און האָט זיך בעזעצט אין ליאדי, כדי זיין נאָהענט לעבען זיין רבי׳ן.

געשטאַמט האָט אדמו״ר משטראשיליע פון גאָר אַ הויכען יחוס. ער איז געווען דער אַכטער דור פון של״ה הקדוש, דעם פאָטער פון אַלע מקובלים. נאָך אין דער יוגענד האָט ער זיך אַרויסגעוויזען צו זיין אַ זעלטען קינד. זיין חריפות און זכרון האָט יעדען איבעראַשט. וואָס ער האָט איינמאָל געלערנט איז געווען ביי איהם כמונח בקופסא. אין אָשוע האָבען אַלע מקנא געווען זיין פאָטער ר׳ משה הלוי איש הורוויץ, מיט זיין טהייערען זוהן. מען האָט פאָראויסגעזאָגט, אז ער וועט זיין אַ גדול בישראל. און ניט אומזיסט האָט דער ר׳ משה זוכה געווען צו אזא בן יקיר. אַלע האָבען געוואוסט, אז זייט ער האָט ניט פוגע געווען בצלם אלקים משום מעשה שהיה, האָט מען איהם געבענטשט מיט אַ זוהן, וואָס זאָל זיין אַ מאור עינים.

די מעשה איז אַזוי געווען. אין אַ דאָרף ניט ווייט פון אָשוועץ האָט געוואוינט אַ איד אַ למדן, אַ מופלג און אַ חריף, ר׳ ליב האָט מען איהם גערופען. אין די יונגע יאָהרען האָט ר׳ ליב זיך מתעסק געווען מיט איינקויפען תבואות און איז געווען אַ גאַנץ תקיפ׳ער בעל־הבית. שפּעטער אָבער האָט זיך דאָס רעדעלע אַ דרעה געטהאָן און ער איז רחמנא לצלן געוואָרען אַ יורד מנכסיו. דער מסחר איז ניט געגאַנגען. וואָס ער האָט געקויפט האָט אַלץ ניט געטויגט. אַז מען זאָגט, אַז עס איז געגאַנגען מיט די פּוטער אראָפּ איז דאָך ניט שייך. עס האָט לאַנג ניט גענומען און ביי ר׳ ליב אין הויז האָט זיך גענומען פּיהלען דחקות, און וואָס ווייטער איז עס געוואָרען ערגער, ממש עס איז געקומען, אַז עס האָט געפעהלט ברויט...

און אַז עס איז געקומען צו דער מדרגה פון באו מים עד נפש און ר׳ ליב איז בטבע געווען אַ איד, וואָס האָט ניט געוואָלט אָנקומען צו צדקה, האָט ער גומר על דעתו געווען, ארויסצוקלייבען זיך פון שטאָדט אין אַ דאָרף אריין, וואו ער האָט געהאַט די יכולת צו קריגען אַ פּאַכט אויף ארענדע. פארשטעהט זיך, אַז ניט גרינג האָט ער עס געקענט בעשליסען, ווארום ער איז דאָך געווען געוואָהנט צו געהן דריי מאָהל אַ טאָג אין שוהל אריין, און דאָרטען אויפ׳ן דאָרף ווייט פון אידען, פון אַ בית־הכנסת, פון אַ אידיש וואָרט וועט דאָך זיין אומעדיג, אָבער וואָס טהוט מען ניט צוליעב פּרנסה, און בפרט אַז מען האָט אַ וואָסערע ניין חברה־לייט, וואָס ווילען דוקא עסען און אַ ווייב דערצו אויך, איז מען מוותר אויף אַזעלכע זאַכען, און מען פאָהרט.

הייסט עס, ר׳ ליב האָט פערלאָזט די שטאָדט, און איז אריבער אין דאָרף. אָבער ווי זאָגט מען, עס איז נישטאָ קיין מזל, קריכט דער שלימזל דורכ׳ן פענסטער און דורכ׳ן טהיר. קומט ר׳ ליב אין דאָרף אריין, וואו ער האָט געקראָגען צו דינגען אַ פּאַכט. און איידער ער שטעלט זיך נאָך איין, בע׳גנב׳עט מען דעם פריץ פון הויף, און מען וואַרפט די זאַכען אונטער ר׳ ליב׳ן. אַ סברא, אַז דאָס האָבען פּויערים פון דאָרף מיט אַ כיון געטהאָן, כדי פּטור צו ווערען פון דעם „זשיד.“ און אַז מען געפינט די אונטערגעוואָרפענע זאַכען ביי ר׳ ליב׳ן קוקט מען ניט אויף די כל המינים שבועות, וואָס ער שווערט זיך, אַז ער איז ריין פון זינד, און מען נעהמט איהם תפוס מיט זיין ווייב און קינדער.

מיט וואָס אַזאַ מין געשיכטע שמעקט דאַרף מען דאָך אייך ניט דערצעהלען...

איז אָבער ר׳ ליב געווען אַ גרויסער מקורב פון ר׳ משה הלוי איש הורוויץ, וועלכער האָט געוואוינט אין אַ דאָרף „גיומעל״ ניט ווייט פון אָשווע, און אַז יענער דערהערט די מעשה, קלערט ער זיך ניט לאַנג, וואַשט זיך אָרום, טהוט אָן די שבת׳דיגע מלבושים, און לאָזט זיך צום גראַף, כדי עפּעס צו טהאָן פאַר ר׳ ליב׳ן. פדיון שבוים איז ניט פון די קליינע זאַכען!...

פון גיומעל צום פּריץ איז אפילו אַ היבשער מהלך, אָבער משה קלעהרט ניט און לאָזט זיך געהן. און געוועזען איז אָט דער ר׳ משה אַ איד אַ פּאַרשוין. מען האָט זיך דאָך פון זיין הדרת פּנים אָפּקוקען ניט געקענט...

געקומען צום פּריץ, לאָזט זיך ר׳ משה אין פּאַרהויז אַריין און נעהמט זיך נאָכפרעגען ביי די משרתים צו קען מען צוקומען צום גראַף. זאָגט מען איהם, אַז דער פּריץ איז גראָדע נישטאָ, נאָר אויב ער וויל וואַרטען אַ שעה, צוויי וועט ער אָנקומען. און מען וועט וועגען איהם „דאָלאָזשען״ און אויב יענער וועט איהם וועלען אויפנעהמען, וועט מען איהם צולאָזען.

זעצט זיך ר׳ משה אין אַ ווינקעל און וואַרט. דאַרף זיך אָבער מאַכען אַז די „פּאַני גראַפיניע״ קומט אַרויס און דערזעהט אַ מאַן אַ פּאַרשוין מיט אַזוי פיעל חן אויפ׳ן פּנים זיצט, פרעגט זי זיך נאָך ווער ער איז. זאָגט מען איהר, מסתמא, אַז ער וואַרט אויפ׳ן פּריץ. געהט זי און נעהמט זיך נאָכפרעגען וואָס ער וויל. נעהמט ר׳ משה און דערצעהלט איהר די גאַנצע מעשה פון אָנהויב אָן, מכח דעם ענין, נאָך וועלכען ער איז געקומען.

שטעהט די גראַפיניע און הערט איהם אויס, און ביסלעכווייז ברענען זיך אין איהר פאַנאַנדער שלעכטע מחשבות... וואָס ווייטער נעהמט זי אויף איהם קוקען מיט ליעבליכע אויגען, וואָס ברענען שוין מיט תאוה און טומאה, רחמנא לצלן, און באַלד בעט זי איהם אַריין אין אַן אַנדער צימער, אויבען אויף אַ שאַלקע:

— קום זאָגט זי אַריין, איך וויל דאָ ניט שטעהן אין „קוכניע״—

ר׳ משה ווייס פון קיין זאך און נעהמט עס אדרבא אן פאר א גוטען סימן. ער דענקט, אז די גרעפין וועט איהם ארויסהעלפען פאר איהר מאן.

געהט ער לפי תומו אריין אין דעם אנדער צימער. זעצט זי זיך קעגענאיבער און פאנגט אן שמועסען, און וואס ווייטער ווערט זי אלץ מעהר חוצפה׳דיגער, מעהר תאוה׳דיגער, און ממש זי ווערט א תובעת בפה...

זעהט ר׳ משה, ער איז דא שטארק אריינגעפאלען. כאפט ער דאס היטעל און לאזט זיך לויפען.

— הער זיך איין — זאגט זי — געהן פון דאנען וועסטו ניט. ווארום, איך וועל הייסען גלייך מיינע דיענער דיך כאפען און פער־שפארען, און דיין ליב׳ן מיט זיין פאמיליע וועט קאסטען דאס לעבען.

שטעהט ער א דערשלאגענער, און ווייס ניט וואס צו טהאן.

— מילא זיין לעבען ארט איהם שוין ניט, אבער ר׳ ליב מיט זיין פאמיליע, וואס וועט זיין מיט זיי?

און די ממזרת שטעהט און ווארפט אויף איהם אויגעלעך, אז השם ישמרנו... זי ווייס שוין ממש ניט, אויף וואס פאר א וועלט זי איז... עס ברענט און קאכט אין איהר איהרע טריפה׳נע דמים, ווי א גיהנם, און פלוצלונג נעהמט זי זיך דערנעהנטערען צו איהם, און אט פיהלט ער, אז זי ריהרט זיך שוין אן אן איהם.

איז דאך ר׳ משה א צווייג מגזע של״ה הקדוש און א איד כרבעי, ווערט ער א פערציטערטער...

— וואס טהוט מען דא? — געהט איהם דורך א מחשבה — ווי אזוי ווערט מען נצול פון אזא נסיון? —

און ר׳ משה דערמאנט זיך, וואס פאר א חטא די גרעפין וויל ער זאל בעגעהן, און ווי גרויס די שטראף איז פאר אזא חטא, און סתם ווי שטעלט זיך דאס איין אזא חצופה צו פערלאנגען פון איהב אזא נבלה, און וואס ווייטער שטארקט זיך דער געדאנק צו אנטלויפען פון דארטען. און אז ער דערמאנט זיך דעם סטראשונאק, וואס די פריצ׳טע האט איהם געמאכט, בערעכענט ער זיך;

— בעסער צו שטארבען דורך אייגענע הענט! — און ער לויפט צו צום פענסטער, וואס איז גראדע געווען אפען אוןווארפט זיך ארוים אויף א קופע שטיינער. —

— בידך אפקיד רוחי! — האט ער קוים אויסגעשריען.

ר׳ משה׳ן האט מען געבראכט אהיים מעהר טויט, ווי לעבעדיג. א לאנגע צייט איז ער געלעגען זעהר קראנק. מען האט שוין ניט געריכט זיך, אז ער וועט לעבען. אבער א יונגערמאן איז ער געווען, האט ער בייגעקומען דעם טויט.

און אז ער האט זיך גענומען בעסערען, האט איהם איינמאל באזוכט אן אורח א דורכפאהרער:

— איש שלא נפגע אצלו הצלם אלקים כלל, — א מענש, וואס האט ניט פארפלעקט דעם געשטאלט פון גאט, איז בערעכטיגט צו האבען א זוהן, וואס זאל פארשיינען די וועלט מיט זיין תורה און עבודה... —

דער אורח איז א סברא געווען ר׳ ליב שרה׳ס. און דער זוהן איז טאקע געווען ר׳ אהרן, שפעטער אדמו״ר משטראשיליע.

די ברכה ווערט מקוים

איינמאָל, ווען אַלע תּלמידים פון דעם גרויסען חסידישען רבין — אדמור ר׳ דובער המגיד ממעזריטש — זיינען געזעסען און האָבען מיט גרוים התלהבות און התמדה זיך צוגעהערט צו די דברי קודש, וואָס זייער רבי האָט פאַר זיי „געזאָגט“, האָט אדמו״ר ר׳ דובער פּלוצלונג מפסיק געווען זיין למוד, און האָט זיך געווענדעט צו ר׳ לייב־שרה׳ס, וועלכער איז מיט אַ ווייַלע פריהער אָנגעקומען צום רבי׳ן פון זיינע נסיעות:

— מה היום מיומים? — האָט דער רבי איהם שטיל געפרעגט — עפּעס שיינט ביי דיר דיין פּנים היינט אויסערגעווערנליך, ממש עס שטראַהלט אַרוים מיט שמחה, וואָס איז נייעס? —

— איך האָב אויף מיין נסיעה — האָט ר׳ לייב־שרה׳ס גע־ענטפערט — בעזוכט צום צווייטען מאָל אַ אידען, ביי וועמען דער צלם־אלהים איז ניט נפגע געוואָרען אויף אַ האָהר, אפילו ווען ער איז געבראַכט געוואָרען צו אַ שווערען נסיון. דערצו איז ער נאָך פון אַ הויכען יחוס, אַזש פון של״ה הקדוש. ער וואוינט אין אַ קליין דערפעל „גיומעל“ און ער האָט יעצט געפּראַוועט די „אָפּשערעניש“ פון זיין זוהן...—

— דערצעהלט אונז טאַקע וועגען איהם — האָט דער מגיד געבעטען.

אַלע האָבען פערשטאַנען, אַז ווען דער הייליגער מגיד הייסט זיך דערצעהלען די מעשה, מסתמא, יש דברים בגוי, און זיי האָבען אויפגעשטעלט מויל און אויערען.

ר׳ לייב־שרה׳ס האָט זיך ניט לאַנג געלאָזט בעטען, און האָט דערצעהלט די גאַנצע מעשה פון ר׳ משה הלוי איש הורוויץ, כפי עס שטעהט אין פריהעריגען קאַפּיטעל.

—נו, —האָט אדמו״ר ר׳ דובער געפרעגט, —וואָס האָסטו איהם מבטיח געווען, בעת דו האָסט איהם צום ערשטען מאָל בעזוכט? —

— איך האָב איהם מבטיח געווען א זוהן, וואָס זאָל זיין א גדול בתורה ועבודה. — אָט דאָס אינגעל איז יעצט דריי יאָהר געוואָרען, בין איך עס צום צווייטען מאָל דאָרטען געווען, ומובטחני, אז ער וועט זיין א גדול בישראל... —

— און דער ר' משה פערדיענט עס טאַקע — האָט דער הייליגער מגיד געענטפערט, און ווענדענדיג זיך צו זיין יונגען תלמוד ר' שניאור זלמן, שפעטער הרב מליאדי, האָט ער צוגעגעבען: — געדענק, וואָס איך זאָג דיר, זיין זוהן וועט טאַקע זיין א מאור־עינים, אזא וועט זיך לוינען מקרב צו זיין... —

אדמו"ר ר' שניאור זלמן האָט באַלד פערשטאַנען, אז דער רבי האָט מיט דעם עפּעס מכוון געווען, און ער האָט דיעזע ווערטער גוט געטומען אין זינען. ער האָט בעשלאָסען צו זעהן זיך מיט אָט דעם ר' משה הלוי.

און באַלד האָט ער געקענט זיין בעשלוס אויספיהרען.

כידוע האָט אדמו"ר ר' שניאור זלמן זעהר יונג חתונה געהאַט, און האָט געוואוינט מיט זיין שווער צוזאַמען. ווען ער איז אַלט געוואָרען צוואַנציג יאָהר, האָט ער בעשלאָסען צו פאָהרען צו א גדול־הדור, וואו ער זאָל פאָרטזעצען זיין למוד.

לכתחלה האָט ער געוואָלט פאָהרען צו הגאון ר' אליהו ז"ל מווילנא, אָבער אין יענער צייט האָט זיך שוין געהערט וועגען דעם גרויסען איש האלקים המגיד ממעזריטש, וועלכער האָט זיך בעריהמט געמאַכט מיט זיין נייעם למוד אין חסידות און מיט זיין התלהבות'דיגער עבודה, האָט אדמו"ר ר' שניאור זלמן געלאָזט רופען צו זיך זיין ברודער ר' יהודה ליב און האָט זיך מיט איהם אן עצה געהאַלטען, וואו אהין זאָל ער פאָהרען.

נאָך א לאַנגען ישוב הדעת, האָבען ביידע בעשלאָסען צו פאָהרען צום מגיד ז"ל.

— תורה האָבען מיר שוין געלערנט, יעצט לאָמיר אויסגעפינען, ווי מען דאַרף זיך נוהג זיין אין עבודה!... —

אדמו"ר ר' שניאור זלמן האָט באַלד דערצעהלט זיין ווייב

סטערנע, וועגען זייער בעשלום, און זי האָט מסכים געווען — ער זאָל פאָהרען, בתנאי, ער זאָל זיך ניט זאמען מעהר ווי 2 יאָהר.

ער האָט איינגעהאנדעלט אַ פערד און וואָגען, און ער צוזאמען מיט זיין ברודער ר׳ יהודה ליב האָבען זיך אוועקגעלאָזט צום מעזריטשער ז״ל.

זיי זיינען אָבער קוים אַ האַלבען טאָג רייזע אָפּגעפאָהרען, ערשט דאָס פערדל איז פּלוצלונג אוועקגעפאַלען.

דער „ליאדיער“ האָט זיך פערטראַכט.

— האָסטו גענומען רשות פון דיין אשה צו פאָהרען — האָט ער זיך געווענדעט צו זיין ברודער.

— ניין! אדרבא, זי האָט מיך ניט געוואָלט לאָזען פאָהרען. —

—אהא! יעצט פערשטעה איך שוין, ווארום דאָס פערדעל איז געפאַלען... ווען מען פאָהרט אוועק פון דער היים, מוז מען נעהמען רשות פון דער ווייב... קעהר זיך אום צוריק, און איך וועל געהן אליין...

אין אַ פּאָר מאָנאַטען שפּעטער, איז דער רבי צופּוס אָנגעקומען קיין מעזריטש, און האָט זיך בידוע מתדבק געווען צום מגיד, דער ממלא מקום פון בעל־שם־טוב הקדוש...

ווען ר׳ ליב־שרה׳ם האָט דערצעהלט די מעשה פון ר׳ משה הלוי איז עס געווען אַקוראַט 2 מאָנאַטען, איידער דער ליאדיער ז״ל האָט געדאַרפט פאָהרען אהיים, כפי ווי ער האָט מבטיח געווען זיין ווייב. ער האָט שוין געהאַלטען אין גרייטען זיך אין וועג. יעצט האָט ער ביי זיך עומד על דעתו געווען אויף דער נסיעה צו זיין טאָקע אין גיומעל און זעהן דאָרטען דעם יחסן...

און ער האָט טאָקע אזוי געטהאָן.

— איך האָב מיט דיר עפּעס צו רעדען — האָט דער רבי ז״ל געזאָגט צו ר׳ משה אהרן, ווען ער איז אָנגעקומען אין גיומעל, אויף זיין נסיעה צוריק אהיים. — קענסטו מיר זאָגען, ווי הייסט דיין זוהן, וועמענס „אָפּשערונג“ דו האָסט ניט לאַנג געפראַוועט.

— אהרן. — האָט משה געענטפערט.

—וואָלסטו געוואָלט זיך מיט מיר מתחתן זיין —האָט דער רבי

ז"ל ווידער געפרעגט. — איך וואָלט איהם גענומען פאַר אַן איידעם פאַר מיין פריידקען...*) —

— איך האָב זיך שוין לאַנג מתחתן געווען מיט מיינעם אַ קרוב, — האָט ר' משה געענטפערט.

— מיר טהוט לייד! מיר טהוט לייד! — האָט דער רבי שטיל געמורמעלט, און האָט געהייסען דעם בעל־עגלה פערקירעווען צוריק. אָבער באַלד האָט ער זיך ווי עפּעס בעטראַכט, און האָט זיך ווידער געווענדעט צו ר' משה'ן.

— אָבער קען איך דיין זוהן אָנקוקען?

— געוויס! קומט אַריין אין הויז, ער האַלט יעצט אין לערנען. איך האַלט דאָ פאַר איהם אַ מלמד, וואָס לערנט מיט איהם דאַווגען און ברכות זאָגען. ער זיצט דאָרט אין אַ בעזונדער חדר און לערענט. אויב איהר ווילט זיך בעמיהען קומט אַריין. —

אדמו"ר ר' שניאור זלמן איז אַריינגעגאַנגען אין דער בעגלייטונג פון ר' משה'ן אין חדר, וואו דאָס אינגעל האָט זיך געפונען, און האָט דערזעהן אַ קליין אינגעל, מיט שעהנע בלישטשענדע אויגעלעך, מיט געקרייזעלטע הערעלעך, מיט אַ קלוגען אויסדרוק אויפ'ן פּנים, איז געזעסען ביי אַ סידור און האָט מיט גרויס התמדה געזאָגט וואָרט פאַר וואָרט. ער איז אַזוי געווען פערטיפעפּט אין סידור, אַז ער האָט אַפילו ניט אומגעקוקט זיך אויף די אַריינגעקומענע.

אַ ווייל'ע איז דער רבי געשטאַנען און בעטראַכט דעם אינגעל, און האָט זיך איינגעהערט, ווי ער זאָגט די ווערטער. און וואָס מעהר ער האָט זיך איינגעהערט, אַלץ מעהר האָט ער דערפיהלט, אַז אָט דאָס קליין אינגעל איז אַ זעלטענע כלי. עפּעס האָט זיין קול געקלונגען אַזוי זיס, ניט ווי ביי אַלע קינדער, יעדעס וואָרט וואָס ער האָט אַרויסגערעדט איז געווען ווי אַ קליין זינגענדיג פויגעלע וואָלט אַרויסגעפלויגען פון זיין מויל...

---

*) רעם רבינ'ס עלטערע טאָכטער, וועלכע איז שפּעטער בעקאַנט געוואָרען אַלס אַ גרויסע מלומדת אין נסתר. פון איהר געפינט זיך אַ בריעף געשריעבען אין אַ זעלטענעם חסידישען סטיל, אין וועלכען זי מאַכט פאַרווירפע איהר ברודער, אדמו"ר האמצעי פאַר וועלען מגלה זיין דעם „קץ".

דאָס אינגעל האָט געהאַלטען אין זאָגען „אב הרחמים". די ווערטער, וואָס זיינען אַרויס פון זיין יונג מיילכעל האָבען ממש געקלונגען ווי אַ שעהן זמר'ל.

ווען דאָס אינגעל איז אָבער געקומען צום פסוק: „הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו" — די ליעבע זיסע, סיי ביי לעבען און סיי נאָכ'ן טויט האָבען זיי זיך ניט צושיידט, — האָט דאָס אינגעל געזאָגט: „הנאהבים והנעימים בחייו, ובמותו נפרדו, — די ליעבע און זיסע פאַר זיין לעבען, האָבען זיך נאָך זיין טויט צושיידט...

דער מלמד האָט געכאַפּט זיך פערריכטען דעם אינגעל זיין גרייז, אָבער עס האָט ניט געהאָלפען. דאָס אינגעל האָט ביים צווייטען מאָל זאָגען אויך דעם זעלבען טעות געמאַכט. דער מלמד איז בייזלעך געוואָרען.

— לא נפרדו — שטעהט! — האָט ער אויסגעשריען.

— ניין, רבי, האָט דאָס אינגעל מיט זיין דין קול'כעל הויך אויסגערופען, דעם „לא" זעה איך ניט. עס שטעהט ניט קיין „לא"...

דער ליאַדיער ז"ל האָט פערמאַכט די אויגען, און האָט זיך פערטראַכט. ער האָט פערשטאַנען, אַז יש דברים בגוי, אַז ניט אומזיסט האָט דאָס אינגעל דעם „לא" ניט געזעהען.

— אָט אַזאַ אינגעל איז אַ גוטער תלמיד — האָט ער ענדליך שטיל אַרויסגערעדט, נאָכדעם ווי ער האָט אַ ווייל פערמאַכט די אויגען. — נו, מיר'ן נאָך זעהען! און מיט דיזע ווערטער האָט ער פערלאָזען דעם חדר, און איז אַוועקגעפאָהרען...

ווען ער איז צום צווייטען מאָל געקומען צום מעזריטשער ז"ל, האָט ער אַ זיפץ געטהאָן, בעת דער אדמו"ר ר' דובער זיין רבי האָט איהם מיט אַ שמייכעל געפרעגט וועגען ר' ליב שרה'ס ברכה...

— שאַ, ניט געזאָרגט! — האָט דער מגיד ז"ל איהם געזאָגט, און ער האָט צום צווייטען מאָל אַ שמייכעל געטהאָן...

אַ היבשע צייט איז פערלאָפען. דער ליאַדיער ז"ל איז געווען פאַרנומען מיט פאַרשפרייטען זיין נייעם דרך צווישען די אידען, און האָט די גאַנצע מעשה וועגען ר' משה הלוי פערגעסען. און אין אמת'ן ווי קען מען עס געדענקען, ווען מען דאַרף אַזוי פיעל אידען אויפנעהמען, יעדען ענטפערען, יעדערען אַן עצה געבען, אַלעמען ערקלעהרען דעם אמת'ן וועג, וועלכען צו געהן?

מאַכט זיך אָבער אַ מעשה. דער רבי ענדיגט איינמאָל זאָגען פּאַר אנשי שלומנו תורה, ערשט איינער אַ חסיד איז געקומען, און וויל זעהן דעם רבי'ן. באשר וואָס? היות ווי ער וואוינט ניט ווייט פון אָשווע, און דאָרטען געפינט זיך אַ יונג אינגעל אַ וואָסערע זעכצעהן יאָהר אַלט, וואָס איז בפועל ממש אַ עלוי, זיין שאַרפע קאָפּ, זיין בקיאות, זיין זכרון איז נאָר צו בעוואונדערען. אַ בקיא בש"ס. אַ למדן מופלג, האָט שוין צו צוועלף יאָהר געלערענט קבלה. עס איז אַ מחיה מיט איהם זיך דורכרעדען. דאָס אינגעל האָט איהם געבעטען, אַז ער זאָל זיך דורכשמועסען מיט'ן רבי'ן, ווייל חשקה נפשו בתורה, ער וויל זיך בעקענען מיט דעם נייעם למוד פון חסידות, און וויל ווערען דעם רבי'נס אַ תלמיד.

פרעגט איהם דער רבי ז"ל, ווי דאָס אינגעל הייסט, ענטפערט ער „אהרן". און דער אבי הבחור הייסט ר' משה הלוי.

פאַרגעסט זיך דער רבי וועגען די גאַנצע געשיכטע, און ער איז דעם אידען מדחה:

— אַ אינגעל פון זעכצעהן יאָהר דאַרף נאָך לערנען גמרא — זאָגט ער, אָבער קוים איז דער איד אַרויסגעגאַנגען, און דער רבי איז פערבליבען אַליין אין חדר, ערשט מיט אַמאָל דוכט זיך איהם, אַז ער איז נאָך גאָר ביי זיין רבי'ן אין מעזריטש, און ער זיצט און הערט זיך צו צו די שעהנע טייערע ווערטער, וואָס גיסען זיך ווי קריסטאָל ריינע וואסער, פון רבי'נס פּה הקדוש. אָבער וויפיעל ער שטרענגט זיך ניט אָן משיג צו זיין דעם ענין, וועגען וועלכען מען רעדט, קען ער עס בשום אופן ניט פערשטעהן.

זיצט ער און איז זיך מצער אויף דעם:

— וואָס עפּעס הייסט דער מעהר, — קלערט ער — וואָס איך קען אַ וואָרט ניט פערשטעהן? — און ער איז גומר על דעתו צו פרעגען טאַקע דעם רבי'ן.

— איך קען עס ניט משיג זיין! — שרייט ער אויס מיט גאָר די כחות, און ממש אויף זיין פּנים איז אויסגעוואַקסען אַ ים של צער ויגון.

— נו, יאַ, ענטפערט דער רבי געלאַסען, — ווען מען רעדט וועגען דער פּגימה פון צלם אלהים, און וועגען דער גרויסקייט פון די

וועלכע זיינען ניט פונם אין איהם, קענסטו עס ניט פערשטעהן! באשר יעצט איז שוין שפעט, און נאך אמאל איבערזאגען וועל איך ניט, און בכלל פארגעסטו...—

—אבער איך וויל עס וויסען! —שרייט אוים דער ליאדיער ז״ל.

— אה, וועסט עס נאך וויסען, אבער דיין פערגעסען וועט אמאל ברענגען א פירוד צווישען דיינע נאכפאלגער. —

און דער רבי האט זיך אומגעקערט, און האט זיך דערמאנט, וואו ער געפינט זיך.

באותה שעה, האט זיך אויך דערמאנט, וועגען וועמען מען האט דא פריהער גערעדט.

ער האט ניט פערזאמט קיין איין מינוט, און האט זיך געלאזט נאכ'ן אורח, איהם בעטען ברענגען דעם אינגעל, אבער דער חסיד איז שוין ניט געוועזן. דער רבי האט זאגאר בעפוילען איהם אפזוכען, אבער מען האט איהם ניט געקענט געפינען, משמעות ער איז שוין אוועק אהיים.

הגם דער רבי האט פון דעם געהאט גרוים עגמת־נפש, אבער ער האט בעשלאסען צו ווארטען, ביז דער זעלבער חסיד וועט נאך אמאל קומען קיין לאזנע.

אבער עס איז אוועק א מאנאט, א צווייטער, — און דער איד האט זיך ניט געוויזען.

אין א שעהנעם זומער טאג, ווען דער רבי האט זיך געפונען אין זיין חדר מיוחד, וואו ער האט מיט גרוים התלהבות זיך מתעסק געוועזן אין תורה, האט ער פלוצלונג דערהערט א דין זים שטימע, קענטיג פון א יונג אינגעל, וואס האט זיך געבעטען, מען זאל איהם אריינלאזען צום רבין.

כאטש דער רבי ז״ל איז געוועזן פערטיעפט אין למוד, האבען אבער די ווערטער פון דעם בעטענדען אנגעפאנגען אריינצודרינגען טיעף, טיעף אין זיין הארצען.

פלוצלונג האט זיך איהם גענומען דוכטען, אז ער האט דיעזע שטימע געהערט, אז ערגעץ וואו אין מח ליגען בעהאלטען דיעזע קלאנגען, און זיי קומען יעצט ארוים פון דארטען, און ווי א ווידער־קול חזר'ען זיי זיך איבער...

דער רבי האָט זיך אויף אַ מינוט נאָר פערקלעהרט, און באַלד האָט זיין פנים אויפגעלויכטען. ער האָט שנעל אויפגעעפענט די טהיר פון זיין חדר, און האָט געהייסען מען זאָל צו איהם אריינלאָזען דעם יונגען בחור'ל.

— שלום עליכם אהרן! — האָט דער רבי איהם געזאָגט, וואָס אַזוינס פערלאַנגסטו? —

— איך האָב זיך מעהר ניט געקענט איינהאַלטען, — האָט ער מיט אַ קול תחנונים אויסגערופען, — מיר האָט געצויגען אַהער שוין לאַנג. איך וויל לערנען פון אייך תורה, איך וויל וויסען דעם אמת'ן דרך־השם...

— און עברי קענסטו שוין? — האָט דער רבי מיט אַ שמייכעל געפרעגט.

אהרן האָט זיך געפיהלט, ווי בעליידיגט. ער איז שוין דאַן געווען דאָס זיבעצעהנטע יאָהר, האָט געקענט גוט תלמוד מיט מפרשים, האָט געלערנט קבלה, און דאָ פרעגט מען איהם גאָר צו קען ער עברי. אַ ווייל"ע איז ער געשטאַנען פערטראַכט און האָט ניט געוואוסט, וואָס צו ענטפערען. אָבער ענדליך האָט דאָס אינגעל בעשלאָסען ביי זיך, אַז דער גרויסער צדיק וויל איהם אויספּרובירען, צו ער האָט אין זיך עניוות, און האָט דערפאַר אַ שמייכעל געטהאָן און תמימות'דיג געענטפערט:

— זאָל דער רבי זיך מטריח זיין און מיך פערהערען! —

דער ליאַדיער ז"ל, האָט ברייט אַ שמייכעל געטהאָן, און האָט גענומען אַ סידור.

— זאָג אָט דאָ! — האָט ער שוין האַלב לאַבענדיג געזאָגט, אויפמישענדיג דעם „אב - הרחמים" און אָנצייגענדיג אויף דעם פסוק „הנאהבים והנעימים", דעם זעלבען פסוק, וואָס ער האָט איהם געהערט זאָגענדיג, בעת ער איז געווען ביי זיין פאָטער אין הויז, כדי זיך מיט איהם משדך צו זיין.

דער שפּעטערדיגער תלמיד פון „ליאַדיער" אדמו"ר ר' אהרן האָט אַ קוק געטהאָן אינוועניג:

— עפּעס שווינדלען מיר אין די אויגען! — האָט ער פּאַמעליך אַרויסגערעדט, און די ווערטער קומען אַרויס גאָר אַנדערע...

דער ליאַדיער ז"ל, האָט פאַרמאַכט דעם סדור, און האָט זיך שווער אָפּגעזיפצט, יעצט האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאַן, ווען ער האָט דעם פּסוק געזאָגט אַנדערש איז עס ניט געווען קיין פּשוט'ע מקרה — קיין צופאַל, נור, אַז דאָס האָט געהאַט אַ געוויסע בעדייטונג. אַ ווײַלע האָט אין חדר געהערשט אַ שווערע שטילקייט, אָבער באַלד האָט דעם רבינ'ס פּנים אויפגעלויכטען:

— יעצט וועלען מיר זעהען, וואָס דו קענסט! — און זיי האָבען גענומען ריידען דברי תורה. —

דאָס קליין אינגעל האָט באַלד גענומען אַרויסווייזען אַ זעלטענע חריפות און בקיאות. פון זיין מויל האָבען זיך ממש געשאָטען פּערל, ריינע בלישטענדע פּערל. מיט איין קלאַפּ האָט ער דורכגעמישט גאַנץ ש"ס, האָט גערעדט און אויפגעוויזען דאָס און אַנדערעס. דער רבי שטעלט איהם אַ קשיא, און ער ענטפערט גלייך אָפּ, זה בונה וזה סותר. עס האָט קיין ווײַלע ניט גענומען, — און דער ליאַדיער ז"ל, האָט זיך איבערצייגט, אַז פאַר איהם שטעהט אַ יקר־המציאות, — אַ זעלטענע כלי — ממש אַן עלוי.

— נו, און נסתר האָסטו שוין אויך געלערנט? — האָט דער רבי איהם געפרעגט.

באַלד האָבען זיי פערפיהרט אַ שמועס אין נסתר, און אויך אין דעם ענין האָט ער זיך אַרויסגעוויזען צו זיין טאַקע אַ קענער.

שעהנע עטליכע שטונדען האָבען זיי פערבראַכט אין למוד.

— גוט! — האָט דער רבי ז"ל ענדליך אַרויסגערעדט — זיי דאָ ביי מיר. וועסט לערנען צוזאַמען מיט מיין בערע'ניו (שפּעטער דער מיטעלער רבי). —

פון דאַן אָן, איז ר' אהרן פערבליבען ביים ליאַדיער ז"ל אין הויז. ער צוזאַמען מיט אדמו"ר ר' דובער האָבען יומם ולילה זיך עוסק געווען בתורה ועבודה. וואָס ווייטער און ווייטער האָבען זיך דיביידע יונגע לייט בעפריינדעט, מתדבק געווען איינע מיט די אַנדערע,

און זיינען געווארען אוהבים־נאמנים. איינער אָהן די אנדערע האָבען קיין טריט ניט געטהאָן.

איינמאָל, ווען דער רבי איז געזעסען ביים „טיש" מיט די חסידים, און האָט אָקאָרשט געענדיגט זאָגען א דבר־חסידות זיינען די צוויי יונגע לייט פערביינעגאנגען דאָס הויז און האָבען זיך מתוכח געווען אין א מאמר חסידות. זיי ז י י נ ע ן געווען אזוי פערטיעפט אין שמועס, אז זיי האָבען אפילו ניט בעמערקט, ווי אַלע חסידים קוקען אויף זיי און קלייבען נחת.

— דאָס זיינען תרין רעין דלא מתפרשין — צוויי חברים וואָס שיידען זיך ניט פונאנדער. —

דער ליאדיער ז"ל האָט טרויעריג אראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ.

— הלואי דלא מתפרשין! — הלואי זאָלען זיי זיך ניט צושייר־דען... — דער רבי האָט שוין דאַן מיט זיין ווייטען קוקען פערשטאַנען, אז א שפּאַלטונג וועט פאָרקומען צווישען דיביידע חברים.

ביים בערדיטשעווער צדיק

ווען די גרויסע מחלוקה צווישען די חסידים, אנשי שלומנו, און די מתנגדי תורת הבעל־שם־טוב, זכותו־יגן, האט זיך פונאנדערגעפלאַקערט, און אויף דער מסירה פון אביגדר, „דעם פינסקער רב״, איז דער ליאַדיער ז״ל געגומען געוואָרען תפוס, און איז אַבגעשיקט געוואָרען קיין פעטערבורג, וואו מען האט איהם פערזעצט אין געפענגניש, האט ר׳ אהרן גלייך גענומען זיך טהאָן עפּעס פאַר זיין רבינ׳ס בעפרייאונג.

דעם ערשטען אויפטראג האט איהם דער רבי ז״ל אליין געגעבען.

אין דער צייט, ווען די אנשי־חיל האָבען געהאַלטען אין ארויספיהרען דעם מאור־עינים ר׳ שניאור זלמן פון זיין הויז, האט ער פּלוצלונג א פיהר געטהאָן מיט דער האַנד איבער די אויגען, און האט זיך געווענדעט צו זיין תלמיד.

—דו, אהרן, פאָהר גלייך—האט ער אין איילעניש אויסגערופען — קיין בערדיטשעוו. דאָרט געפינט זיך מיין חבר און אוהב נאמן ר׳ לוי יצחק נ׳י, זאָל ער מאכען פאַר מיר א פּדיון נפש. —

און אין דער שטיל האט ער צוגעגעבען:

— דערצעהל וואָס דאַ טהוט זיך, און זאָל ער וויסען, וואָס ער האט צו טהאָן.

— זאָל איך דאָרט ביי איהם פערבלייבען? — האט דער געטרייער תלמיד געפרעגט זיין רבין.

— ער וועט דיר שוין זאָגען, וואָס דו האָסט צו טהאָן — האט דער רבי קוים אויספּעיעט ארויסצוריידען, און די אנשי חיל האָבען איהם ארויסגעפיהרט.

רבנו אהרן האט זיך ניט מעכב געווען קיין איין מינוט. נאָך אין דעם זעלבען טאָג האט ער זיך אוועקגעלאָזען קיין בערדיטשעוו מיט א פערביטערט האַרץ.

דעם גאַנצען וועג איז ער געזעסען א פערטרויערטער. לכתחילה האט ער אפילו ניט געוואָלט פאָהרען, נור דוקא געהן צו פוס. אָבער ווען ער האט זיך בעטראַכט, אז יעצט טאָר מען קיין צייט ניט פערלירען,

און אַז יעדע רגע איז טייער, איז ער מרוצה געוואָרען צו פאָהרען. איינער פון אנשי שלומנו האָט איינגעשפּאַנט זיין פערדעל און מען האָט זיך געלאָזט אויספיהרען דעם רבינ'ס רצון.

ר' אהרן איז די גאַנצע צייט געזעסען שקוע במחשבותיו. ער האָט צו קיינעם ניט גערעדט, און אפילו עסען ניט געוואָלט. הייסע זודיגע טרעהרען האָבען זיך געגאָסען פון זיינע אויגען. ער, — וועלכער האָט זיין רבין אַזוי ליעב געהאַט, וועלכער האָט געציטערט פאַר זיין רבינ'ס טריט, האָט געדאַרפט צוזעהן, ווי אַ פּאָר פּראָסטע אָפיצערלעך האָבען בעפוילען מיט'ן רבי'ן, ווי מיט זייער אַ סאָלדאַט, להבדיל.

אַ רייזע פון לאָזנע קיין בערדיטשעוו נעהמט אַ היבשע צייט. בפרט נאָך, אַז מען האָט געדאַרפט זיך שלעפּען מיט אַ קליין אויסגע־דאַרטען פערדעל. אָבער ענדליך זיינען זיי, דאָס הייסט, ר' אהרן און דער בעל־עגלה אָנגעקומען קיין בערדיטשעוו.

אַ פערטרויערטער און פאַרצאַרענטער האָט ער זיך געלאָזט צום בערדיטשעווער גדול, אדמו"ר ר' לוי יצחק ז"ל.

ווען ער איז אָנגעקומען אין בערדיטשעווער צדיק'ס הויז, האָט ער אָהן שום מחזקות געבעטען, מען זאָל איהם צולאָזען צום צדיק.

— איך בין דער תלמיד פון בעל־התניא, האָט ער געהייסען איבערגעבען אדמו"ר ר' לוי־יצחק, און איך בין געקומען אַהער אויף דער שליחות פון מיין רבי'ן נ"י. עס איז אַ זעהר וויכטיגער ענין און איך מוז מיין רבינ'ס חבר גלייך זעהן. —

די מקורבים האָבען פערשטאַנען נאָך דעם אָרט ריידען פון דעם אורח, אַז עפּעס שרעקליכעס איז געשעהען, און זיי האָבען תיכף ומיד געלאָזט וויסען דעם בערדיטשעווער ז"ל ווער דאָ איז דאָ.

אין עטליכע מינוט שפּעטער, האָט זיך די טהיר פון בערדיטשע־ווער'ס חדר אויפגעעפענט, און דער גרויסער צדיק איז אַרויסגעקומען.

— שלום עליכם ר' אהרן! — האָט דער בערדיטשעווער אויסגערופען. — אַ אורח הגון! נו, קום אַריין אין מיין חדר, לאָמיך הערען, וואָס מיין חבר, דער בעל־התניא האָט מיר צוזאָגען. —

— רבי! — האָט ר' אהרן אויסגעשריען. — רבי! מיין רבי איז אויף אַ מסירה גענומען געוואָרען תפוס, און מען האָט איהם אוועקגעפיהרט. —

ווען דער גרויסער בערדיטשעווער צדיק אדמו״ר ר׳ לוי־יצחק האָט דערהערט די בשורה, אַז מען האָט דעם בעל־התניא גענומען תפוס, איז ער אַזוי צוטומעלט געוואָרען, אַז אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען, ווי ער וואָלט ניט געגלויבט, וואָס מען זאָגט איהם דאָ.

— וואָס? — האָט ער שטיל אויסגערופען.

— מיין רבי איז תפוס! — האָט ר׳ אהרן נאָכאַמאָל בעשטע־טיגט זיינע פריהערדיגע רייד.

דער בערדיטשעווער האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף דער ערד, און האָט אָנגעפאַנגען צו קאָרטשען זיך פאַר ווערטאָג. אַ היבשע ווײַלע האָט ער זיך געקייקעלט אויף דער ערד, אָבער פּלוצלונג האָט ער זיך אַ שמעל געטהאָן, און גענומען אַרומלויפען איבער׳ן צימער.

— אַזוי גאָר! — האָט ער געשריען! — אַזוי גאָר! דעם בעל־התניא גענומען תפוס! נו, גאָטעניו, משמעות, דיר געפעלען ניט דיינע חסידים? האַ? און איך אויך ניט? נו, דאַרף מען ניט! ניין, איז ניין! אָבער לוי־יצחק וועט דוקא בלייבען אַ חסיד, און דוקא דיך דיענען מתוך אהבה און שמחה! און אדרבא פערקעהרט, אויב דיר געפעלען ניט די חסידים, ווערסטו דאָך זיי ניט געבען קיין שכר, וועלען מיר טאַקע קענען דיענען שלא על מנת לקבל פּרס... און טהו עפּעס! אָבער דער בעל־התניא תפוס דאָס איז שוין צופיעל! איך זאָג דיר, — איך וועל דיך ניט אָפּלאָזען! אַט אַזוי פערשפּאַרט מען דאָס דעם בעל־התניא? גלאַט אַזוי? וואָס איז עפּעס הפקר די וועלט? האַ?

ר׳ אהרן איז געשטאַנען אַ פערציטערטער. ער האָט צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען געהערט אַט דעם איש־קדוש־וטהור, וועלכער רעדט צו דעם רבונו דעלמא כולא, ווי צו זיינעם אַ גלייכען...

איבער אַ שטונדע איז דער בערדיטשעווער צדיק אַרומגעלאָפען איבער׳ן הויז און ניט אויפגעהערט צו איינ־טענה׳נען זיך מיט׳ן רבונו־של־עולם. און מעהר פון אַלעם האָט ער איבער־חזר׳ט וועגען דעם, וואָס ער האָט אפילו ניט געוואוסט, אַז מען האָט דעם ליאַדיער אַריינגעזעצט.

— אַזוי? שיקסט אונטער אנשי חיל, מען פערנעהמט זיך אַט אַזוי גלאַט דעם בעל־התניא, און מיר לאָזטו אפילו ניט וויסען? האַ? גאָר נים? גלייך ווי לוי־יצחק׳ן איז גאָר די גאַנצע מעשה ניט

נוגע. גלייך ווי לוי־יצחק איז קיין חסיד ניט, און האָט מיט דעם גאָרנישט צו טהאָן. הא? אָט אזוי טהוסטו עס?

פלוצלונג האָט ער זיך א שטעל געטהאָן, און האָט ארויפגעלעגט זיין האנד אויף זיין גרויסען, ברייטען שטערען, און האָט זיך פערטראַכט.

— קום נור אהער —האָט ער זיך געווענדעט צו דעם ליאדיער'ס תלמיד ר' אהרן — קום אהער. זאָג נור, איך בעט דיך, ביסטו געווען דערביי, ווען מען האָט דיין רבין און מיין חבר גענומען תפוס?

— יאָ! — האָט ר' אהרן קוים געקענט ארויסשטאַמלען.

— איז ער געווען שטארק צוטראָגען פון דער מעשה?

— אָה, זעהר שטארק, רבי! ווען מען האָט איהם אָנגעזאָגט די בשורה, אז אָן אָפיציער מיט איינינע זשאנדארמען ווארטען אויף איהם, האָט ער געהאַלטען אין אָנטהאָן די פאַנטאָפעל. פון גרויס בלבול־הדעת האָט ער פערגעסען אָנצוטהאָן דעם צווייטען פאַנטאָפעל.

— איז ער געווען צוטראָגען בפנימיות או בחצוניות? — האָט דער בערדיטשעווער ווידער א פרעג געטהאָן.

ר' אהרן האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

— למשל, האָט דער בערדיטשעווער אָנגעהאַלטען אין נאָכפרעגען זיך — און דעם טלית ותפילין האָט ער אויך פערגעסען צו נעהמען?

— דאָס גראדע ניט! בעיני ראיתי, אז ער איז צוגעגאַנגען צום שראַנק, האָט ארויסגענומען דעם טלית ותפילין און האָט עס מיטגענומען מיט זיך.

ר' לוי־יצחק'ס פנים האָט אויפגעשיינט. א קליין פייערל פון שמחה האָט אויפגעבליצט אין זיינע אויגען.

— דער ליטוואַק קוקט גוט! — האָט ער שטיל ארויסגערעדט.

פלוצלונג האָט ער זיך אויסגעצויגען אין זיין גאַנצען הויך:

— זעהסטו! — האָט אדמו"ר ר' לוי יצחק זיך פונאנדערגעשריען מיט גאָר זיין כח — זעהסטו! וואָס איז שייך צו זיין גוף, האָט ער פערגעסען, און וואָס איז שייך צו דיר, גאָטעניו, האָט ער ניט פארגעסען, און אזא לאָזטו נעהמען תפוס? היה לא תהיה!...

און ווענדענדיג זיך ווידער צום ליאדיער'ס ז"ל, תלמיד, האָט ער שוין געלאַסען מיט א שמייכעל געזאָגט:

— וואָס האָט דיר דיין רבי בעפוילען צו טהאָן?

— ער האָט מיר געהייסען אייך אָנזאָגען וועגען די גאַנצע מעשה, און ער האָט געבעטען, איהר זאָלט מאַכען פאַר איהם א פדיון־נפש

— דאָס אַלעס? — האָט זיך ר' לוי־יצחק כמעט לאַכענדיג אָפּגערופען.

— ניין, ער האָט מיר נאָך געזאָגט, אז איהר וועט מיר זאָגען, וואָס איך האָב ווייטער צו טהאָן אין דער זאַך.

— נו, גוט! געה רוה זיך אָפּ פון דיין וועג, און א שעה שפּעטער קום אַריין, וועל איך דיר עפּעס זאָגען.

אָבער ר' אהרן האָט זיך פון אָרט ניט גערוהרט. מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ, איז ער געשטאַנען און האָט געוואַרט.

— ווארום געהסטו זיך ניט אָפּרוהען? — האָט איהם דער בערדיטשעווער געפרעגט, ווען ער האָט געזעהן, ווי זיין אורח צייגערט.

— רבי, — האָט ער דער שפּעטערדיגער שטראַשיליער רבי אַרויסגעשעפּטשעט — איך קען פון דאַנען ניט אַוועק, ביז איהר וועט מיר ניט זאָגען, ווארום האָט איהר כמעט ווי געלאַכט, ווען איך האָב אייך דערצעהלט, וואָס דער רבי האָט מיר אָנגעזאָגט?

א פינסטערער שאָטען האָט זיך אַריבערגעצויגען איבער דעם בערדיטשעווער פנים. ער האָט ווידער אָנגעפאַנגען אַרומלויפען איבער'ן צימער און אָפט געגלעט מיט דער האַנד זיין באָרד. קענטיג די שאלה האָט איהם אַביסעל צוטומעלט.

— גוט — גוט האָט ער זיך א שטעל געטהאָן — איך וועל עס דיר צוליעב טהאָן און ערקלעהרען. איך האָב ניט געלאַכט, נור געפרעהט זיך. מיט דיין תמימות'דיגער האַלטונג אין דיין דערצעהלען וועגען טלית־ותפילין האָסטו געטהאָן די גרעסטע טובה דיין רבי'ן. דער קטרוג איז פאַרשטאָפּט געוואָרען...

— אָבער וויסען זאָלסטו, אז די געפאַהר איז נאָך ניט פאַראיבער. די סטרא־אחרא איז שטאַרק. מען וועט מוזען טהאָן אין דער זאַך. איך וועל דאָך ניט לאָזען דעם בעל־התניא זיצען תפוס! איך וועל ניט לאָזען! איך וועל ניט לאָזען!—האָט ער שוין צו זיך געשריען.

ער האָט ווידער אָנגעפאַנגען אַרומצולויפען איבער'ן חדר און גערעדט צו זיך אַליין. נאָך איינינע מינוטען זיינען פערביי. דעם

ליאַדיער׳ס תלמיד איז געשטאַנען אויף זיין פּלאַץ און האָט נאָכגעפאָלגט די בעוועגונגען פון דעם גרויסען מענשען.

— הער זיך איין! — האָט זיך ענדליך נאָכאַמאָל צו איהם דער בערדיטשעווער געווענדעט. — פאָלג מיך, דו מוזט זיך געהן אביסעל אויסרוהען פון וועג, און איך מוז נויטיג דאָ בלייבען. געה! איך וועל הייסען מען זאָל דיך אויפנעהמען בכבוד גדול. זיי ניט אזוי צוטראָגען. איבערהויפּט פאַר אַ חסיד פּאַסט ניט אריינצופאַלען אין עצבות צו לאַנג...

און דערביי האָט ער געעפענט די טהיר פון זיין חדר, האָט צוגערופען איינעם פון די מקורבים, און האָט בעפוילען מען זאָל דעם אורח פיין אויפנעהמען.

— גיט איהם עסען און טרינקען! און דאַן גרייט צו אַ פּלאַץ פאַר איהם ער זאָל זיך קענען אויסרוהען. און ווענדענדיג זיך ווידער צו ר׳ אהרן האָט ער מוסיף געווען:

— נו, יעצט געה! אין אַ שעה אַרום קום אריין צו מיר, וועלען מיר ריידען וואָס ווייטער צו טהאָן.

פּונקט אין אַ שטונדע שפּעטער איז רבנו אהרן הלוי אריינגעקומען צו דעם בערדיטשעווער גדול ר׳ לוי־יצחק ז״ל אין חדר, כפי ער האָט איהם בעפוילען. ר׳ לוי יצחק איז נאָך אַלץ אַרומגעלאָפען איבער׳ן חדר, האָט געמאַכט מיט די הענד, געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און — קענטיג, — ער האָט זיך ניט געקענט בערוהיגען פון דער בשורה, וואָס מען האָט איהם געבראַכט וועגען דעם ליאַדיערס ארעסט.

ר׳ אהרן הלוי איז געשטאַנען ביים טהיר מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ און האָט מיט פערטרעהרטע אויגען נאָכגעפאָלגט די בעוועגונגען פון בערדיטשעווער צדיק.

אַ היבשע ווייל איז פערלאָפען און ר׳ לוי יצחק האָט אפילו זיך ניט אומגעקוקט אויף דעם ליאַדיערס־תלמיד. אָבער ענדליך האָט ער אַ פּאַטש געטהאָן מיט די הענד, איז צוגעגאַנגען צום אורח, און האָט שטיל אַרויסגערעדט.

— די סטרא־אחרא איז שטאַרק, דער קטרוג איז גרויס! מען דאַרף זיך נעהמען גרייטען צו מלחמה!... —

ער האָט ווידער אָנגעפאַנגען אַרומצולויפען איבער׳ן צימער.

— ווייסטו וואָס מען מוז האָבען צו פיהרען אַ מלחמה? —
האָט ר׳ לוי־יצחק אויסגערופען אין אַ ווײַלע שפּעטער, — צו אַ מלחמה האָבען מיר בקבלה פון אונזערע אבות, דאַרף מען אָנווענדען דריי זאַכען: תפלה, דורון און מלחמה. יעצט וועלען מיר זיך איינטהיילען מיט דער אַרבייט. „תפלה“ — דאָס נעהם איך אויף זיך; „מלחמה“ מיט דער סטרא־אחרא דאָס וועט שוין מיין חבר דער תפוס אַליין קענען טהאָן, יעצט בלייבט נאָך איבער דורון — מתנות, מען מוז האָבען געלד. ווארום, כפי איך זעה בחוש, וועט נויטיג זיין געלד אויף פערשיעדענע הוצאות און אַנדערע זאַכען. די דריטע זאַך, דאָס מוזטו נעהמען אויף זיך. לאָז זיך גלייך צו אנשי־שלומנו און השי״ת וועט דיר מצליח זיין דיין וועג. געה זאַמעל געלט! —

— אָבער, רבי — האָט ר׳ אהרן הלוי איהם געפרעגט — קיין איבעריגע געלד דאַרפען מיר דאָך ניט האָבען. קען איך וויסען, וויפיעל געלד איך דאַרף מאַסף זיין, און ווען זאָל איך אויפהערען אַרומפאָהרען?

— מען וועט דיר שוין לאָזען וויסען, ווען עס וועט זיין גענוג! —

דעם ליאַדיער׳ס תלמיד האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט׳ן בערדיטשעווער צדיק, און האָט זיך געלאָזט געהן, אָבער ווען ער האָט שוין געהאַלטען ביים אַרויסגעהן, האָט ר׳ לוי־יצחק איהם צוריקגערופען:

— ווייסטו אפשר, ווי דיין רבינס מוטער האָט געהייסען? — האָט ער איהם געפרעגט.

רבנו אהרן האָט פערשטאַנען, צו וואָס דער בערדיטשעווער פרעגט עס איהם, דען אום צו מאַכען אַ פדיון־נפש דאַרף מען וויסען דעם נאָמען פון דעם, פאַר וועמען מען מאַכט דעם פדיון און זיין מוטער׳ס נאָמען. אָבער אין איילעניש, ווען ער האָט פערלאָזען דעם ליאַדיערס הויז, האָט ער עס פערגעסען צו פרעגען.

— ניין, איך ווייס ניט! — האָט ער שטיל אַרויסגערעדט.

— נו, ניט קיין געפאַהר, ניט — איז ניט! מיר וועלען גלייך וויסען! — ביי די זעע ווערטער איז ער צוגעלאָפען צום טיש, האָט גענומען אַ חומש, און האָט אויפגעעפענט. דער חומש האָט זיך גראַדע אויפגעמישט אין דער פרשה „מקץ“, און זיין בליק איז געפאַלען אויף דעם פסוק „כי יש שבר במצרים“.

— זעהסטו, האָט ר׳ לוי יצחק זיך געווענדעט צו דעם יונגער־

מאָן, — איך האָב דיר געזאָגט, אז מיר וועלן גלייך וויסען, ווי זיין מוטער האָט געהייסען, „שבר“ מאַכט שניאור בן רבקה...

און ער איז טאַקע געדעכט געווען. ווען דער ליאַדיער ז“ל, איז ארויס פון דער תפיסה, האָט ער געשיקט א בריעף, וואו ער האָט זיך אונטערגעשריבען „שניאור זלמן בן רבקה“.

ר' אהרן, דער שפּעטערדיגער אדמו“ר מסטראַשיליע, האָט טאַקע באַלד פערלאָזען בערדיטשעוו, און האָט זיך אוועקגעלאָזט צו אנשי שלומנו מאַסף ממון זיין, כפי דער בערדיטשעווער צדיק האָט איהם געהייסען.

ובכל עיר ועיר, וואו ער איז נור אָנגעקומען, האָבען אנשי שלומנו איהם אויפגענומען מיט גרויס פריינדשאַפט און ווען זיי האָבען זיך דערוואוסט, וועגען וואָס ער פאָהרט, פלעגט יעדער געבען נאָך מעהר, ווי ער האָט געקענט. אין א גאַנץ קורצער צייט האָט שוין דעם ליאַדיער'ס תלמיד געהאַט א היבשע סומע געלט.

— אפשר שוין גענוג, פלעגט ער זיך טראַכטען יעדעס מאָהל, ווען ער פלעגט פערלאָזען א שטאָדט אָדער א שטעדטעל, נאָכדעם ווי ער האָט דאָרטען צוזאַמענגענומען א געוויסען סכום געלד, אָבער דערמאָ־נענדיג זיך ר' לוי־יצחק'ס ווערטער, אז מען וועט איהם מודיע זיין, ווען עס וועט שוין האָבען דעם סכום פאַרפול, איז ער ווייטער געפאָרען.

דאָס געלד וואָס ער פלעגט צוזאַמען נעהמען פלעגט ער מיט זיך ניט פיהרען. ווי ער האָט נור געהאַט א געוויסע סומע, פלעגט ער עס מיט א שליח מיוחד, פון אנשי שלומנו, אָפּשיקען קיין לאָזנע צו דער משפחה פון זיין רבי'ן, ווייל ער האָט געוואוסט, אז מ'וועט עס דאַרפען.

איינמאָהל איז ער אָנגעקומען אין א קליין שטעדטעל אין טשערניגאָווער גובערניע, דאָרטען זיינען אַלע געווען חסידים מהוגנים פון ליאַדיער. פאַרשטעהט זיך, אז זיי האָבען איהם אויפגענומען בסדר פנים יפות, און ווען ער האָט זיי דערצעהלט דעם צוועק פון זיין פאָהרען, האָט זיך גענומען שיטען געלד פון אַלע זייטען.

ר' אהרן האָט באַשלאָסען דאָרט צו פערבלייבען א פּאָר טעג. דעמזעלבען אָבענד, גלייך נאָך מעריב, ווען ער האָט זיך געלאָזט געהן צום רב'ס הויז, וואו ער איז איינגעשטאַנען, האָט ער אויפ'ן וועג בעגע־גענט אן אָרימאַן, וואָס איז אָנגעקומען צופוס פון אן אנדער שטאָדט.

— ווייסט איהר, וואו איז דאָ די שוהל? — האָט דער אָנגעקו־מענער געפרעגט רבנו אהרן.

— שלום עליכם! — האָט ר' אהרן איהם געענטפערט — פון וואַנען איז אַ איד?

— אָט מען געהט פון שטאָדט צו שטאָדט, פון דאָרף צו דאָרף. וואָס זאָל מען טהאָן? —

— געהט גלייך — וועט איהר אָנקומען צום שוהל — האָט ר' אהרן איהם אָנגעוויזען דעם וועג.

— זייט איהר אַ היגער — האָט דער הולך געפרעגט.

—ניין! איך בין דאָ ערשט אָנגעקומען אין אַ געוויסע שליחות.—

— אויך זאַמלען געלד? — האָט דער אָרימאַן געזאָגט.

— יאָ! —

— נו, אַזוי איז שוין מיין מזל! ווען איך קום אין אַ פּלאַץ איז זיך שוין אַן אַנדערער מקדים, אַזעלכע אידען ווי איהר, קענען זיצען אין דערהיים. וואָס איהר האָט ווינציג געלד? גענוג, גענוג פאַר אייך צו זאַמלען! — און ער איז אוועק.

ר' אהרן איז געשטאַנען אַ ווײלע פערטראַכט, און פּלוצלונג איז איהם געקומען אויף דער מחשבה, אַז אפשר איז דאָס דער אָנזאָג, וואָס דער בערדיטשעווער האָט איהם מבטיח געוועזן.

ער איז גלייך געלאָפען נאָך אַמאָל אָנקוקען דעם הולך, אָבער ער האָט איהם ניט געפונען, די עטליכע אידען, וואָס זיינען געוועזן אין שוהל, האָבען מבטיח געווען, אַז זיי האָבען אַזאַ אידען ניט געזעהן אַריינקומען, אויף מאָרגען האָט ער דעם הולך געזוכט, אָבער ער האָט איהם ניט געקענט געפינען. קיינער האָט איהם ניט געזעהן.

ר' אהרן האָט פערשטאַנען דעם וואונק, און נאָך אין דעמזעלבען טאָג, האָט ער זיך אומגעקעהרט קיין לאָזנע.

שפּעטער האָט ער זיך דערוואוסט, אַז די סומע וואָס ער האָט געזאַמעלט, איז טאַקע פּונקט גענוג געוועזן.

דער בערדיטשעווער האָט געהאַלטען וואָרט. ער האָט איהם געלאָזט וויסען, ווען ער זאָל אויפהערען זאַמלען געלט...

דער שכר פאַר זיין טרחה

ר׳ אהרן הלוי האָט אַהן ווייטערדיגע שאלות זיך גלייך אומגע־קעהרט אהיים קיין לאָזנע.

ווען ער איז דאָרטען אָנגעקומען, האָט ער אין לאָזנע געטראָפען ר׳ ליב יאַנאָוויטשער, — אַ פּלימעניק פון ווילנער גאון ז״ל, וועלכער איז יענעם טאָג געקומען דירעקט אויף דעם בעפעהל פון ליאדיער, אַליין בעטראַכטען, וואָס זיין עובדא זאָל זיין אין ווילנא.

ר׳ ליב יאַנאָוויטשער, הגם אַליין אַ פּלימעניק פון ווילנא׳ר גאון איז אָבער געווען איינער פון די אנשי שלומנו און אַ אוהב נאמן פון ליאדיער. ווען דער ליאדיער איז גענומען געוואָרען תפוס, און איז אָפּגעשיקט געוואָרען קיין פעטערבורג, האָט קיין בן אדם ניט געוואוסט, וואו מען האָט איהם פערזעצט. אַ סך פון אנשי שלומנו זיינען גראדע אַוועק קיין פעטערבורג — געוואָהר ווערען, וואָס מיט זייער רבי׳ן טהוט זיך, אָבער זיי איז בשום אופן ניט געלונגען צו דערגעהן וואו דער ליאדיער געפינט זיך. צווישען די פיעלע נוסעים אין פעטערבורג איז געווען אויך ר׳ מרדכי ליעפּלער — איינער פון די געהויבענע חסידים און אַ עושר גדול, — נור ער האָט אויך ניט פועל געווען אויסצוגעפינען דעם רבינ׳ס תפיסה.

איינמאָל, ווען ר׳ מרדכי האָט זיך שוין מיאש געווען אין זיין זוכעניש, איז צו זיין הויז צוגעפאָהרען אַ גרויסאַרטיגע קאַרעטע, און אַ גרויסער שר איז אַרויסגעקומען פון דער קאַרעטע און האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף איהם. ר׳ מרדכי האָט זיך אַביסעל דערשראָקען, ווייל ער האָט ניט פערשטאַנען, וואָס דער שר וויל האָבען פון איהם, אָבער ווען ער האָט דעם שר געזאָגט, אַז ער איז ר׳ מרדכי, האָט דער שר איהם געבעטען, ער זאָל געבען אַ „סלאַי״ איינגעמאַכטץ, עס זאָל זיין „כשר״. —

ר׳ מרדכי האָט גענומען נאָכפרעגען, צו וואָס דער שר דאַרף כשר׳ע איינגעמאַכץ, אָבער יענער האָט איהם ניט געוואָלט זאָגען. ר׳

מרדכי האָט באַלד געכאַפּט זיך, אַז די איינגעמאַכץ קען זיין איז פאַר'ן ליאַדיער, און ער האָט זיין בקשה גלייך ערפילט.

אין אַ פּאָר טעג שפּעטער איז דער שר ווידער געקומען און האָט געבראַכט דעם ליידיגען טעפּעל, און געבעטען נאָך אַ טעפּעל איינגעמאַכץ. ווען ר' מרדכי האָט אריינגעקוקט אין טעפּעל, האָט ער דערזעהן אַ ווייס שטיקעל פּאַפּיער. גלייך ווי דער שר איז אַרויסגעגאַנגען האָט ר' מרדכי אַרויסגענומען דאָס שטיקעל פּאַפּיער און ער האָט דערזעהן נור עטליכע געצעהלטע ווערטער: „ר' ליב מיאַנאָוויטש זאָל גלייך פאָהרען אין ווילנא שניאור זלמן". און נאָכדעם איז געווען צוגעשריבען: „ער זאָל נעהמען פון מיין תלמיד אהרן די מתנה, וואָס דער בערדיטשעווער האָט געהייסען".

די שמחה פון ר' מרדכי ליעפּלער איז געווען זעהר גרויס, ווארום יעצט האָט ער געוואוסט, אַז זיין רבי לעבט און איז געזונד. נאָך אין דעמזעלבען טאָג איז שוין אָפּגעפאָהרען איינער פון פּעטערבורג קיין יאַנאָוויטש, צו לאָזען וויסען ר' ליב'ן דעם רבינ'ס פערלאַנג.

ווען ר' אהרן איז געקומען קיין לאָזנע, איז אויך אין זעלבען טאָג אָנגעקומען ר' ליב יאַנאָוויטש.

— דאָס איז דער צעטעלע, וואָס אונזער רבי האָט געשיקט פון דער תפיסה, — האָט ר' ליב געזאָגט צו ר' אהרן.

ר' אהרן האָט איבערגעקוקט דעם צעטעלע, האָט פרעהליך אַ שמייכעל געטהאָן, ווייל ער האָט געזעהן, אַז זיין רבי אין תפסה זעהט אַלעס, וואָס מען טהוט פאַר איהם, און האָט גלייך איבערגעגעבען דאָס געלט וואָס ער האָט געהאַט צו ר' ליב'ן.

— כפי הנראה, ווייס דער רבי אַלעס! — האָט ער שטיל צוגענגעבען.

ר' ליב איז מיט דעם געלד אָפּגעפאָהרען קיין ווילנא, ווען ער האָט די מתנה אָפּגעגעבען, איז ניט ידוע, ווייל בגזרת אדמו"ר ר' שניאור זלמן נאָך זיין בעפרייאונג, האָט ר' ליב קיינעם דעם סוד ניט מגלה־געווען. אָבער אנשי שלומנו, אנשי מעשה, האָבען איבערגעגעבען בסוד, אַז דאָס געלד איז בענוצט געוואָרען — מען זאָל ריכטיג

איבערזעצען די חסידישע ספרים אין רוסיש, אָהן ענדערונגען. זיי האָבען עס גענומען פון רבינ'ס ווערטער גופא.

— דער בערדיטשעווער האָט א ווייטען קוק — האָט דער ליאדיער ז"ל איינמאָהל ערקלעהרט. — אין א מלחמה מוז מען טאקע האָבען די אַלע דריי זאכען: תפלה, דורון און מלחמה. די מלחמה האָט ער מיר איבערגעגעבען, און איך האָב עס דורכגעפיהרט על צד היותר טוב. זיין תפלה האָט געהאָלפען, אַז די איבעריגע גדולים פון אונזער שיטה זאָלען ניט פערנומען ווערען מיט מיר צוגלייך, און דער דורון האָט געהאָלפען, אַז ספרים פון אונזער שיטה זאָלען פערבלייבען...—

און געוועזען איז נאָך דער צווייטער בעפרייאונג פון ליאדיער, אין א ווינטער טאָג, א פאָר מאָנאַטען שפעטער, ווען דער רבי ז"ל האָט זיך אריבערגעקליבען פון לאָזנע קיין ליאדי און צוזאמען מיט איהם איז אויך אריבערגעקומען ר' אהרן, וועלכער האָט זיך דאן איינגאנצען ארויסגעקליבען פון אָשווע, וואו ער האָט געוואוינט, און האָט זיך בעזעצט אין ליאדי א דירת קבע, כדי צו זיין נאָהנט צו זיין רבי'ן און מדריך, איז דער רבי, ז"ל, געזעסען ביי זיך אין חדר אויף התבודדות. פלוצלונג האָט ער געעפענט די טהיר און געהייסען זיך אריינשיקען זיין תלמיד ר' אהרן, וועלכער האָט באותה שעה צוזאמען מיט זיין חבר דעם רבינ'ס עלטערער זוהן ר' דובער (אדמו"ר האמצעי) זיך מתעסק געווען אין לערנען. דעם רבינ'ס בעפעהל איז גלייך דורכגעפיהרט געוואָרען.

— הער זיך איין — האָט דער רבי זיך געווענדעט צו זיין תלמיד — איך וויל דיר עפּעס דערצעהלען. ווען איך בין צום צווייטען מאָהל געפאָהרען קיין מעזריטש צו אונזער גרויסען רבין און מדריך אדמו"ר דובער המגיד, בין איך אויף דעם וועג פאַרפאָהרען צו דעם גדול הדור ר' פנחס קאָרעצער, איינער פון די תלמידי בעל שם טוב ז"ל. ר' פנחס האָט מיך אויפגענומען באהבה וחבה, און האָט מיך געבעטען בלייבען ביי איהם און ווערען זיין תלמיד, און דערפאַר האָט ער מיך געוואָלט אויסלערנען „שיחת-עופות", — די שפּראַך פון פויגלען, פון בוימער, מעשי בראשית און — ווי אַזוי צו ארויפצוקוקען אין די עולמות העליונים... —

—איך האָב זיך אָבער ענטזאָגט פון דעם, און בין אוועק קיין מעזריטש. ווען איך בין דאָרטען אָנגעקומען האָט דער רבי ז"ל מיך אויפגענומען מיט א שמייכעל:

— ר' פנחס האָט דיר געוואָלט אויסלערנען א זאך, וואָס ער דענקט, עס איז זעהר וויכטיג צו וויסען, אָבער ביי אונז איז עס אויך דאָ, קענסט עס דאָ אויך דערגעהן..

— פערשטעהסט דאָך, אז איך האָב עס יאָ געוואָלט וויסען, און איך וויים עס טאָקע. —

ר' אהרן האָט זיך פערקלעהרט. איהם איז געווען א גרויסער חידוש, — צי וואָס זיין רבי דערצעהלט איהם די מעשה אין מיטען דרינען.

— אהא, דו וואונדערסט זיך, זעה איך, וואָס איך דערצעהל עס דיר. — האָט דער רבי געזאָגט, — אָבער פערשטעהסטו דען ניט, אז איך וויל דיך בעלוינען פאַר דיין טרחה, וואָס דו האָסט וועגען מיר געהאט, און די בעלוינונג וועט זיין, וואָס איך וועל דיר די ידיעה איבערגעבען...

פון דאַן אָן האָט ר' אהרן געלערנט ביי זיין רבין אויך די דאָזיגע חכמה, און עס איז איהם שפּעטער גאַנץ גוט צוניץ געקומען.

אָט אזוי איז ר' אהרן שוין פערבליבען מיט זיין רבי'ן אין ליאדי. די גאַנצע צייט איז ער געזעסען צוזאַמען מיט זיין חבר ר' דובער אדמו"ר האמצעי און האָט זיך יום ולילה עוסק געווען בתורה ועבודה, איבערהויפּט עבודה.

מיט א יאָהר פריהער, בעפאַר דער גרויסער מלחמה, פון נאַפּאָלעאָנען, ווען דער ליאַדיער ז"ל, האָט געמוזט עוקר זיין פון מקום מושבתו, האָט ר' אהרן פערלאָזען ליאדי און איז אָפּגעפאָהרען צוריק קיין אָשוועע.

אַ חסיד׳ס תיקון חצות

אדמו״ר ר׳ דובער, וועלכער איז בעקאַנט צווישען אנשי שלומנו אַלס אדמו״ר האמצעי, (דער מיטעלער רבי) האָט גלייך נאָך זיין בעזעצען זיך אין ליבאוויטש, גענומען פיהרען אַ גוט־אידישען טיש, כפי זיין פאָטער האָט זיך נוהג געווען: פלעגט זאָגען חסידות פאַר דעם עולם, ווי זיין פאָטער ז״ל האָט געטהאָן, געזונגען די זעלבע זמירות, אַלץ לויט דעם דרך פון ליאַדיער ז״ל...

די עלטערע חסידים אָבער, — צווישען זיי אַ סך גדולי הדור — וועלכע האָבען זוכה געווען צו זיצען ביים „טיש״ מיט דעם ליאַדיער ז״ל, האָבען דעם נייעם רבי׳ן ניט באַזוכט, זיי האָבען זיך ניט געקענט צוגעוועהנען צו זיין כפוף צו דעם, וועלכען זיי האָבען געקענט אַלס יונגען מאַן, אָדער אפילו אַלס אינגעל.

און דעם אמת געזאָגט, האָט מען די ערשטע צייט פון איהם קיין גדולות ניט געזעהן. קיין חדושים אין נסתר ווייזט ער ניט, — קיין מופתים האָבען אנשי שלומנו אנשי חב״ד לכתחילה ניט ערוואַרטעט, ווייל אַ מופת איז ביי זיי געווען נור אַ כלאַחר־יד־מעשה — איבערהויפט זיינען זיי געווען דאָרשטיג נאָך דברי חסידות, און דאָ האָט ר׳ אהרן הלוי זיך בעזעצט אין סטראַשיליע און גענומען מפיץ־תורה זיין ברבים, גענומען אויך פראַווען אַ טיש, האָבען זיך די עלטערע חסידים אַ לאָז געטהאָן אהין.

זעהר אַ סך האָט געהאַט צו זאָגען דאָס, וואָס הרב ר׳ אברהם שיינעס פון שקלאָוו איז געוואָרען אַ פאָהרער צו אדמו״ר ר׳ אהרן הלוי. ווען אנשי שלומנו האָבען דערהערט, אַז ער פאָהרט אהין, האָבען זיי קיין טענות ניט געמאַכט און אויך געפאָהרען.

און ווער ר׳ אברהם שיינעס איז געווען, דאַרף מען דאָך ניט דערצעהלען. ווער פון אנשי שלומנו ווייס עס ניט?

ר׳ אברהם איז געווען אַ זוהן פון הרב ר׳ צבי שיינעס, איינער פון די חשובי־שקלאָוו, אַ מתנגד און געגנער פון חסידים. ווען אין שקלאָוו האָבען זיך צונויפגעקליבען גדולי־הדור אויסצורופען אַ חרם

אויף די חסידים, איז ר׳ צבי און זיין יונגער זוהן ר׳ אברהם געווען צווישען די, וואָס האָבען גענומען אַ האַנד אין דעם אויסרופען דעם חרם.

אַ גאַנצער טאָג איידער דער חרם איז ארויסגעגעבען געוואָרען האָבען די גדולי - הדור געפאַסט און צו שחרית, האָט מען געזאָגט סליחות... ווען מען האָט שוין געענדיגט זאָגען די סליחות, האָט זיך דער יונגער ר׳ אברהם אַ שטעל געטהאָן און האָט הויך אויסגערופען:

— רבותי, לאָמיר זאָגען די סליחה „פסו אמנה“, וואו עס רעדט זיך, אַז עס איז אויפגעשטאַנען אַזעלכע, וואָס ווילען צוברעכען דעם צאָם... —

מען האָט איהם געפאָלגט, און מען האָט די סליחה אויך געזאָגט. פאַרנאַכט האָט מען אויסגערופען דעם חרם, און די גדולי־הדור זיינען זיך צופאָהרען.

ר׳ אברהם איז נאָך פערבליבען אין שוהל צוזאַמען מיט זיינעם אַ חבר, מיט וועלכען ער האָט געלערנט יעדען אָבענד אַ שיעור אין נגלה.

זיי האָבען אָנגעצונדען קליינע חלב׳נע ליכטלעך, און האָבען זיך געזעצט לערנען, אָבער ר׳ אברהם האָט ניט געקענט זיך פערטיעפען אין דעם ענין. עפּעס האָט איהם געקלונגען אין די אויערען די שרעקליכע ווערטער פון דעם חרם, וואָס מען האָט פריהער אויסגערופען אויף אַזוי פיעל אידען, און דורכדעם זיי געוואָלט דערווייטערען מקהל ה׳...

—אברהם? —האָט זיין חבר איהם געפרעגט —וואָרום געהט דיר היינט אַזוי שווער דאָס לערנען?

אָבער ר׳ אברהם, האָט ניט געענטפערט. טרויעריג און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ איז ער געזעסען און האָט געטראַכט פון דעם חרם.

— פּע! — האָט זיין חבר אויסגערופען, — שוין אַזוי לאַנג ווי מיר לערנען צוזאַמען און קיינמאָל האָב איך דיך אַזוי טרויעריג ניט געזעהן. אמת, פרעהליך ביזטו קיינמאָל ניט, אָבער אַזאַ טרויער, ווי קומט עס צו דיר? דיינע שיפען זיינען אונטערגעגאַנגען אין אַ טאָפּ זויער מילך?...

ר׳ אברהם האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און אַ ווײַלע בעטראַכט זיין חבר.

— הער נור — האָט ער זיך אָפּגערופען — איך האָב דיך שוין

לאַנג געוואָלט פרעגען. ווי קומט עס, וואָס דו ביזט תמיד אַזוי פרעהליך לעבעדיג, און איך פיהל זיך אַלע מאָהל אַזוי עפּעס ווי אָהן חיות? — זיין חבר האָט אַ שמייכעל געטהאָן.

— דיעזע שאלה האָב איך שוין פון דיר לאַנג געוואָלט הערען. הער זיך איין! דו קענסט דאָך הרב הגאון ר׳ יוסף, אָדער ווי מען רופט איהם ביי אונז ר׳ יאָסעלע שקלאָווער, — אַ חסיד. ווען דו זאָלסט הערען זיין תקון־חצות פּראַווען, וואָלסטו אויך געוואָרען לעבעדיג.

ר׳ אברהם האָט זיך אַ טרייסעל געטהאָן, ווי מען וואָלט גערעדט וועגען עפּעס אַ דבר־טמא ח״ו.

—אָט דער חסיד, אויף וועמענס שיטה מיר האָבען היינט אַ חרם געלעגט? —

— יאָ! טאַקע דערזעלבער! אויב דו ווילסט קום! לאָמיר זיך שטעלען לעבען זיין פענסטער היינט ביינאַכט און דו וועסט הערען.—

— מען טאָר ניט זיין אַ דן לו לאדם שלא בפניו, — איז פלוצלונג דורכגעלאָפען אַ געדאַנק דורך ר׳ אברהם׳ס מח.

אַ ווײַלע איז ער געזעסען פערטראַכט, פלוצלונג האָט ער אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד, ווי איינער וואָס פערטרייבט פון זיך בייזע מחשבות.

— גוט! — האָט ער אויסגערופען — היינט געהען מיר זיך אונטערהערען, ווי דער חסיד פּראַוועט תקון־חצות.

און זיי האָבען אָבגעמאַכט צו טרעפען זיך נאָכ׳ן עסען אין שוהל און פון דאָרטען געהן צום חסיד.

עס איז געוועזן איינע פון די פינסטערע הערבסט־נעכט. דער הימעל איז געווען בעדעקט מיט בלייענע שווערע וואָלקענס, אַ קליין דראָבנער רעגענדעל האָט געשפּריצט און געשפּריצט אָהן אַן אויפהער, אַ בייזער קאַלטער ווינט האָט געבלאָזען גלייך אין פּנים אריין. קיין לעבעדיג נפש האָט זיך ניט בעוויזען אויף די גאַסען פון שקלאָוו. אָבער ביידע חברים זיינען געווען פעסט אין זייער בעשלוס. זיי זיינען זיך צונויפגעקומען אין שול, און פון דאָרטען זיינען זיי אַוועק צו ר׳ יאָסעלע שקלאָווער׳ס הויז, וואָס האָט זיך געפונען כמעט הינטערן שטעדטעל.

דיביידע יונגע לייט האָבען זיך שטילערהייד פערקליבען צום פענסטער און האָבען ארייננעקוקט אין הויז אריין. אָבער א שווערע שטילקייט האָט דאָרט געהערשט. און קיין פייער האָט ניט געברענט.

ר׳ אברהם האָט א ציה געטהאָן זיין חבר פאר דער לאַנגער זופּעצע, ווי איינער זאָגט: „זעהסט ער שלאָפט גאָר!“ —

זיין חבר האָט פערשטאַנען, וואָס ער מיינט.

—דער זייגער איז נאָך ניט צוועלף. — האָט ער שטיל אויסגערופען.

אָבער באַלד האָט זיך דורך דער פינסטערער נאַכט, דורכגעטראָגען א הילכיגער קלאַנג. דאָס האָט דער שקלאָווער שטאָדט זייגער געשלאָגען צוועלף. באותו רגע האָט זיך באוויזען א פייערעל אין ר׳ יאָסעלע׳ס הויז, און די יונגע לייט האָבען דערזעהן, ווי ר׳ יאָסעלע האָט אָנגעצונדען א חלב׳נע ליכט, האָט זיך אָפּגעגאָסען נעגעל וואסער, און האָט זיך אוועקגעזעצט פּראַווען תיקון־חצות.

לכתחילה האָט ער די ווערטער געזאָגט פּאַמעליך, געלאַסען, אָבער וואָס ווייטער האָט ער גענומען זאָגען אויף א הויכען קול מיט התלהבות, מיט דבקות, און מיט אזא זיסער אָנגענעהמער שטימע, אז די ביידע חברה האָבען געפיהלט, אז עס געהט זיי אוים די כחות.

און פּלוצלונג האָט זיך ר׳ אברהם׳ן געדוכט, אז פון יאָסעלע׳ס מויל געהען ארוים די ווערטער עפּעס ווי לעבעדיגע און לויפען אוועק הויך אזש אין הימעל אריין. און פליהענדיג, לאָזען זיי הינטער זיך נאָך אין דער פינסטערניש א העלען ליכטיגען שטראַהל, וואָס ציהט זיך פון הימעל ביז צו ר׳ יאָסעלע׳ס פּנים, און זעצט זיך דאָרטען... און ר׳ יאָסעלע׳ס פּנים פאַנגט דורכדעם אָן צו שיינען ממש כאור החמה שבעתים. פּשוט ווי די שכינה וואָלט אויף איהם גערוהט... און וואָס מעהר ער זאָגט, אַלץ מעהר שיינט זיין פּנים מיט אהבה און יראה, מיט חדוה און שמחה... דאכט זיך דאָס הארץ וויינט, די אויגען גיסען טרעהרען, אָבער דאָס פּנים לייכט, פרעהט זיך, איז זיך משמח מיט דעם גרויסען בורא הכל, וואָס האָט איהם מזכה געווען צו זיין א איד...

און וואָס ווייטער און ווייטער — ווערט דער שטראַהל, וואָס ציהט זיך פון הימעל אראָפּ אַלץ דיקער, — אַלץ גרעסער. א פּאָס

ליכטיגקייט ציהט זיך אין דעם קליינעם שטיבעל און בעלייכט עס, בעשימערט יעדען ווינקעלע... און די ווערטער גיסען זיך אָהן אַ אויפהער, זיי בעטען זיך אַזוי ווייך, אַזוי ליעב, אַזוי הארציג ביי דעם רבונו של עולם, ער זאָל שוין העלפען זיין עלענד־ליידענדעם פאָלק, ער זאָל ברייגנען די גאולה רוחניות, און זאָל צוריק אויפשטעלען דעם עם־ישראל אויף דער מדרגה וואָס עם דארף זיין...

און יעדעס וואָרט געפינט אַזאַ מין אָפּקלאַנג אין ר׳ אברהם׳ס הארץ, אַז עס ווילט זיך איהם אויך בעטען, וויינען, און דאָך פיהלט ער אַזאַ פרישקייט, אַזאַ לעבעדיגקייט, אַזאַ שמחה פונקט ווי ער וואָלט זיין אין זיבעטען הימעל...

— גרויסאַרטיג! שעהן! פּראַכטפול! ממש ווי די מלאכים זינגען שירה! — האָט ער אויסגערופען הויך אויף אַ קול — און איז געפאַלען אין חלשות.

אַ היבשע צייט האָט זיין חבר גענומען ביז ער האָט דעם גע׳חלש׳טען דערמינטערט, און אַז ער האָט די אויגען געעפענט, האָט ער נור קוים געקענט אויסריידען:

— אויב דעם רבי׳נס חסיד איז אַזוי, היינט ווי איז שוין דער רבי?... איך מוז פאָהרען אין לאָזנע זעהן דעם חסידישען רבי ר׳ שניאור זלמן! — האָט ער בעשלאָסען.

דער חבר איז געווען, ווי מען זאָגט, דער שפּעטערדיגער גרויסער חסיד ר׳ שלמה פריידעס, וועלכער האָט זיך אויך מתחתן געווען מיט דעם צדיק׳ס משפחה און איבערגעלאָזען נאָך זיך אַ דור לומדים מופלגים און הייסע חסידים פון ליבאוויטשער גזע.

ווי שוין געזאָגט, האָט דער יונגער ר׳ אברהם שיינעס משקלאָוו פעסט באַשלאָסען צו פאָהרען און זעהן זיך מיט דעם חסידישען רבין פון לאָזנע — אדמו״ר ר׳ שניאור זלמן, ז״ל. זיין בעשלוס מוציא מכח־אל־הפועל זיין האָט ער אָבער ניט געקענט וואָרום זיין פאָטער ר׳ צבי וואָלט איהם ממש עוקר־מן־השורש געווען, ווען ער דערוויסט זיך די מחשבות פון זיין בן יקיר.

אָבער זיין בעשלוס האָט ער לחלוטין ניט אויפגעגעבען. אדרבא, איידער ער האָט זיך געוואָלט לאָזען קיין לאָזנע, האָט ער זיך גענומען בעקאָנען אביסעל מיט „נסתר״. און ער האָט דערפאַר בייגאַכט פאַר׳;

שלאָפּען אריינגעקוקט אין אַ פּאָר קבלה ספרים, וואָס ער האָט געקראָגען דורך דער השתדלות פון זיין חבר. דאָס לערנען קבלה איז געווען ממש מסירת נפש, ווייל ער איז געווען אין סכנה צו כאַפּען גוטע פּעטש פון זיין טאַטען, און נאָך פערלירען די שטיצע, וואָס יענער האָט איהם געגעבען, ער זאָל קענען זיצען און עוסק זיין בתורה ועבודה יומם ולילה.

אָבער ניט לאַנג האָט ער געקענט זיין למוד פארבאָרגען פון לייטענ׳ס אויגען. איין מאָל האָט ער פערגעסען, ווי ער פלעגט זיך תמיד נוהג זיין, מיטצונעהמען פון אונטער׳ן קישען דעם ספר, נור ער האָט עס איבערגעלאָזען אונטער׳ן קישען. ווען זיין מוטער איז געגאַנגען פארבעטען די בעט און האָט דערזעהן אַ קליין ספר׳ל, האָט זי בתמימות איהם אריינגעטראָגען אין חדר, וואו ר׳ צבי, ר׳ אברהמ׳ס פאָטער, האָט זיך גראָדע בעת מעשה געפונען.

אז ר׳ צבי האָט דערזעהן אין וואָס פאר אַ למוד זיין זוהן איז זיך מתעסק, איז ער געוואָרען אַן אויפגעקאָכטער.

— וואָס ? — האָט ער זיך פונאַנדערגעשריען — מיין זוהן אין אזעלכע ספרים ? !

און ניט קלעהרענדיג קיין סך, האָט ער געכאַפּט זיין שטעקען און איז אוועק אין קלויז, וואו ר׳ אברהם איז געזעסען און גענומען איהם אָהן טענות און מענות אזוי דערלאַנגען קלעפּ, אז דער שטעקען האָט זיך צובראָכען. ווען זייטיגע מענשען אין שוהל מישען זיך ניט אריין, וואָלט ער איהם צוריסען ווי אַ הערינג. קוים מיט צרות איז זיי געלונגען דעם טאַטען אָפּרייסען פון זוהן. אָבער ר׳ אברהם איז געווען געצוואונגען צו געבען אַ תקיעת־כף, אז ער וועט אין די ספרים מעהר ניט אריינקוקען.

פון דאַן אָן האָבען זיך פאר דעם יונגען מאַן אָנגעהויבען שלעכטע טעג, ווארום כאָטש זיין פאָטער האָט מיט איהם געשלאָסען שלום, אָבער אַ פּירוד הלב איז שוין געווען, און אין דערהיים פלעגט מען איהם תמיד בעוואכען אין וואָס פאר אַ ספר ער קוקט אריין. דערצו האָט מען איהם קיינמאָל קיין געלט ניט געגעבען, כדי ער זאָל ניט אנטלויפען, און אז ער פלעגט פארלאָזען דאָס הויז, פלעגט מען איהם נאָכקוקען, וואוהין ער געהט.

אָבער וואָס מעהר מען האָט איהם אין הויז ענג געמאַכט, אלץ

מעהר האָט ר׳ אברהם זיך בעפעסטיגט אין זיין בעשלוס צו פאָהרען קיין לאָזנע. ער האָט געפיהלט, אז די כחות נעהען איהם אויס, אז דאָס הארץ בענקט און לעכצעט צו זעהן און הערען דעם גדול, וועמענס אָנהעננער זיינען אזעלכע אידען, ווי ר׳ „יאָסעלע״ שקלאָווער, נור ניט אזוי גרינג טהוט זיך, ווי עס רעדט זיך. די סטרא־אחרא איז שטארק, געפינט זי שוין אלע מאָל מיטלען, ווי אזוי צו שטערען דאָס פאָהרען, דאָ האָט ער קיין געלט און יכולות ניט, דאָ האָט מען איהם שטארק געהיט, דאָ אזוינס און דאָ אנדערש, און די טעג לויפען פארביי — און גאָרנישט!

מאכט זיך אָבער א מעשה, דער מיסד שיטת חב״ד לאָזט זיך פלוצלונג אוועק קיין קאָפּוסט. ער האָט עפּעס געדאַרפט דאָרט דורכצו־מאכען, קאָפּוסט פון שקלאָוו איז ניט שטארק ווייט; דערוויסט זיך ר׳ אברהם, וועגען דער מעשה, קען ער שוין ניט איינרוהען: — „סטייטש, האָבען דעם חסידישען רבי׳ן אזוי נאָהענט און איהם ניט זעהן?״ — רופט ער צו זיין חבר ר׳ שלמה פריידעס, מיט וועלכען ער איז געגאנ־גען הערען ווי דער חסיד ריכט אָפּ תיקון חצות און דערצעהלט איהם וואָס ביי איהם אין הארצען טהוט זיך. הויבט זיך אָן צווישען זיי א קלעהרעניש.

— קיין חסידים זיינען מיר דאָך ניט — טענה׳ט דער חבר — מיר ווילען דאָך סתם אזוי זעהן, ווער איז ער דאָס, אָט דער, וואָס לערענט א נייע שיטה ביי אידען. און טאָמער געפעהלט אונז גאָר ניט. און מיר דארפען קומען צוריק אין שטאָדט? ווי אזוי וועט מען אונז דאָ באנעגענען? מיט וואָס פאר אויגען וועלען מיר זיך עס ווייזען פאר אונזערע עלטערען.

— יהיה מה שיהיה! — האָט ר׳ אברהם ענדליך בעשלאָסען. אין דנין לו לאדם שלא בפניו — אונטער די אויגען טאָר מען ניט אורטהיילען. איך וויל זעהן ווער ער איז!

— אָבער ווי אזוי קענען מיר קומען קיין קאָפּוסט? קיין געלט צו דינגען א פוהר האָבען מיר דאָך ניט.

— נו, וועלען מיר געהן צופוס! — האָט ר׳ אברהם געהאלטען זיך ביי דאָס זייניגע.

אין מיטען דערנאַכט, ווען אַלע אין שקלאַוו האָבען געהאַלטען אין רעכטען שלאָף, האָבען דיביידע יונגעלייט זיך ארויסגעכאַפּט פון זייערע היימען און האָבען זיך געלאָזען אויפ׳ן וועג קיין קאַפּוסט.

און געווען איז דאַן אַ וואַרימע זומער נאַכט. די לבנה האָט העל בעלויכטען די גאַנצע געגענד. די ווייניגע בלישטענדע שטערענד־לעך האָבען געשימערט און געפינקעלט, אַקוראַט ווי זיי וואָלטען געשמייכעלט פון תענוג איבער די שעהנע בריאה. ארום האָט געהערשט אַ זעלטענע הייליגע שטילקייט: קיין ווינטעל האָט געבלאָזען, קיין שאָרך, קיין ריהר, קיין בעוועגונג, אזוי ווי די גאַנצע טבע וואָלט געווען באַהערשט פון אַ זיסען אָנגענעהמען שלאָף. נור די טריט פון ביידע יונגעלייט האָבען זיך געהערט אין דער שטילער נאַכט. פול מיט שמחה און חדוה האָבען זיי לוסטיג געשפּרייזט אויפ׳ן וועג קיין קאַפּוסט.

אַ פּאָר שטונדען האָבען די חברה־לייט זיך געשפּאַציערט אָהן קיין שטערונג.

אָבער פּלוצלונג האָט דער הימעל גענומען זיך בעדעקען מיט שווערע, גראָבע וואָלקענס. אַ שטאַרקער דרום־ווינט האָט גענומען בלאָזען מיט גרויס האַסטיגקייט, די לבנה האָט זיך פערשטעקט, — קענטיג אַ שטורם קומט אָן. די ביידע חברה, וועלכע האָבען זיך צום ערשטען מאָל אין לעבען געפונען אליין ביינאַכט אויפ׳ן וועג, איז בעפאַלען אַ שטאַרקע אימה, הגם קיין גרויסע פּחדנים זיינען זיי ניט געווען.

און דאָ דער ווינט ווערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, די וואָלקענס אַלץ געדיכטער און געדיכטער. און באַלד האָט אויסגעבראָכען אַ שלאַקס רעגען, בעגלייט מיט דונערען און בליצען, און האָט דורכגע־וויקט די יונגע לייט.

— לאָמיר זיך ערגעץ אוועקזעצען און איבערוואַרטען דעם שטורם! — האָט ר׳ אברהם שיינעם פּלוצלונג ארויסגערעדט צו זיין חבר — מיר קענען דאָך ווייטער ניט געהן.

— אפשר אונטער אַ בוים זיך אוועקשטעלען — האָט זיין חבר מסכים געווען.

— וואַרט אַ ווייל! — האָט ר׳ אברהם נאָך אַ לענגערען דענקען, געזאָגט. איך גלויב, אַז מיר זאָלען פּרובירען געהן נאָך אַ ווייל,

אפשר וועט זיך השם יתברך מרחם זיין, און מיר וועלן דערזעהן א הויז, וואו מיר זאָלען קענען אריין.

ביידע האָבען זיך געלאָזט ווייטער. און באַלד האָבען זיי פּלוצלונג בעמערקט, ווי ערגעץ אָן א זייט שיינט ארויס א ליכט, קענטיג דאָרטען געפינט זיך א הויז.

זיי האָבען קיין שהיות ניט געמאַכט און גלייך געלאָזט זיך אין דער ריכטונג, פון וואַנען די ליכטיגקייט האָט געשיינט.

באַלד זיינען זיי צוגעקומען צו א גאַנץ היבשע הויז, וועלכע איז געווען העל בעלויכטען.

— נו, געלויבט איז השם יתברך! — האָט ר׳ אברהם שיינעם געווענדעט זיך צו זיין חבר, — אָט איז טאַקע א הויז. גאָט פערלאָזט ניט. דאָ וועלען מיר אָפּוואַרטען, ביז דער שטורם וועט פאַראיבער, און דאַן וועלען מיר געהן ווייטער.

ווי איבערראַשט זיינען זיי געוואָרען, ווען זיי זיינען צום הויז צוגעגאַנגען און האָבען דורכ׳ן פענסטער דערזעהן אפשר א פּאָר מנינים אידען זיצען ארום א לאַנגען טיש, די בליקען געווענדעט אויף א מאַן אין די מיטעלע יאָהרען מיט א הויכען ספּאָדיק אויפ׳ן קאָפּ, מיט א לאַנגער געלבליכער באָרד, וועלכער האָט געהאַלטען איין האַנד אויפ׳ן שטערען, די אויגען פערמאַכט און האָט זיך געשאָקעלט הין און צוריק. אַלע אָנוועזענדע זיינען געווען אַזוי פערטיעפט, אַז זיי האָבען אפילו ניט בעמערקט, וואָס ארום זיי טהוט זיך.

ר׳ אברהם שיינעם האָט א ציה געטהאָן זיין חבר פאַר׳ן טלית־קטן, ווי איינער זאָגט: „זעה, וואָס טהוט זיך דאָ!“

זיי האָבען זיך ארונטערגעשטעלט אונטער׳ן פענסטער און האָבען בעשלאָסען איינצוהערען זיך וואָס אין הויז רעדט מען.

— דאָ קענען מיר שטעהן! — האָט ר׳ אברהם געזאָגט — פון רעגען זיינען מיר געשיצט דאָ אונטער׳ן דאַך.

— יעצט וועל איך אייך דערצעהלען א מעשה — האָבען ביידע חברה־לייט דערהערט, ווי דער איד מיט׳ן ספּאָדיק האָט זיך געווענדעט צו די איבעריגע.

זיי האָבען אויפגעשטעלט מויל און אויערען.

אַ שפּאַציר אין די עולמות העליונים

—כידוע, — האָט דער איד אין ספּאָדיק אָנגעפאַנגען — פלעגט דער בעל־שם־טוב, ז"ל, זיך נוהג זיין צו זאָגען פאַר זיינע תלמידים יעדע וואָך אַ דבר־תורה.

איינמאָל האָט דער בעש"ט, ז"ל, זיך פונאַנדערגערעדט וועגען די יחודים און די כונות, וואָס דאַרפען געמאַכט ווערען בעת־טבילה. אַלע תלמידים, וואָס זיינען דאַן געזעסען אין דער מסיבה פון דעם מאור־עינים, האָבען אויפגעשטעלט מויל און אויערען, און האָבען זיך מיט גרויס כונה צוגעהערט צו די הייליגע סודות, וואָס זייער רבי האָט פאַר זיי מגלה געווען. זייערע אויגען האָבען געבלישטשעט בשעת מעשה, און זיי האָבען זיך געפונען אין גאָר אַן אַנדער עולם — אין דעם עולם הסודות.

פּלוצלונג האָט דער בעש"ט, ז"ל, גענומען ערקלעהרען געוויסע יחודים, וועגען וועלכע עס רעדט אויך דער גרויסער מקובל דער איש האלקים אר"י הקדוש ז"ל. צווישען די אַנוועזענדע איז געווען דער דאַמאָלסדיגער גרויסער למדן בנגלה ובנסתר דער יונגער מאַן ר' נחמן האָראָדענקער.

ווען דער בעל־שם־טוב, ז"ל, איז געקומען צו אַ געוויסען מאמר, האָט ר' נחמן זיך פּלוצלונג אויפגעשטעלט און האָט אויסגע־רופען:

— רבי, דער ארי' הקדוש זאָגט דאָך פאַרקעהרט, און מי לנו גדול כמוהו?

באַלד איז דער בעל־שם־טוב בלייך געוואָרען, פון זיינע אויגען האָבען אָנגעהויבען צו גיסען טרעהרען, זיין פּנים איז אויסגעקרימט געוואָרען, און זיין גאַנצער גוף האָט אָנגעפאַנגען צו טרייסלען זיך... אַלע זיינען געוואָרען ווי פאַרשטיינערט, ווען זיי האָבען דערזעהן דעם שנוי, וואָס מיט דעם מאור עינים איז פאָרגעקומען. זיי האָבען נאָך ניט אויספּעיעט צו קומען צו זיך, ווי דער בעל־שם־טוב, ז"ל, האָט

פלוצלונג פארוואָרפען מיט'ן קאָפּ אויפ'ן טיש און איז געבליבען ליגען, ממש ווי פרחה־נשמתו־ממנו.

אלע זיינען געזעסען ווי אָהן זיך. זיי האָבען געזעהן בחוש, אז דער צדיק האָט בעקומען עלית - נשמה און שפּאַצירט מסתמא יעצט במתיבתא דרקיע. אין אזעלכע מי־נוטען פלעגען די תלמידים תמיד זיצען מיט אָפענע אויגען, און מיט גרוים יראת הכבוד ווארטען אויף דער צייט, ווען דער בעל־שם־טוב וועט ווידער אָנפאנגען צו ריידען. אָבער דאָ האָט ר' נחמן האָראָדינקער פלוצלונג דערפיהלט, ווי די אויגען קלעפּען איהם זיך, דער קאָפּ איז איהם שווער, און נור איין איינציגער פערלאנג האָט איהם בעהערשט, אָנצושפּארען דעם קאָפּ און איינצושלאָפען. וויפיעל ער האָט זיך ניט געשטארקט, האָט ער דעם שלאָף בייקומען ניט געקענט. ניט קענענדיג זיך אָפּגעבען קיין חשבון, האָט ער אוועקגעלייגט זיין קאָפּ אויפ'ן טיש און איז איינגעשלאָפען.

און אַ מאָדנער חלום האָט זיך איהם גע־חלומ'ט. איהם האָט זיך געדוכט, ער געפינט זיך ערגיץ אין אַ פרעמדער גרויסער שטאָדט. די גאַס וואו ער געפינט זיך איז געפלאַסטערט מיט טייערע שטיינער און יעדער בנין איז הויך און גרוים עד אין לספר ואין לשער. און די גאַס קאָכט און זידט פון טויזענדער און טויזענדער אידען, יונג און אַלט, גרוים און קליין, וועלכע יאָגען זיך אַלע אין איילעניש אין איין ריכטונג. מען שטופּט זיך אין געדרענגעניש און איינע די אַנדערע סטאַרען זיך אריבערצויאָגען, ווי זיי וואָלטען געוואָלט זיין די ערשטע צו פערכאַפּען אַ פּלאַץ אָדער אָנצוקומען פריהער.

ר' נחמן איז געשטאַנען אַ פערוואונדערטער.

— וואו בין איך דאָ ? — האָט ער זיך געקלעהרט, און ער האָט גומר געווען ביי זיך אָפּצושטעלען אימיצען פון די לויפענדע און איהם פרעגען.

— באַלד האָט ער טאַקע דערזעהן אַן אַלטען מאַן, וואָס איז ניט אַזוי שטאַרק געלאָפען, מחמת שוואַכקייט, מסתמא, און האָט איהם אַ פרעג געטהאָן. — ר' איד, זייט זשע מוחל זאָגט מיר, וואו לויפען עס אַלע.

— וואָס? איהר ווייסט גאָר ניט, אז אַ גרויסער צדיק און גדול־הדור געהט היינט זאָגען תורה פאַר אַלעמען? — האָט דער זקן געענטפערט.

— וואו געפין איך זיך דאָ? — האָט ר' נחמן ווייטער געפרעגט, אָבער דער אַלטער האָט שוין איהם פערלאָזען און האָט זיך אויסגעמישט מיט דער גרויסער עדה אידען.

ר' נחמן האָט פּרובירט נאָך אַ פּאָר אידען אָפּשטעלען, אָבער קיינער האָט איהם ניט געענטפערט.

— מיר וועלען פערזאָמען צו הערען די דברי־תורה! — האָט ער נור איין תשובה געקראָגען.

אַ ווײַלע איז ר' נחמן געשטאַנען און געקלעהרט, וואָס ער זאָל דאָ טהאָן, אָבער באַלד האָט ער זיך בעשלאָסען אויך צו געהן און הערען די דברי תורה.

— אויב אַזאַ גרויסער עולם לויפט אַזוי אין איילעניש, מסתמא, מוז עס געוויס זיין אַ זעלטענער למדן און דרשן, טאָ פאַר־וואָס זאָל איך איהם ניט זעהן און הערען? — האָט ער געטראַכט — אפשר וועט ער טאַקע מחדש־חדושים זיין, אָדער וועט זאָגען אַ פּלפּול־דיגען חילוק? אדרבא, איך מוז איהם געהן הערען!

און ר' נחמן האָט זיך געלאָזט מיט דעם עולם לויפען. ער איז געוועזען זיכער, אַז זיי וועלען איהם בריינגען צום ריכטיגען פּלאַץ. אַ היבשע ווײַלע איז ער מיטגעלאָפען. און וואָס ווייטער ער איז געלאָפען, אַלץ מעהר האָט זיך איהם געדוכט, אַז ער קריגט נייעם חיות, נייע כחות, עפּעס ווערען איהם גרינגער די פיס, לייכטער אויפ'ן הארצען און אַ מאָדנע חדוה בעפאַלט איהם... און אויך האָט זיך איהם געדוכט, אז ניט ער געהט, נור ער פליהט הויך, הויך אין די הימלען אריין. און פון גרויס תענוג און שמחה האָט זיך איהם פערגלוסט צו זינגען... און דער ניגון, וואָס זיין חבר ר' מיכל זלאָטשעווער פלעגט תמיד צו שלוש סעודות זינגען, איז איהם אַרויף אויפ'ן זכרון, און פּלוצלונג האָט ער אָנגעפאַנגען דעמזעלבען ניגון צו זינגען. און וואָס מעהר ער האָט דעם ניגון געזונגען, אַלץ גיכער — האָט זיך איהם געדוכט — פליהט ער, און דער ניגון איז ניט געזונגען געוואָרען

אויפ'ן קול מיט די לעפצען, נור אינוועניג אין איהם האט זיך עפּעס געזונגען, אזוי זיס, אזוי ליעב, אזוי אנגענעהם... ער האט געמיינט, ער צוגעהט פון מתיקות...

און באלד האט זיך איהם געדוכט, אז ניט ער געהט, ניט ער פליהט, נור די קלאנגען, די קולות, וואס דער ניגון ענטהאלט, אדער בעסער געזאגט, דער רוח הקדושה, וואס אין דעם שעהנעם ניגון שטעקט, טראגט איהם שנעל, שנעל, ווי אין פסוק שטעהט: ואשא אתכם על כנפי נשרים... און איך האב אייך געטראגען אויף אדלערס פליגלען...

נור אט איז די גאנצע מחנה מענשען צוגעקומען צו א זעלטען שעהנער געביידע, געבויט פון עמודי־שש, גרויס און ברייט אהן א מאס און א גרעניץ, אלע האבען זיך געלאזען אינוועניג אריין, און וויפיעל עס זיינען נור צוגעקומען, זיינען גלייך אריין און עס איז געוועזען גענוג פלאץ, ווארום די מחנה איז געוועזען אונגעהייער גרויס. כמעט א שעה האט ר' נחמן געמוזט זיך שטופּען צום אריינגאנג, ביז עס איז געקומען זיין רייהע אריינצוקומען.

אבער, ווען ער איז אריינגעקומען אין דעם שעהנעם בנין, איז ער געבליבען שטעהן ווי א צעמישטער. די ווענד זיינען געוועזען פון אבנים־טובות, דער דאך פון ריינעם גינגאלד, די טרעפּ פון טייערע מארמארנע שטיינער, די פענסטער פון טהייערע בריליאנטען, וואס האבען פון ווייטען געשיינט טויזענד מאהל ליכטיגער, ווי די זון שיינט אין א תמוז־טאג. דער חדר איז געוועזען אונגעהייער גרויס, דאס ער האט ניט געקענט זעהן קיין ענדע. און דער גרויסער זאל איז געוועזען פול מיט מענשען, וועמענס פּנים'ער האבען געשיינט מיט שמחה און אהבה.

און דארטען ווייטער האט ער דערזעהן זיצען אויף א גאנצע רייהע בענק טויזענדער אלטע לייט, קענטיג קדושים וטהורים מיט קרוינען אויפ'ן קאפּ, וואס האבען געשיינט און געפינקעלט מיט פערשיעדען־פארביגע שטראהלען, ווי עס שטעהט געשריבען: צדיקים יושבים ועטרותיהם בראשיהם — די צדיקים זיצען מיט זייערע קרוינען אויף די קעפּ.

אַן אויסערגעוועהנליכע שטילקייט האָט געהערשט אין זאַל. אַלע זיינען געווען אין אַ געשפּאַנטער שטימונג, ר' נחמן האָט גלייך פערשטאַנען, אַז דאָ ווארט מען אויף עפּעס אונגעוועהנליכעס.

פּלוצלונג, האָט זיך די גאַנצע עדה ווי אויפגעטרייסעלט. עס איז געוואָרען אַ טומעל, אַלע האָבען זיך אָנגעפאַנגען בעוועגען און האָבען אומגעקעהרט זייערע קעפּ צו איין זייט, ווי פון דאָרטען האָט געזאָלט עמיצער קומען.

— אָט וועלען מיר באַלד הערען סודות התורה! — האָט איינער פון דער זייט אַ זאָג געטהאָן צו ר' נחמנ'ן — דער הייליגער רבי וועט דרשה'נען. —

און מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקע, מעכטיגע שטימע, וואָס האָט אָפּגעקלונגען פון איין זייט חדר ביז'ן סוף פון דער אַנדער זייט, און די שטימע האָט אויסגעדריקט גדלות און שמחה.

— פּנו מקום לצדיק! — האָט אָפּגעהילכט אין זאַל, און ר' נחמן האָט ממש געפיהלט, ווי די ווענט, די טישען, די בענקלאַך, דער דאַך, די לופט, דער גאַנצער חדר האָט איבערגע־חזר'ט דעם אויסרוף „פּנו מקום לצדיק!" — מאַכט פּלאַץ פאַר'ן צדיק.

די גאַנצע מענגע האָט זיך צוטהיילט אין צווייען, און אַ ברייטע וועג איז ענטשטאַנען פאַר דעם ערוואַרטעטען גדול בתורה:

אָבער ווי ערשטוינט און צוטומעלט איז ר' נחמן געוואָרען, ווען ער האָט דערזעהן דעם אריינקומענדען, וועלכער איז געגאַנגען מיט פעסטע זיכערע טריט צו דער הויכער, גרויסער בימה, וואָס איז געשטאַנען אין מיטען חדר. דאָס איז געווען ניט קיין אַנדערער, ווי דער בעל־שם־טוב זיין רבי.

ר' נחמן, דעם בעל־שם־טוב'ס, ז"ל, תלמיד איז געבליבען שטעהן נבהל ונשתומם. וואו ער געפינט זיך האָט ער ניט געוואוסט, ווער די גרויסע עדה איז האָט ער אויך ניט געוואוסט, און דאָ אין מיטען דרינען זיין רבי גאָר... און נאָך מעהר איז ער געוואָרען פערוואונדערט צו זעהן, מיט וואָס פאַר אַ יראת־הכבוד אַלע האָבען זיך פערטראָגען צום בעל־שם־טוב. אַ אויסערגעוועהנליכע שטילקייט

האָט געהערשט אין דעם גרויסען, לאַנגען חדר, גלייך ווי ניט טויזענ־דער, נור אפילו קיין איין מענש איז ניטאָ. און אַלעמענס אויגען זיינען געווענדעט צו דער בימה, וואו זיין רבי שטעהט, און קענטיג, זיי זאַפּען איין אין זיך די קדושה, וואָס שטראַהלט ארויס פון דעם בעל־שם־טוב'ס פּנים...

און דער בעל־שם־טוב בכבודו ובעצמו איז אַ ווייַלע געשטאַנען און האָט בעטראַכט די עדה, וואָס וואַרט אַזוי אונגעדולדיג צו הערען זיין תורה, און דאַן האָט ער אָנגעפאַנגען צו רעדען. ערקלעהרט האָט ער וועגען די יחודים און כונות פון מקוה. פון זיין מויל האָבען זיך געשאָטען ממש פּערל, ריינע קלאָהרע פּערל, און מיט יעדען וואָרט האָט ער מגלה געווען סודות התורה, מחדש חדושים געווען, אַזעלכע זאַכען, וואָס ר' נחמן האָט עס נאָך קיינמאָל ניט געהערט. און וואָס ווייטער און ווייטער האָט דער בעל־שם־טוב אַלץ העכער און העכער גערעדט, איז אַריין אין אַ זעלטענער התלהבות, און צוזאַמען מיט איהם איז אויך די גאַנצע עדה אַריין אין אַ געהויבענער שטימונג. יעדענס אויגען האָבען אויסגעדריקט אַ ווילדע הנאה, אַ הימלישער תענוג, אַ מין שמחה של תורה... אפילו ר' נחמן אַליין האָט זיך אויך פאַרגעסען, אַז ער געפינט זיך ערגעץ אין אַ אונבעוואוסטען מקום, נור ער האָט זיך אינגאַנצען אַריינגעטהאָן אין דעם ענין, און האָט געקליבען נחת פון די סודות, וואָס ווערען דאָ פאַר איהם אַנטפּלעקט...

פּלוצלונג איז דער בעל־שם־טוב, ז"ל, צוגעקומען צו אַ מאמר, וועגען וועלכען אויך דער ארי' הקדוש, ז"ל, שמועסט, אָבער דער בעל־שם־טוב האָט עס אויסגעטייטשט פּונקט פערקעהרט ווי דער ארי' הקדוש.

באותו רגע איז געוואָרען אַ מאָדנער טומעל. עפּעס פון די יושבי־ראשונה בחדר, אַ יונגער מאַן פון אַ יאָהר זעקס־און־דרייסיג, האָט זיך פּלוצלונג אַ שטעל געטהאָן פון זיין פּלאַץ, און האָט זיך גענומען לאָזען צו דער בימה, וואו דער הייליגער מאַן איז געשטאַנען.

— לאָזט מיך! — האָט ער הויך אויסגערופען — איך וועל ניט לאָזען מיינע דבורים זאָלען בעשטריטען ווערען.

ר׳ נחמן האָט ניט געוואוסט, וואָס דאָ קומט פאָר, אָבער באַלד האָט ער דערהערט, ווי די ארומיגע ריידען צווישען זיך.

— דער ארי׳ הקדוש אַליין וויל זיך מתוכה זיין מיט ר׳ ישראל בעל־שם־טוב...

ר׳ נחמן האָט א ציטער געטהאָן.

— וואו געפין איך זיך דאָ? — האָט ער אויסגעמורמעלט — ווי קומט דאָ דער ארי׳ הקדוש, ער איז שוין דאָך, דאַכט זיך, לאַנג אין די עולמות העליונים?

און דאָ דערווייל איז דער יונגערמאַן ארויף אויף דער בימה און האָט גענומען מיט גרויס ברען פערטיידיגען זיין למוד. זיינע אויגען האָבען געשאָטען מיט פייער, זיין פנים האָט געלויכטען, ווי ער וואָלט געווען א מלאך, זיין גוף האָט געציטערט, און זיין קול האָט געקלונגען מיט גבורה און מיט מתיקות. די ווערטער האָבען זיך געשאָטען פון זיין מויל אָהן אַן אויפהער, און ער האָט געהאַלטען אין איין פערטהיידיגען זיין שיטה.

דער בעל־שם־טוב אָבער איז געשטאַנען שטאָלץ אויף זיין פּלאַץ, און האָט מיט א שמייכעל אויף די ליפּען זיך צוגעהערט, וואָס דער רעדנער זאָגט. ווען דער יונגערמאַן אָבער האָט פאַרענדיגט, האָט ער ווידער גענומען ווייזען, אַז ער איז גערעכט אין זיין שיטה, ניט דער ארי׳, ז״ל.

און צווישען די ביידע גדולים האָט זיך אָנגעפאַנגען א שטאַרקער ויכוח. יעדער איינער בעווייזט, אַז נור ער איז גערעכט, זה בונה וזה סותר, און יעדערער האַלט זיך ביי דאָס זייניגע.

א לענגערע צייט האָבען זיי זיך מתוכח געווען, ענדליך האָט דער אינגערער אויסגערופען:

— לאָמיר זיך פערלאָזען אויף דער פּמליא של מעלה!

א מאָדנע שטילקייט האָט פאַר א היבשע צייט געהערשט אי'ן חדר, אַלע זיינען געשטאַנען אָנגעשטרענגטע און געוואָרט, וואָס דאָ וועט זיין. אָבער עס האָט לאַנג ניט גענומען און א איש זקן וקדוש האָט זיך אויפגעשטעלט און הויך אויפ׳ן קול אויסגעשריען:

— מיר פסקנ'ן אז ר' ישראל איז גערעכט!

באותה שעה האָט ר' נחמן דערפיהלט, ווי מען ציהט איהם שטארק פאר'ן ארבעל, און א ליעבליכע שטימע רעדט צו איהם:

— שטעה אויף, גענוג צו שלאָפען!

ר' נחמן האָט אויפגעעפענט זיינע אויגען און האָט דערזעהן זיינע חברים, וואָס זיינען געזעסען ארום טיש, און נאָך מעהר — זיין רבי דער בעל־שם־טוב, איז געשטאַנען לעבען איהם און געשמייכעלט:

— שטעה אויף! — האָט דער בעל־שם־טוב נאָכאמאָל ארויסגערעדט.

ערשט יעצט האָט זיך ר' נחמן דערמאָנט אלעס, וואָס מיט איהם איז פאָרגעקומען, ווי דער בעל־שם־טוב האָט פאר די תלמידים גערעדט וועגען די יחודים און כונות פון דער מקוה, ווי ער האָט געשטעלט זיך געגען זיין רבי'ן, ווען ער האָט געזאָגט א מאמר ניט אזוי, ווי דער ארי' הקדוש טייטשט אוים, און ווי ער איז באלד איינגע־שלאָפען. ער האָט אָבער אויך גוט געדענקט דעם גאנצען „חלום", וואָס ער האָט געזעהן.

א ווייլע איז ר' נחמן געזעסען פארקלעהרט, אָבער באלד איז ער געקומען צו זיך, און האָט הויך אויסגערופען:

— רבי, וואָס איז דאָ מיט מיר פאָרגעקומען?!

דער בעל־שם־טוב האָט ווידער א שמייכעל געטהאָן:

— אדרבא, דערצעהל טאַקע פאר אלעמען, וואָס מיט דיר האָט אזעלכעס געשעהן.

און ר' נחמן האָט די גאנצע מעשה דערצעהלט צו זיינע חברים. אלע האָבען דאן פערשטאַנען, אז דער בעל־שם־טוב, ז"ל, האָט געהאַט עלית־נשמה און זיין תלמיד מיט זיך מיטגענומען צו בעווייזען איהם, ווער עס איז גערעכט.

— היוצא לנו מדברינו — האָט דער איד מיט'ן ספּאָדיק, וועלכער איז געוועזן ניט קיין אנדערער, ווי דער ליאדיער צדיק, ר' שניאור זלמן, ז"ל, פאַרענדיגט זיין מעשה, ביי דעם דאָרפסמאַן אין הויז — אז אין לנו גדול כר' ישראל בעל־שם־טוב, ז"ל, דער מיסד

החסידות, און דאָ געפינען זיך נאָך אידען, וואָס זיינען, דאכט זיך, יראים ושלמים און ווילען איינשמועסען דעם עולם, אַז מיר, די נאָכ־פאָלגער פון דעם קדוש וטהור, זיינען חוטאים ופושעים, חס ושלום. אָט שטעהען דאָרטען אין דרויסען אונטער אַ פענסטער צוויי יונגעלייט בעהאַלטען, איינער פון וועלכע האָט בעת׳ן אויסרופען דעם חרם ניט אָבגעלאָזען, סיידען מען זאָל זאָגען די תפלה „פסו־אמנה“.

די צוויי יונגע לייט זיינען געבליבען שטעהן צוטומעלט. אויף אַזאַ אויספיהר האָבען זיי זיך ניט געריכט.

— קום, לאָמיר אַנטלויפען! — האָט ר׳ שלמה פריידעס אויסגעשריען — די חסידים וועלען אַרויס און אונז צערייסען ווי אַ הערינג.

— בשום אופן ניט! — האָט ר׳ אברהם אויסגעשריען — יהיה מה שיהיה! איך געה שוין אַריין צום חסידישען רבי׳ן אין חדר, צו וואָס זאָלען מיר וואַרטען?

און תוך כדי דבור האָט ער זיך געלאָזען אין חדר, וואו דער צדיק הדור איז געזעסען.

ווי איבעראַשט איז ער געוואָרען, ווען אַריינקומענדיג אין חדר. האָט דער ליאַדיער, ז״ל, אנשטאָט איהם אויפצונעהמען מיט רוגזה און כעס, ווי ר׳ אברהם האָט זיך געריכט, גאָר איהם אויפגענומען מיט גרויס ליעבשאַפט.

— שלום עליכם ר׳ אברהם! — האָט דער ליאַדיער, ז״ל, געזאָגט — אַן אורח הגון, בפועל ממש, זעץ דיך!

און אַז דער ליאַדיער, ז״ל, הייסט זיך זעצען, רוקען זיך די חסידים פונאַנדער, און מען מאַכט, מסתמא, פלאַץ פאַר דעם אורח.

און תוך כדי דבור האָט דער מיסד שיטת חב״ד גענומען זיך זאָגען תורה.

———— : : ————

אין דערזעלבער נאַכט איז דער ליאַדיער ז״ל, אָפגעפאָהרען צוריק קיין לאָזנע, און ר׳ אברהם שיינעס איז אויך מיטגעפאָהרען מיט׳ן רבין.

אויף מאָרגען, ווען הרב ר' צבי שיינעס איז אויפגעשטאַנען און האָט זיין זוהן ניט מעהר געטראָפען אין הויז, און דערצו זיינע נאָך זיינע אויבערשטע מלבושים געלעגען אויף זיין בעט, האָט ער האָט ער ניט אַנדערש געמיינט, אַז זיין זוהן האָט זיך דערטרונקען, חלילה. צו זיין טרויער איז ניט געווען קיין טרייסט. ער האָט געדענקט, אַז זיין זוהן האָט ניט געקענט פערטראָגען די חרפה, וואָס ער האָט איהם אָנגעטהאָן, בעת ער האָט אויף איהם צובראָכען דעם שטעקען.

ערשט אין אַ פּאָר מאָנאַטען שפּעטער, האָט זיך הרב ר' צבי שיינעס דערוואוסט, וואו זיין זוהן איז אהינגעקומען.

אַ הארציגער ויכוח

ווען הרב ר' צבי שיינעס משקלאָוו האָט זיך דערוואוסט, אַז זיין בן יקיר געפינט זיך גאָר אין לאַנגע ביי דעם חסידישען רבי'ן, אויף וועמענס שיטה מען האָט מיט אַ קורצער צייט צוריק אויסגערופען אַ חרם בקול־רם, האָט ער געריסען קריעה, און האָט זיך געזעצט „שבעה", אַזוי ווי נאָך אַ מת, חלילה... ווארום דעם אמת דאַרף מען זאָגען, אַז באותה שעה, ווען די ידיעה, אַז זיין זוהן איז געוואָרען אחד־מאנשי שלומנו האָט איהם דערגרייכט, האָט דער אויפריכטיגער גרויסער מאַן טאַקע געפיהלט, ווי זיין זוהן וואָלט דאָ עפּעס בעגאַנגען איינע פון די גרעסטע חטאים...

אָבער ווען עס איז פאַראיבער אַ לענגערע צייט, און הרב צבי שיינעס האָט זיך אביסעל בערוהיגט פון דעם שווערען קלאַפּ, וואָס ער האָט געדענקט, ער האָט בעקומען, האָט ער גענומען טראַכטען וועגען אַרויסראַטעווען זיין זוהן פון די חסידישע הענד, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַן עצה געהאַלטען מיט די גדולי שקלאָוו, האָט ער אָנגעשריעבען אַ בריעף צו דעם ליאַדיער, ז"ל, אין וועלכען ער האָט בגזרת כבוד־אב אויפגעפאָדערט זיין זוהן זאָל באַלד קומען אהיים.

גלייך ווי דער דאָזיגער בריעף איז אָנגעקומען, האָט דער רבי ז"ל געלאָזט רופען צו זיך ר' אברהם שיינעס און האָט איהם איבערגע־געבען דעם בריעף.

— וויבאַלד דיין פאָטער איז אויף דיר גוזר צו קומען, טאָרסטו דאָ זיך ניט פערזאַמען אפילו קיין איין רגע. פאָהר שוין אהיים!

ר' אברהם האָט אויפגעציטערט.

— ווי אַזוי קען איך דאָס פאָהרען אהיים? מאַכט דאָך, ווען איך האָב אַריינגעקוקט אין אַ קבלה־ספר, האָט דער טאַטע יחיה אויף מיר צובראָכען זיין שטעקען, בפרט יעצט, וועט מען דאָך מיר געוויס ממית'ן! —

דער ליאַדיער ז"ל האָט זיך פערטראַכט.

— על כן, וואס זאל זיין? — האט דער רבי נאך א ווייל־שווייגען געזאגט — דא זיין קענסטו ניט מעהר, און בכלל גזרת כבוד אב... —

— איך קען אהיים ניט פאהרען! — האט ר׳ אברהם פעסט געזאגט.

— יא, דאס איז ניט מעשה חסיד! — האט דער רבי שוין בייזלאך געזאגט — נור געה, איך וועל דיר שוין זאגען, וואס מיט דיר זאל זיין —

אין דעמזעלבען טאג, האט דער רבי ז״ל אפגעשיקט א מכתב־צוריק, אז ר׳ אברהם איז מרוצה צו קומען אהיים, בתנאי, אז ר׳ צבי זאל געבען א תקיעת־כף צו איינעם פון די שקלאווער רבנים, דאס ער וועט זיין זוהן ניט שלאגען.

ר׳ צבי האט אנגענומען דעם ליאדיערס ז״ל פארשלאג, און ר׳ אברהם האט זיך אומגעקעהרט אהיים.

איבער א יאהר איז ר׳ אברהם געזעסען ביי זיין פאטער אין הויז, קיינער פון די בני־בית האבען מיט איהם ניט גערעדט מכל־שכן זיין פאטער, יענער האט אויף זיין זוהן אפילו קוקען ניט געוואלט. עסען פלעגט ער זיך דארפען נעהמען אליין, און ניט זעלטען פלעגט ער זיך דארפען שלאגען מיט זיין עלטערער שוועסטער, וועלכע פלעגט פון איהם פארשליסען די ברויט.

ענדליך האט ר׳ אברהם שיינעס איינגעזעהן, אז אזוי לעבען איז גאר קיין תכלית ניט, האט ער בעשלאסען צו מאכען וועגען דעם א סוף. אין א שעהנעם פריהמארגען איז ער ארויס פון זיין חדר און האט זיך געלאזט צו הר״הג ר׳ הענעך שיק און הר״הג ר׳ משה ראשקעס,ביידע מורי־הוראות פון שקלאוו.

הר״הג ר׳ הענעך און הר״הג ר׳ משה זיינען געווען ביידע גדולי בתורה וביראת שמים, אבער אין דער צייט, ווען ר׳ הענעך איז געווען א מזג־טוב, ממש תוכו כברו, א איד מיט א גוט הארץ און מיט גוטע מדות, איז ר׳ משה געווען א טרוקענער למדן און דערצו זעהר א בייזער. פאר זיין בליק פלעגט יעדער אויפציטערען. ער איז געווען אין דער בחינה „אין־רחמים־בדין“. ווער רעדט נאך געגען א חסיד

איז ער ממש געווען אש להבה. ער איז געווען דער ערשטער צו געבען זיין הסכמה אויף דעם חרם...

ר׳ אברהם איז צו אלעם ערשטען אוועק צו ר׳ הענעך׳ן. ווען ער איז דארט אריין, האט ר׳ הענעך פארדעקט די אויגען ניט אנצוקוקען דעם פושע־ומורד.

— רבי, האט זיך ר׳ אברהם צו איהם געווענדעט — רבי, פאר וואס קומט דאס מיר אזא שטראף? וואס אזוינס האב איך געטהאן?—

— פאר וואס ביזטו אנטלאפען פון דיין טאטען? — האט ר׳ הענעך איהם שטיל געפרעגט — מה ראית על ככה — ווי קומסטו צו יענער כת?... —

—רבי! —האט ר׳ אברהם אויסגערופען מיט גרויס רגש —רבי, לאמיך אייך עפעס דערצעהלען. איהר ווייסט גאנץ גוט, אז ווען איהר האט דא אין שקלאוו אויסגערופען דעם חרם, בין איך געשטאנען פעסט, מען זאל נאך זאגען די תפלה „פסו אמנה". איך האב געגלויבט באמונה שלמה, אז די שיטה פון יענער כת איז געגען אונזער דת און געגען אונזער תורה־הקדושה. אבער ווען איך בין געקומען אין שוהל און האב זיך גענומען צוריק צו דער גמרא, האב געוואלט ווידער זיך פערטיעפען אין די שעהנע סוגיא׳ס, האב געוואלט ווידער הנאה האבען פון די פלפולים איבער א „ויש־לישב", וואס שארפט אויס דעם מח, האב ווידער געוואלט זיך צוהערען די קלוגע איינפאלע איבער א דבר־הלכה, אבער איך האב עס ניט געקענט. איך האב דער־פיהלט א מאדנע שווערינקייט אין מיין גאנצען גוף, איך האב דערפיהלט א מאדנעם טרויער און א רחמנות אויף די אלע אידען, וועלכע מיר האבען געוואלט מרחיק זיין פון קהל ה׳ איז מיר בעפאלען.

— מיר האט זיך געדוכט, אז די צעהנדליגע טויזענדע אידען שטעהען מיט זייערע אויסגעשטרעקטע הענד און פרעגען: ווארום האט איהר אונז פערטריבען פון זיך, צי זיינען מיר ניט אזעלכע עהרליכע אידען ווי איהר זענט?" און אט די מחשבות האבען מיך אזוי צוטור־מעלט, אז איך האב זיך שוין צו דער גמרא ניט געקענט נעהמען, און איך האב ביי זיך באשלאסען נאכצוזעהן, ווי אזוי די חסידים פיהרען זיך און ווער זיי זיינען.

— נו, האָט ר' הענעך אויסגערופען.

— נו, אָט דאָס איז וואָס איך זאָג, אַז אונזער תורה איז גערעכט! אין דנין לו לאדם שלא בפניו! מען מוז פאָרדעם זעהן, זיך צוקוקען, חוקר ודורש זיין, און דאַן ארויסטראָגען דעם פּסק־דין... ווען איך האָב דערזעהן מיט וואָס פאַר א התלהבות און דבקות, מיט וואָס פאַר א שמחה און יראה, מיט וואָס פאַר אַן אהבה און פייערדיגען געפיהל ניט דער רבי אליין, נור בלויז איינער פון זיינע חסידים דיענט דעם רבונו־של־עולם, האָב איך ערשט פערשטאַנען, אַז מיר זיינען אומגערעכט געווען... אַז אונזער פּסק־דין איז געווען אַ צו שטרענגער און ניט קיין גערעכטער. אָבער איידער איך האָב זיך בעשלאָסען צו ווערען אַ חסיד, האָב איך פאָרדעם געוואָלט זיין דאָרטען ביי דעם מיסד־השיטה און זעהן מיט מיינע אייגענע אויגען, און הערען מיט מיינע אייגענע אויערען, וואָס ער לערנט.

— וואָס האָסטו אויסגעפונען? — האָט ר' הענעך שטיל געפרעגט.

— רבי! — האָט ר' אברהם פאָרטגעזעצט — די חכמים אונזערע האָבען געזאָגט: „פּני משה כחמה, פּני יהושע כלבנה" — משה'ס פּנים האָט געשיינט ווי די זוהן, און יהושע'ס פּנים — ווי די לבנה. דאַרפען מיר דאָך פאַרשטעהן, אַז אין תורה, אין קענטניש איז יהושע געווען ווי משה, ווארום בודאי האָט יהושע מקיים געווען אַלעס, וואָס משה האָט מקיים געווען, אָבער די נפקא־מינה איז געווען אין פּנימיות, אין די אינערליכע געפיהלען, אין דער מדרגה פון התלהבות און דבקות. אָט אַזוי איז עס מיט מיר. פאַר דעם, ווען איך האָב געזעהן, ווי איהר זיצט און לערנט, דאַווענט און זייט מקיים מצוות, האָב איך געדענקט, אַז קיין גרעסערעס, בעסערעס און ערהאַבענעס איז נישטאָ, אָבער אַז איך בין געווען דאָרטען, וואו אַלעס לעבט און בעוועגט זיך מיט דער אמת'ר שמחה און תענוג, דאָרטען אַ חוץ יראה, האָב איך אויך דערזעהן אהבה, אהבת־המקום און אהבת־הבריות, איך האָב דערהערט דבורים, וואָס געהען אַרויס פון הארצען און דרינגען אריין אין הארצען, איך האָב דערזעהן די נשמה פון

דער תורה, דאַן האָב איך פערשטאַנען, אַז איהר זייט ווייט איינע פון די אַנדערע כאור הלבנה מאור החמה.

—און אויב רבי, איהר ווילט איך זאָל עס אייך אויסמאַהלען, זאָג איך אייך, אַז דאָס איז אונמעגליך. דאָס דאַרף מען זעהן מיט די אויגען און הערען מיט די אויערען. אדרבא, אויב איהר ווילט ניט זיין קיין דן לאדם שלא בפניו, דאַן קומט מיט מיר אַהין... ווען איהר וועט אַ קוק טהאָן אויף די פּראָסטע עהרליכע אידען, וועלכע קומען דערשלאָגענע און צובראָכענע, אויסגעמוטשעטע און פארוועהטאָגטע, און ווי זיי קריגען דאָרט אַ חיות, און אַ רפואה צו דער נשמה, וואָס פאַר אַ שמחה עס פלאַנצט זיך איין אין זייערע הערצער, וואָס פאַר אַ שטראַהלען פון האָפנונג עס שיינט אַרויס פון זייערע אויגען — דאַן וועט איהר עס פיהלען און פערשטעהן... —

ר׳ אברהם האָט זיך אָפּגעשטעלט, און ר׳ הענעך איז אַ ווײַלע געשטאַנען פערטראַכט.

— אם כן, וואָס ווילסטו? האָט ער איהם ענדליך געפרעגט.

— איך וויל מען זאָל מיך ניט אַזוי שלעכט בעהאַנדלען.

ר׳ הענעך האָט אַ מאַך געטהאָן מיט די הענד, ווי ער פער־טרייבט פון זיך אַ מאָדנע מחשבה.

— גוט! האָט ער אויסגערופען — איך וועל ריידען מיט דיין טאַטען! — *)

נאָכדעם ווי ר׳ אברהם שיינעס האָט נעקראָגען די הבטחה פון שקלאָווער רב, הרב הגאון ר׳ הענעך שיק, אַז ער וועט זיך דורכשמועסען מיט ר׳ אברהם׳ס פאָטער לטובתו, איז ער אוועק צום צווייטען מורה הוראה הרב הגאון ר׳ משה.

כפי ווי מיר האָבען שוין דערצעהלט איז דער ר׳ משה געווען אַ גרויסער למדן, ממש אַ ענק בתורה, אָבער דערפאַר איז ער געווען זעהר אַ שטרענגער, און וואָס איז שייך צו דער נייער שיטה, וואָס

---

*) כדאי צו בעמעקען, אַז אָט דעם ר׳ הענעך׳ס אַ זוהן: ר׳ פנחס שקלאָווער, איז שפּעטער געוואָרען איינער פון די געהויבענע חסידים פון „ליאַדיער“.

האָט זיך אין זיין צייט גענומען פאַרשפּרייטען אין יענע געגענדען, איז ער ממש געווען אַ נוטר ונוקם כנחש. טאָמער האָט ער זיך דער־וואוסט פון עמיצען, וואָס איז נוטה צום נייעם למוד, האָט ער נערודפט עד חרמה. . .

ווען ר' אברהם שיינעס איז צו איהם אַריינגעקומען האָט ר' משה אויפגעהויבען זיינע גרויסע אויגען אויף דעם אורח און האָט נור אַ מינוט איהם בעטראַכט, דאַן האָט ער אויסגעשפּיענען און אַוועקגעקעהרט זיין קאָפּ אָהן אַ זייט, ווי ער וואָלט פאַר זיך, חלילה אַ אומריינע זאַך געזעהן. . .

ר' אברהם אָבער איז געווען פעסט בעשלאָסען ביי זיך צו האָבען אַ שמועס מיט דעם גדול בתורה, און האָט דערפאַר געמאַכט זיך, ווי ער וואָלט ניט בעמערקט דעם שעהנעם ברוך הבא וואָס ר' משה האָט איהם געגעבען.

— אַ גוטען מאָרגען, רבי האָט ר' אברהם הויך אויסגערופען.

— שגץ! ארויס פון דאַנען! — האָט הרב ר' משה אויסגע־שריען.

ר' אברהם האָט אַ ביטערען שמייכעל געטהאָן.

— רבי, און אַז איך וועל אייך עפּעס פרעגען, וועט איהר מיר אפילו ניט ענטפערען? פאַרוואָס? מה פשעי ומה חטאתי?

הרב ר' משה האָט אויף דעם ניט געבעטענעם אורח אויפגעשטעלט אַ פּאָר אויגען, אַז אַ קעלט איז דורכגעלאָפען דורך אברהם'ס גוף. אַזאַ מין כעס און צאָרן האָט ער אין זיינע אויגען דערזעהן, ווי יענער וואָלט איהם געוואָלט צורייסען.

אַ ווייל איז ער געשטאַנען צוטומעלט. ניט ווילענדיג איז איהם דורכגעלאָפען דורך זיין מוח די געשטאַלט פון זיין נייעם רבין אין לאָזנע, ניט ווילענדיג האָט ער פערגליכען די אויפנאַהמע פון יענעם מיט דעם יעצטיגען. יענעמס אויגען זיינען געווען מיט אהבה, מיט חמלה מיט רחמנות, זיין קוק איז דיך מחיה, פילט אָן דיין קערפּער מיט אַ זיסע אַנגענעהמע וואַרימקייט, און דער איז נאָר אַזוי בייז, אַזוי שלעכט, אַזוי צאָרניג, אָהן אַ פונק פון אהבה.

און פון ר׳ אברהם׳ס ברוסט האָט זיך ארויסגעריסען א שווערער ביטערער זיפץ. אין יענער מינוט האָט זיך איהם געוואָלט ארויס־שפּרינגען פון דעם בייזען פּלאַץ און מיט איין שפּרונג צוריק אַנטלויפען דאָרטען, וואו עס איז אזוי לוסטיג, אזוי פרעהליך און אזוי לעבעדיג.

— האָסט חרטה ? — האָט הרב ר׳ משה ארויסגעברומט מיט זיין לייבען שטימע און א געוואַלדיגע פעראַכטונג איז געווען קענטיג אין זיין קול. משמעות ער האָט געמיינט, אז ר׳ אברהם האָט א הרהור תשובה אויף דעם „חטא“, וואָס ער איז בעגאנגען מיט זיין אַנטלויפען קיין לאָזנע.

— חרטה ? — האָט ר׳ אברהם שטיל אויסגערעדט — חרטה, אויף וואָס רבי ?

— וואָס ? — איז ר׳ משה אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט — ווילסט נאָך אפילו קיין תשובה ניט טהאָן, וואָס דו האָסט זיך מתדבק געווען צו יענער כת, אויף וועלכע אַלע גדולי הדור האָבען דאָ פאַר דיינע אויגען א חרם אויסגערופען.

און פון זיינע אויגען האָט ממש געשפּריצט פייער... ער האָט גענומען קלאַפּען מיט די פיס, וואַרפען מיט די הענד, און עס האָט זיך געקענט דוכטען, אז אָט אָט נאָך א מינוט און נאָך א מינוט און ער וועט צורייסען דעם יונגענמאַן אויף שטיקלעך, ממש כדג ומגבו...

ר׳ אברהם האָט אָנגעפאַנגען צו ציטערען מיט אַלע איברים, איהם איז פינסטער געוואָרען אין די אויגען, דאָס הארץ האָט איהם גענומען קלאַפּען, און פשוט דער אָטהעם האָט איהם פערכאַפּט. ער האָט געוואָלט ארויסלויפען פון הויז, אָבער די פיס האָבען זיך איהם צוגעשמיעדט און ער האָט ניט געקענט ריהרען זיך פון אָרט.

— ענטפער שגץ, ענטפער ! ווילסט אפילו ניט חוזר זיין בתשובה ! — האָט ר׳ משה געדונערט. — ווי האָסטו עס געוואַגט קומען צו מיר, ווען דו ווייסט, אז מען טאָר אין דיינע ד׳ אמות ניט שטעהען ?—

אָבער ר׳ אברהם האָט ענטפערען ניט געקענט, ער האָט נור געפיהלט, אז אָט, אָט וועט ער אומפאַלען.

פלוצלונג האָט ער דערפיהלט, ווי אַ צאַרטע ערדעלע האַנד האָט זיך אַוועקגעלעגט אויף זיין פּלייצע, און האָט איהם אַנגעפאַנגען אַזוי צערטליך, פּאַטערליך צו גלעטען. און מיט יעדער רגע האָט ער דערפיהלט, ווי עס גיסט זיך אין איהם אריין נייע כחות, נייע קרעפטען, אַזוי ווי איבער זיין גאַנצען גוף גיסט זיך פונאַנדער אַ ליעבע וואַרימקייט, אַזוי ווי ער וואָלט עפּעס אויסגעטרונקען אַ מים חיים, אַ קרעפטיגע רפואה, און וואָס מעהר די וואַרימקייט צוגעהט זיך איבער זיינע אָדערען, אַלץ ליכטיגער ווערט איהם אין די אויגען, אַלץ קלאָהרער ווערט איהם אין קאָפּ.

עס זיינען קוים איינינגע מינוטען אַוועק, און ער האָט אויך דערהערט ווי אַ שטילער קול שעפּטשעט איהם אין די אויערען — „חזק ואמץ! אַל תרא ואל תפחד!“ — ניטאָ זיך וואָס צו שרעקען!“ און געדוכט האָט זיך איהם, אַז ער הערט די שטימע פון זיין רבי'ן. ר' אברהם האָט זיך אָנגענומען מיט כח.

— רבי! — האָט ער אויסגערופען — איך וויל אייך אַלס ענטפער פרעגען אַ דין —

און איידער יענער האָט נאָך צייט געהאַט עפּעס צו זאָגען, האָט שוין ר' אברהם אַ פרעג געגעבען עפּעס אַ שווערע שאלה.

ר' משה איז אַ ווײַלע געבליבען שטעהן, ווי ער וואָלט זיך מישב זיין צי ער זאָל ענטפערען צו ניט, אָבער ענדליך האָט ער בעשלאָסען צו ענטפערען.

און איידער ער האָט נאָך געענדיגט זיין תשובה אויף דער שאלה, האָט איהם שוין ר' אברהם אָבגעשלאָגען מיט אַ ט"ז. ר' משה'ן האָט עס פערדראָסען, האָט ער ווידער געענטפערט, אָבער ר' אברהם האָט איהם דאַן בעוויזען מיט אַ רמב"ם, אַז דער דין איז ניט אַזוי. דאָ האָט זיך ר' משה איננאַנצען פארגעסען מיט וועמען ער האָט דאָ צו טהאָן. אין איהם האָט זיך שוין ערוועקט דער גרויסער למדן און חריף, און ער האָט גענומען אָפּשלאָגען די רייד מיט דעם יונגערמאַן און בעווייזען מיט ראיות ברורות, אַז ער איז גערעכט.

און ביידע האָבען זיך פערנומען אין פּלפּול. דער בויט און דער ברעכט, דער ווייזט אויף, אַז ער איז גערעכט און יענער ווייזט דעם

היפוך, ווארום אַט דער ר׳ אברהם איז אויך ניט קיין קליינער למדן געווען, און ווי אַן אויסערגעוועהנליכער כח וואָלט איהם צוגעגעבען מוטה, האָט ער אַלץ נייע סברות נייע הלכות, נייע פּירושים געפונען, און האָט אַלץ געוויזען ר׳ משה׳ן, אַז דער דין איז ניט ווי ער זאָגט.

ענדליך האָט ר׳ אברהם זיך שטאַלץ אַ שטעל געגעבען:

— רבי, ווי אַזוי קענט איהר זאָגען דעם מאמר אַזוי און אַזוי, אַז תוספות דאַרטען און דאַרטען זאָגט פּונקט דעם היפוך.

הרב ר׳ משה האָט זיך אַ גלעט געטהאָן מיט דער האַנד איבער׳ן שטערען, ווי ער וואָלט זיך עפּעס דערמאָהנען, און איז געבליבען שטיל...

און באותה שעה האָט ר׳ אברהם דערפיהלט, אַז איהם ווערט ווידער פינסטער אין די אויגען, די קרעפטען לאָזען איהם אָפּ, און ער איז אומגעפאַלען אויפ׳ן שטול.

ווען ער איז צו זיך געקומען, האָט ער דערזעהן, אַז ער געפינט זיך ביי זיין פאָטער אין הויז... דאָס הייסט מען האָט איהם אַ גע־חלש׳טען געבראַכט אהיים.

נאָך אין דעמזעלבען טאָג האָט ער ערקלעהרט זיין פאָטער, אַז ער פאָהרט גלייך צוריק קיין לאָזנע, אָבער צו זיין פערוואונדערונג האָט זיין פאָטער ר׳ צבי שיינעס איהם גאַרניט געזאָגט און ניט געשטערט. משמעות, ר׳ הענעך שיק האָט זיין וואָרט געהאַלטען און גערעדט מיט זיין פאָטער, און ר׳ משה האָט זיך געשעמט צו דערצעהלען, אַז ער איז דורכגעפאַלען צוליעב דעם תוספות...

אין אַ פּאָר טעג שפּעטער, איז ר׳ אברהם אָפּגעפאָהרען בראש גלוי קיין לאָזנע און קיינער האָט איהם שוין מעהר ניט געשטערט.

ווי איבערראַשט איז ער געוואָרען, ווען ער איז אָנגעקומען קיין לאָזנע און האָט דעם רבי׳ן שלום געגעבען, האָט דער רבי אַ שמייכעל געטהאָן.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקען? — האָט דער רבי ז״ל שטיל צוגעגעבען? ניט געווען כדאי אַזוי זיך אויפצורעגען! און

איך האָב געדענקט, אז דו ביזט שוין אַליין בכח צו בעשטעהן דיין שטעדטעל, און מיך ניט מטריח צו זיין. הא?

דאן ערשט האָט ר׳ אברהם פערשטאַנען, וועמענס האנד עס איז אויף זיינע פּלייצעס געלעגען, און ווער עס האָט איהם אזא גוואַל־דיגע תקיפות געגעבען. דער ליאדיער ז״ל איז געקומען שטאַרקען דאָס הארץ פון זיין נייעם תלמיד...

פון דאַן איז ער שוין פערבליבען אין לאָזנע, און איז שפּעטער געוואָרען דעם ליאדיער׳ס ז״ל איידעם.

די פופצעהן - יאָהריגע מחלוקה

נאָכדעם ווי ר׳ אברהם שיינעם האָט פערבראַכט אין לאַנגע א געוויסע צייט, איז געוואָרען איינער פון די געהויבענע חסידים און א תלמיד מובהק פון ליאַדיער ז״ל, האָט דער רבי איהם גענומען פאַר אַן איידעם פאַר זיין טאָכטער רחל.

אַלע חסידים אנשי שלומנו, וועלכע פלעגען קומען קיין לאַנגע און שפּעטער קיין ליאַדי, האָבען געהאַט גרויס אָפּשיי פאַר ר׳ אברהם׳ן, און נים קיין וואונדער דערפאַר, וואָס נאָך דער הסתלקות פון ליאַדיער, ז״ל, ווען ר׳ אהרן הלוי, אדמו״ר מסטראַשיליע, האָט זיך ערקלעהרט אַלס יורש רוחני פון „רב״ ז״ל און האָט גענומען פראַווען א „טיש״, און ר׳ אברהם שיינעם איז געווען פון די ערשטע צו ווערען כפוף צו ר׳ אהרן ז״ל, האָבען פיעלע פון די עלטערע חסידים איהם נאָכגעטהאָן און זיינען אויך געפאָהרען קיין סטראַשיליע.

אדמו״ר ר׳ דובער, דעם ליאַדיעם עלטערער זוהן (אדמו״ר האמצעי), וועלכער האָט איבערגענומען זיין פאָטער׳ס כסא, און קובע מקום געווען אין ליבאַוויטש, האָט באַלד, ווי ער האָט דערהערט, אז זיין געוועזענער חבר האָט ביד חזקה געמאַכט „שבת פאַר זיך״, אַרויס־געשיקט בריעף צו אַלע געהויבענע חסידים אנשי שלומנו, אין וועלכע ער האָט זיי געלאָזט וויסען, אז זיין פאָטער ז״ל האָט איהם מסמיך געווען צו פערנעהמען זיין כסא, אָבער דער בריעף האָט נים פיעל פועל יוצא געווען. וואָס ווייטער איז די צאָהל נוסעים קיין סטראַשיליע געוואָרען אַלץ מעהר און מעהרער.

מען האָט זיך אויך געווענדעט מיט א בריעף צו ר׳ אהרנ׳ן אַליין, אָבער ר׳ אהרן האָט זיך געהאַלטען פעסט ביי זיין בעשלום.

דאַן איז אדמו״ר ר׳ דובער אַרויס מיט נאָך א אָפענעם בריעף צו אַלע געהויבענע תלמידים פון זיין פאָטער און האָט שטאַרק מרעיש עולם געווען אויף דעם „נייעם״ רבין. ער האָט זיך אויך געווענדעט צו דעם גרויסען חסידישען רבי׳ן ר׳ ישראל׳טשע ריזינער ז״ל. אָבער

דאָס אַלעס האָט קיין גרויסען שנוי ניט געבראַכט: דער סטראַשילִיער ז"ל איז זיך אַנגעגאַנגען מיט זיין דרך, און האָט זיך ווינציג געקימערט וועגען דעם, וואָס זיין געוועזענער חבר איז מרעיש עולם.

און דאַן האָט זיך צווישען די חסידים גופא צופלאַקערט די מחלקה. די יעניגע, וואָס זיינען געבליבען מיט דעם רבינ'ס ז"ל זוהן, זיינען אָפען ארויסגעטראָטען געגען די נוסעים צום סטראַשילִיער, ווי אויך געגען דעם סטראַשילִיער ז"ל אַליין.

איבערהויפּט נאָכדעם, ווי די חסידים אין האָדיץ האָבען זיך עפענטליך געשטעלט געגען ר' אהרן, בעת ער איז געקומען קיין האָדיץ זיך משתטח זיין אויף דעם קבר פון זיין רבין, און האָבען איהם ניט געלאָזט אריינקומען אין אהל פון דעם גרויסען צדיק, וואָס רוהט דאָרטען, דאַן איז די מחלוקה געוואָרען נאָך גרעסער. די חסידים פון סטראַשילִיע, ווען זיי האָבען זיך דערוואוסט, וואָס אין האָדיץ האָט פּאַסירט, ווי זייער רבי איז ניט אריינגעלאָזט געוואָרען אין אהל פון ליאַדיער, און ווען ער איז מיט אַ געשריי „לאָזט מיך צו מיין רבין" דוקא אריינגעשפּרונגען אין אוהל דורך אַ פענסטער, האָבען די דאָרטיגע חסידים צוגענומען דעם לייטער, און פערשפּאַרט איהם אין אוהל, וואו ער איז פערבליבען היבשע עטליכע שטונדען, ביז עמיצער האָט זיך מרחם געווען און איהם ארויסגעלאָזען, דאַן איז דער פייער געוואָרען נאָך שטאַרקער. די אָנהענגער פון סטראַשילִיער האָבען געזוכט אַלערליי דרכים, ווי אַזוי זיך נוקם צו זיין פאַר זייער רבינ'ס כבוד.

און דאָ האָט דער סטראַשילִיער אַליין בכבודו ובעצמו אויך ניט געשוויגען, און מיט זיין פען גענומען ארויסטרעטען געגען דער עבודה פון זיין חבר אדמו"ר ר' דובער, און האָט געוואָלט ווייזען, אַז נור ער געהט אין די טריט פון דעם מיסד שיטת חב"ד; דאַן איז די מחלוקה פערוואַנדעלט געוואָרען אין נאָך אַ גרעסערער פייער. דיביידע צדדים זיינען געוואָרען שטאַרק פערביטערט איינע געגען די אַנדערע, מען האָט בכתב ובעל־פה אויפגעוויזען איינע די אַנדערע, אַז נור יעדער פון זיי איז דער אמת'ר פערטייטשער פון די הייליגע דבורים פון ליאַדיער צדיק, און אַז נור ער אַליין דאַרף און מוז פערנעהמען זיין כסא.

ומי יודע צו וואָס די מחלוקה וואָלט געבראַכט ווען ניט דער צופאַל, וואָס האָט פּאַסירט, וואָס איינער פון די מנגדי חסידי חב"ד און מנגדי חסידים בכלל, האָט פּונקט ווי דער פּינסקער רב ר' אביגדור בשעתו פּער־מסר'ט די ביידע רביים, אַז זיי זיינען געגען דעם דת־היהדות און געגען די מלוכה, און דעראיבער זיינען זיי בוגדים פון דער מלוכה.

אָט די מסירה האָט געהאַט איהר גרויסע ווירקונג. באַלד איז פון דער עיר המלוכה אָנגעקומען אַ בעפעהל מען זאָל גלייך נעהמען תפוס דעם ליאַדיער'ס ז"ל זוהן, און אין אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט מען דעם זעלבען בעפעהל אויך אַרויסגעשיקט קיין סטראַשיליע. ביידע גדולים זיינען פאַרנומען געוואָרען און מען האָט זיי אָבגעשיקט קיין וויטעבסק, וואו מען האָט זיי פערזעצט אין בית־האסורים.

די דאָזיגע ידיעה איז געווען ווי אַ דונער אין אַ העלען טאָג פּאַר ביידע צדדים. פאַרגעסען געוואָרען די מחלוקה, די שנאה און מיט געמיינזאַמע כחות האָבען די חסידים גענומען ארבייטען פּאַר דער בעפרייאונג פון ביידע רביים. געלד האָט זיך געשאָטען ווי בלאָטע. אַלע האָבען פערשטאַנען, אַז דאָס איז אַן עונש, וואָס ביידע פריהערדיגע גוטע פריינד האָבען זיך פערוואַנדעלט אין שונאים, און מן השמים האָט מען זיי געגעבען זייער שטראָף באַלד אויף אַן אָרט, און דערפאַר האָט די מחלוקה כמעט ווי אויפגעהערט.

נאָכדעם ווי ביידע גדולים זיינען בעזרת השם יתברך באַפרייט געוואָרען, און זיי האָבען זיך אומגעקעהרט צוריק יעדערער אין זיין שטאָדט, איז די מחלוקה שטיל געוואָרען. אָבער ביידע צדדים זיינען נאָך אַלץ לידי שלום ניט געקומען.

די גאַנצע פּופּצעהן יאָהר בערך, וואָס דער סטראַשיליער ז"ל איז געווען רבי, זיינען ביידע צדדים געווען שטאַרק אויפגעטראָגען איינס קעגען די אַנדערען זיי האָבען צווישען זיך ניט גערעדט, און ניט איבערגעשריעבען זיך אין שאלות ותשובות בנגלה און בנסתר, אָבער גערודפ'ט זיך האָבען זיי שוין ניט.

בערך אַ יאָהר פּאַר דער הסתלקות פון סטראַשיליער ז"ל איז אדמו"ר ר' דובער ז"ל נסתלק געוואָרען אין דער שטאָדט ניעזשין, וואו זיין משכן כבודו געפינט זיך עד היום, און אדמו"ר ר' מנחם

מנדל, בעוואוסט אלס דער „צמח־צדק“ האט פערנומען זיין פלאץ.

ווען די ידיעה ווענען צמח־צדק ז״ל האט דערגרייכט צו אדמו״ר ר׳ אהרן הלוי ז״ל, האט ער מיט גרוים צופריעדענהייט עס אויסגע־הערט.

— יעצט ווייס איך, אז מיין רבינ׳ס פלאץ איז פערנומען פון איינעם, וואס איז ראוי עס צו פארנעהמען — האט ער מיט שמחה אויסגערופען.

אין א וואסער יאהר שפעטער איז אויך דער סטראשיליער ז״ל נסתלק געווארען, דאן האט א גרויסער טהייל פון חסידי סטראשיליע זיך צוריקגעקעהרט און געווארען אמת׳ע געטרייע ליבאוויטשער חסידים.

נור די יעניגע, וועלכע האבען ניט געקענט פערגעסען די מעשה האדיץ, האבען בשום אופן ניט געוואלט ווערען כפוף צום צמח־צדק ז״ל, און האבען דערפאר אויסגעקליבען אלס זייער רבי און מנהיג דעם סטראשיליער׳ס ז״ל זוהן.

אבער זיין זוהן איז ניט לאנג געוועזען רבי. אין א פאר יאהר שפעטער איז ער אויך נסתלק געווארען און דערמיט האט זיך געענדיגט די סטראשיליער גזע.

די סטראשיליער חסידים האבען אבער אלץ נאך ניט געוואלט צוריקקעהרען זיך צום ליבאוויטשער ז״ל, און א גרויסער טהייל פון זיי דאבען זיך געלאזט פאהרען קיין קאידאנאוו, קארלין און אנדערע האבען זיך איננאנצען אבגעזאגט פון צו פאהרען.

ערשט אין אייניגע יאהר שפעטער, ווען דעם צמח־צדק׳ס ז״ל נאמען איז ארויסגעגאנגען לשם ולתהלה, דאן האבען זיך אלע צוריק־געקעהרט צו איהם, און ליבאוויטש איז געווארען דער איינציגער מקום חסידות, וואו הונדערטע טויזענדע חסידים פלעגען קומען צו זייער רבין און מתענג זיין זיך פון זיין גרויסע חכמה, הן בנגלה והן בנסתר...

טעות הדפוס:

אין דער אַנמערקונג צו דער אָבהאַנדלונג „דער בעל־התניא און זיין וועלט אַנשויאונג" אויף זייטע צעהן, ווערט געזאָגט „הגם ער זאָגט וויפיעל מאָהל אלוה הוא הטבע". דאָס איז אַ טעות הדפוס. עס דאַרף זיין דאָרט „הגם ער זאָגט וויפיעל מאָהל אלהים בגימטריאַ הטבע".

אויף זייטע 158: אַנשטאָט די שורה: — „נו„ — די האָסט די ספר תורה אויפגעהויבען? — האָט ער," דאַרף שטעהן: „—אָ, האָסט איהם ניט דערקענט? געדענקסטו דאַן, ווען מיר"